STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01958

SHRAYBER UN VERK

Leo Koenig

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ווילנער פארלאג
ב. קלעצקין

לעאָ קעניג

שרייבער און ווערק

(עטיודן און שטריכן)

ווילנע — 1929

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

Leo Kenig — „Szrajber un werk"
Drukarnia „Wyd. Wileńskie" B. Kleckina, Wilno

אינהאַלט

	זייט
מענדעלע מוכר־ספרים	7
אַנאַטאָל פראַנס און י. ל. פּרץ (עטיוד)	20
מאַרק שאַגאַל און שלום־עליכם (עטיוד)	27
רב שלמה נגיד פון שלום אַש. אַ פּאָעמע פון יידישן לעבן	32
לייוויק און פּרץ הירשביין (אַ שטודיע אין טעמפּעראַמענטן)	42
וואו איז אַפּאַטאָשו? (וועגן זיין ראָמאַן „אין פּוילישע וועלדער")	48
משה נאַדיר (אַ פּאָר כאַראַקטער־שטריכן)	55
אַבֿרהם רייזען	60
שלום אַש און דוד בערגעלסאָן (כאַראַקטער־שטריכן)	70
דער דענדי (אָסקאַר אואיילד)	73
אָן אַ בשורה (וועגן טאָמאַס האַרדי)	82
לאָרד בייראָן	91
דער בונד, דער ציוניזם און די יידישע ליטעראַטור	98
פאַרוואָס ס'איז שווער צו לייענען די קלאַסיקער	111
השכלה, נאַציאָנאַלע ראָמאַנטיק, פּאָרמיזם און ווידער השכלה	118
פינף פּסעוודאָנימען	125
מעמוארן	137
דזשעק לאָנדאָן	142
באָמבערג און יהואש	154
אונזערע ליטעראַטור־קריטיקער	166
דיכטער, וואָס קענען נישט לאַכן (וועגן דוד בערגעלסאָן ביז דער רע־וואָלוציע)	172

מענדעלע מוכר־ספרים

1

פאַר דער וועלט־מלחמה פלעגט שלום אַש, שמועסנדיק וועגן אונזער יונגער יידישער ליטעראַטור, אָפט אין האַלבן ערנסט זאָגן:

„ווי אַזוי קען מען שרייבן ביי אונז קריטיק, אָדער די געשיכטע פון אונזער יידישער ליטעראַטור, אַז אַלע לעבן מיר נאָך?"

אין דעם כאַראַקטעריסטישן אַש־אויסדריק האָט געשטעקט אַ שטיק אמת. אין 1914 האָבן אַלע שאַפער און בויער פון דער יונגער יידישער ליטעראַטור נאָך געלעבט. אָט די גרויסע שרייבער אונזערע, וועלכע ווערן מיט רעכט איצט באַצייכנט אַלס אונזערע קלאַסיקער, זענען נאָך געווען אינם רעכטן ברען, האָט זיך געדאַכט, פון זייער שאַפן.

פּרץ האָט אין יענער צייט אָנגעהויבן שרייבן זיינע רייפע מייסטערהאַפטע זכרונות, פון וועלכע עס האָט געיאָגט מיט קינסטלערישער גבורה און האָט נאָך אַזוי פיל צוגעזאָגט צייטיקע פּרץ־ווערק פאַר אונזער ליטעראַטור.

שלום־עליכם איז געווען אין מיטן פון זיינע וואַנדערונגען און עס האָט נאָך פון אים געשפּרודלט מיט יידישן הומאָר און לעבן.

און אַפילו דער זיידע, מענדעלע מוכר־ספרים, האָט זיך געהאַט אין יענער צייט פאַרקאַטשעט די אַרבל נייע ווערק צו שאַפן, און דער עיקר איבערצוזיפן, אויסצופּוליטערן און באַאַרבעטן — אַן אַרבעט, פון וועלכער ער פלעגט קיינמאָל נישט מיד ווערן — זיינע שוין געשאַפענע ווערק אין יידיש און אין העברעיש.

אַלע האָבן נאָך געלעבט.

די וועלט-מלחמה איז געקומען און האָט גענומען שרייבן, אַזוי צו זאָגן, די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור. ערשט אין דעם לעצטן צענטליק יאָר אומגעפער זענען די ערשטע, די גרעסטע שאַפער פון דער נייער יידישער ליטעראַטור אַוועק פון די לעבעדיקע. פּרץ, שלום-עליכם, מענדעלע מוכר-ספרים, פרוג, מאָריס ראָזענפעלד, פרישמאַן, בעל מחשבות, יהואש און — לעצטנס — נאָמבערג.

אינם יונגן וועלדל זענען די העכסטע און עלטסטעביימער אויסגעהאַקט געוואָרן. ווי דער נישט-זעבאַרער „געשיכטע-שרייבער" וואָלט פלוצלינג באַשלאָסן: טאַקע, די נייע יידישע ליטעראַטור האָט שוין אַ רעכט ביסל שיינע אַלטע און נייע שרייבער: די יידישע ליטעראַטור איז שוין צייטיק געוואָרן פאַר קריטיק און געשיכטע.

צוליב די הויכע ביימער האָט מען דאָס גאַנצע וועלדל כמעט ווי נישט אַרויסגעזען. און ווי פלוצלינג איז געוואָרן אַ מגפה אויף די דעמבן. זיי זענען געפאַלן איינער נאָכן צווייטן.

און מען הייבט שוין אָן צו זען די ווייטע און נאָענטע אין אונזער יונגער ליטעראַטור; די ערשטע, די שפּעטערע און די יונגע און די לעצטע יידישע שרייבער און דיכטער אונזערע. עס איז שוין דאָ אַ שטיקל פּערספּעקטיוו, און די צייט ווערט שוין רייף פאַר אַ קריטישער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור, אויף וועלכער די וועלט-מלחמה האָט ווי פלוצלינג אַרויפגעוואָרפן אַן עלטער.

און דאָך זענען מיר נאָך נישט גענוג ווייט פון אונזערע קלאַסיקער און אפילו פונם זיידן פון דער יידישער ליטעראַטור — פון מענדעלע מוכר-ספרים. אַפילו די יינגסטע פון איצטיקע יידישע שרייבער קענען נאָך צו זיי, צו אונזערע קלאַסיקער, מיט דער האַנט דערלאַנגען, סיי פּערזענלעך, סיי אַלס קינסטלער. עס בינדט נאָך אונז צו די ריזן, צו די בויער פון אונזער ליטעראַטור אַ לעבעדי-

קער פערזענלעכער קאָנטאַקט, באַרירונג. עס הויכט נאָך אויף אונז זייער לעבעדיקער קינסטלערישער און מענטשלעכער אָטעם. און מיר האָבן נאָך צו זיי דעם לעבעדיקן דרך-ארץ און יראת-הכבוד, וועלכע שליסן אויס די מעגלעכקייט פון אַבסאָלוטער קריטישער אָביעקטיווי-טעט, אומפּאַרטייִישקייט.

די ייִנגערע ייִדישע שרייבער קוקן נאָך אויף די עלטערע און אויף די עלטסטע און ערשטע ייִדישע שרייבער נישט בלויז ווי קינ-סטלער אויף קינסטלער, נאָר ווי אויף טאַטעס און זיידעס. עס הערשט נאָך ביי אונז אין אונזער ליטעראַריש וועלטל דאָס וואַרימע צאַפּל-דיקע משפּחה-געפיל, וואָס ווי שיין און אידיליש עס זאָל נישט זיין, שליסט עס אָבער אויס די מעגלעכקייט צו קריטיקירן בלויז פון אַ ריין-קינסטלערישן שטאַנדפּונקט.

דער קאַראַקטער איז צעריסן געוואָרן טראַגיש, אַ פּאָר צענטליק ליבע וואַרימע הענט זענען אַרויסגעפאַלן, אָבער מיר פילן נאָך זייער באַנעטע וואַרימקייט אין אונזערע הענט, גלייך ווי זיי וואָלטן נאָך געווען צווישן די לעבעדיקע.

דער איינפלוס פון אונזערע קלאַסיקער איז נאָך גרויס און עס איז שווער פון דעם איינפלוס זיך צו באַפרייען, ווי מאַנכע פון די מאָ-דערנע ייִדישע דיכטער זוכן עס מיט רעכט, ווייל אונזערע קלאַסי-קער זענען נאָך פּערזענלעך אַזוי נאָענט צו אונז אַלעמען.

צום ביישפּיל, וואָס פאַר אַ הייִנטיקער רוסישער שרייבער קען עס פּערזענלעך די שאַפער פון דער רוסישער ליטעראַטור—פּושקינען, לערמאָנטאָוון און גאָגאָלן? און די יונגע רוסישע דיכטער קענען אַפילו נישט פּערזענלעך די שפּעטערע קאָריפעען-ריזן פון זייער ליטעראַטור—טאָלסטאָיען, אַנדרעיעוון און טשעכאָוון.

אונזערע יונגע שרייבער, און אַפילו מאַנכע פון די ייִנגסטע צווישן אונז, קענען זיך נאָך „באַרימען", אַז זיי האָבן געהערט אָדער געזען דעם „זיידן" פון דער ייִדישער ליטעראַטור, וועלכער איז באמת דער ערשטער ייִדישער שרייבער, דער ערשטער ייִדישער קינסטלער.

פון פּרצן און שלום-עליכמען איז דאָך אָפּגערעדט: מיר זענען דאַכט זיך אַלע ערשט אַרויס פון זייערע שרייב-קאַבינעטן און זייער

ליטעראַרישער „שיחת חולין", זייערע טאָג־טעגלעכע שמועסן קלינגען נאָך אין אונזערע אויערן...

דאָס איז אַ גרויסע מעלה פאַר מעמוארן־שרייבער, אָבער אפשר נישט אַזאַ מעלה פאַר ליטעראַטור־קריטיק.

2

ווי ווייט און ווי נאָענט!..

דאָס איז דער ערשטער געדאַנק, וואָס קומט, ווען איך טראַכט זיך איין אין דער פערזענלעכקייט און אין דעם שאַפן פון מענדעלע מוכר־ספרים — דעם שיינעם זיידן פון אונזער ליטעראַטור.

אָט געדענק איך נאָך ווי אַלס אַ שול־ייִנגל אין אַדעס האָב איך אַמאָל אויפן לאַנזשעראָן, אויפן ברעג פון דעם שווארצן ים אין אַדעס, באַגעגנט מענדעלען, שפּאַצירנדיק מיט דעם באַרימטן יידישן היסטאָריקער דובנאָוו. דאָס האַרץ, געדענק איך, האָט מיר געקלאַפּט, ווען איך האָב באַגעגנט די צוויי גרויסע יידישע שרייבער און עס האָט מיך פאַרדראָסן, געדענק איך, וואָס קיינער פון די שפּאַצירער (ס'איז געווען זומער) ווייסט נישט, „ווער עס שפּאַצירט צווישן זיי". און איך האָב דערפאַר מעשה־ייִנגל עטלעכע מאָל איבערגעלאָפן דעם וועג פאַר זיי און פאַר זיי מיט גרויס דרך־ארץ געהויבן דעם הוט: לאָזן זיי וויסן, אַז איך ווייס, ווער זיי זענען.

דער עיקר האָב איך זיך געשפּיגלט, פאַרשטייט זיך, אין דעם ווייסן שלאַנקן זיידן, וועלכער האָט אויסגעזען, האָט זיך מיר דאַן געדאַכט, ווי אַ „גאָראָדסקאָי גאָלאָווא", עפּעס ווי אַ שיינער אידעאַלער לאָרד מער.

כאָטש אויך דובנאָוו האָט מיין ייִנגלשקייט זייער אימפּאָנירט מיט זיין אויסזען: ווי אַ יונגער רוסיש־יידישער פּראָפעסאָר האָט ער אויסגעזען מיט זיין שווארץ בערדל און די ווייכע אַרויפגעקעמטע האָר און מיט דעם שכינהדיקן פּנים אָן קנייטשן און פון אַ העלן אָליוו־קאָליר, אויב איך מאַך קיין טעות נישט.

אָבער דער עיקר — דער ווייסער שלאַנקער זיידע, וואָס איז געווען אַ מחיה און אַ שטאָלץ אויף אים צו קוקן. אינאיינוועגס

פֿאַלט מיר איצט איין אַ מאָדנע קלאָץ-קשיה: פֿאַרוואָס זענען היינטיקע באַרימטע יידישע שרייבער נישט אויס קערפּערלעך אַזוי שיין, ווי די אַמאָליקע ערשטע יידישע שרייבער מיט זייערע הדרת-פּנימער?

און אָט שפּעטער מיט אַ פּאָר יאָר האָב איך נאָכאַמאָל באַגעגנט מענדעלען אין אדעס. און דאָס מאָל אויף אַ באַנקעט י. ל. פּרצן, לכּבוד זיין באַזוך אין אַדעס. (דאָס איז געווען דער ערשטער באַנקעט, וואָס מען האָט געמאַכט אַ יידישן שרייבער. איצט וואַלגערן זיך דאָך ביי אונז שרייבער-באַנקעטן ווי מיסט.)

מענדעלע מוכר-ספרים איז געווען דער פּאָרזיצער (יושב ראש האָט עס דעמאָלט געהייסן), און די גאַנצע סמעטענע פֿון דער בכּבודיקער אדעסער יידישער ליטעראַרישער סביבה איז דאָרט געווען פֿאַרזאַמלט, אָפּצוגעבן כּבוד דעם דעמאָלט יונגן טעמפּעראַמענט-פֿולן און אידעען-פֿולן י. ל. פּרץ. אחד-העם און ביאַליק, דר. קלויזנער, י. ח. ראַווניצקי און דער שיינער (אויך אין אויסזען) פּראַכטפֿול יידישלעכער פֿעליעטאָניסט לעווינסקי, אָן וועלכן מען האָט ביי אונז פֿאַרנאַכלעסיק פֿאַרגעסן, און נאָך און נאָך „גדולים” זענען געווען.

אָבער איבערגעשיינט אַלעמען האָט, פֿאַרשטענדלעך, דער ווייס-זילבערנער מענדעלע מוכר-ספרים—דער זיידע. אַפֿילו דעם „רבין” — אחד-העמען, ווי מען האָט אחד-העמען גערופֿן און פֿאַר וועלכן מען האָט שוין דעמאָלט אַפֿילו „מורא” געהאַט...

העכער פֿון אַלעמען איז דער זיידע געווען. ער האָט אויסגעזען, ווי אַן אמתער זיידע, וועלכער האָט געפֿירט אַ משפּחה-פֿאַרזאַמלונג פֿון „זין” און „אייניקלעך”. מען האָט שוין ביי אונז אייניקע מאָל באַמערקט, אַז מענדעלע מוכר-ספרים האָט געהאַט אַן איבסן-קאָפּ — אַז ער איז געווען ענלעך צום באַרימטן נאָרוועגישן דראַמאַטורג איבסן. ס'איז דאָ אַביסל אמת אין דעם פֿאַרגלייך: מענדעלעס קאָפּ האָט אַביסל דערמאָנט אָן איבסנס, נאָר דער לעצטער איז געווען פֿיל שטאַרקער, מעכטיקער און בייזער; מענדעלעס, ווידער, איז געווען ווייכער, ריירעוודיקער און שפּילעוודיקער מיט הומאָר.

און איך הער נאָך די אַביסל-קוויטשיקע שטימע, מיט וועלכער דער זיידע האָט זיך דעמאָלט געבייזערט אין זיין רעדע אויף אַ באַוווּסטן דאַן רוסיש-יידישן שרייבער, בן-עמי, פֿאַרוואָס ער איז

נישט געקומען צו פּרצעס באַנקעט, „ווייל פּרץ איז אַן אַנטיציוניסט און אַן אַסימיליאַטאָר".

„אַ יידישער שרייבער, וואָס שרייבט אויף יידיש און פאַר די יידישע מאַסן, ווי נאַריש איז אויף אים צו זאָגן, אַז ער איז אַן אַסימיליאַטאָר", — האָט זיך מענדעלע שטאַרק געבייזערט, און זיינע נאָז-לעכער האָבן זיך אָנגעבלאָזן שטאַרק.

ער האָט פאַרטיידיקט פּרצן, דער זיידע. אָבער דער קלוגער פּקחותדיקער זיידע האָט אינאייינוועגס דעמאָלט אויך זיך אפשר פאַרטיידיקט.

ווייל אויך מענדעלען האָט מען אָפּט באַשולדיקט אין אַסימי-ליאַטאָרישקייט...

און דאָך זאָג איך — ווי ווייט...

כמעט אַלע פון אונז יינגערע יידישע שרייבער קענען עפּעס דערציילן פון זייער פּערזענלעכער באַקאַנטשאַפט מיט מענדעלען און דאָך איז ער אין זיין שאַפן אַזוי ווייט שוין פון אונז.

אויף מענדעלעס ווערק, אויף מענדעלעס ביכער, לייגט זיך שוין דער זילבערנער שטויב פון פאַרגעסנהייט. אָט די זילבערנע שיכטן שטויב זענען עס די אמתע טאָוולען אין וועלכן די אכזריותדיקע, זייער קריטישע צייט בינדט איין די ווערק פון קלאַסיקער. און אויב נישט אַלע, איז אַ גרויסער חלק פון מענדעלעס ווערק שוין געבונדן אין אָט די „קלאַסישע" טאָוולען.

ווי אָאַזיסן אין אַ וויסטע זענען נאָך דאָ לעבעדיקע צאַפּלדיקע קאַפּיטלען און בלעטער אין מענדעלעס ווערק, וועלכע זענען נאָך מחיה מיט זייער פרישקייט און לעבעדיקייט. אָבער עס זענען שוין דאָ אין זיינע ווערק אָט די גרויסע לאַנגע טראַקטן, וועלכע עס איז דעם געוויינלעכן לעזער אומעטיק און לאַנגווייליקלעך-פּרוכטלאָז דורכצומאַכן. סיידן איר זענט אַ פאַכמאַן אַ שרייבער און איר קענט זיך קוויקן

מיט דעם פּראָצעס פון יידישער שפּראַך און וואָרט-שאַפן, אויף וועלכע מענדעלע מוכר-ספרים איז געווען דער גרעסטער מייסטער אין אונזער ליטעראַטור און אויך אין דער העברעיִשער.

אָפּט דאַכט זיך מיר, אַז מענדעלע מוכר-ספרים איז דער גרעסטער קינסטלער, וואָס אונזער ליטעראַטור האָט ביז היינטיקן טאָג אַרויסגעגעבן. נאָר... צו אונזער גליק און צו זיין אומגליק, אויב מען קען אַזוי זאָגן, האָט ער זיין אומגעהויער גרויסן קינסטלערישן טאַלאַנט אָפּגעגעבן הויפּטזאַכלעך צו די שפּראַכן אין וועלכע ער האָט געשריבן, מיט וועלכע ער האָט געמאָלט, און נישט צו די ווערק, צו די בילדער פונם יידישן לעבן, וועלכע ער האָט געמאָלט.

איך האָב געזאָגט צו אונזער גליק און צו זיין אומגליק, ווייל מיר טאָרן נישט פאַרגעסן, אַז ביז מענדעלען איז יידיש טאַקע הויפּט-זאַכלעך געווען אַ מין „דייטשמערישער זשאַרגאָן״, אין וועלכן משכילים האָבן געשריבן עפּעס ווי זיי וואָלטן געגאַנגען אויף שטעקנס, יעדעס יידיש וואָרט האָבן זיי צעבראָכן און צעקאַליעטשעט מיט זייער אינטעליגענטישער דייטשמערישקייט. ערשט מענדעלע האָט געמאַכט פון יידיש אַ לשון, אַ שפּראַך. מענדעלע איז געווען דער ערשטער יידישער קינסטלער, וועלכער האָט פאַרשטאַנען דעם גרויסן קינסט-לערישן אמת (וואָס אַסך שרייבער יידישע און נישט-יידישע פאַר-שטייען נאָך איצט נישט), אַז אַ שפּראַך לערנט מען זיך נישט פון ביכער און פון גראַמאַטיקעס, נאָר פון פאָלק.

עס איז באַרימט מענדעלעס כלל, מענדעלעס מעטאָד פון שרייבן: „ווען ער האָט נישט געוווּסט עפּעס אַ וואָרט אין יידיש, האָט ער עס נישט געזוכט אין ביכער און אַפילו נישט פון קאָפּ אויס-געקלערט, נאָר זיך געפרעגט, ווי אַ פּשוטער ייד וואָלט זיך אויסגעדריקט״.

און מענדעלע איז געווען דער ערשטער און גרעסטער אַרכיטעקט פון דער יידישער שפּראַך. ער האָט נישט נאָר יעדעס וואָרט באַ-טראַכט ווי אַ זעמדל, ווי אַ ציגל צום גרויסן בנין, נאָר יעדעס וואָרט איז אין זיינע אויגן געווען אַ לעבעדיק באַשעפעניש מיט אַן אייגענער נשמה, און ער האָט די ווערטער געגלעטשעט און געכאָליעט און מיט זיי זיך געשפּילט, ווי מיט לעבעדיקע קינדער. און נישט

נאָר אויף יידיש האָט ער מיט זיין גרויסן קינסטלער־אינסטינקט אַזוי געאַרבעט, נאָר אויך אויף דער העברעישער שפּראַך. מענדעלע מוכר־ספרים ווערט מיט פולער רעכט פאַררעכנט אַלס דער זיידע פון אונזערע ביידע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן — פון יידיש און פון העברעיש. ביז מענדעלען האָט מען געשריבן אַ העברעיש פון מליצות. די העברעישע שרייבער האָבן געשלונגען פסוקים גאַנצע, און יעדער זאַץ זייערער האָט אויסגעזען ווי אַ שנור מיט פּאַטשערקעס פון ווילדע קאָלירן. ערשט מענדעלע מוכר־ספרים האָט אין דעם העברעיש אַריינגעאָטעמט אַ לעבעדיקן אָטעם. מענדעלע מוכר־ספרים האָט פון אַ זשאַרגאָן געמאַכט א יידיש און דעם העברעיש האָט ער פאַריידישט.

ווען מען לייענט מענדעלעס העברעישע שריפטן, באַקומט מען דעם איינדרוק, אַז אויף אַזאַ העברעיש קענען אויך לעבעדיקע מענטשן רעדן און נישט בלויז משונהדיקע פראַזן־מאַכער.

מענדעלע מוכר־ספרים האָט אויך פאַרוואָרפן אַ סינטעטישע בריק צווישן יידיש און העברעיש. ער האָט די צוויי שפּראַכן געמאַכט פאַר לייבלעכע שוועסטער כמעט.

אַ יידישן חן האָט ער געגעבן דער העברעישער שפּראַך, און אַ מענטשלעכן לעבעדיקן פּנים דעם צעקאַליעטשעטן יידיש פון זיין צייט.

דערפאַר האָב איך געזאָגט „צו אונזער גליק" האָט מענדעלע זיין גרויסן קינסטלער־טאַלאַנט אָפּגעגעבן די נאַציאָנאַלע שפּראַכן אונזערע.

צו אונזער גליק, צום גליק פון דער יידישער ליטעראַטור, ווייל אָן מענדעלעס ריזיקער קינסטלערישער אַרבעט פאַר יידיש וואָלט די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור געווען פיל לאַנגזאַמער, צוריקגעהאַלטענער. פון מענדעלען האָט זיך שלום־עליכם (זיין ליטעראַרישער „זון", נישט „אייניקל", ווי ער פלעגט זיך רופן) געלערנט יידיש שרייבן, פון מענדעלען האָט זיך ביאַליק געלערנט העברעיש שרייבן. און אַזוי אַלע אַנדערע באַדייטנדיקע יידישע שרייבער פון נאָך מענדעלען.

אָבער צו מענדעלעס אייגענעם „אומגליק" האָט ער זיינע גרויסע קינסטלערישע פעיקייטן געמוזט אָפּגעבן צו שלייפן די שפּראַכן, אין

וועלכע ער וואָלט פיל וויכטיקערע און דויערנדיקערע געשאַפן, ווען ער וואָלט געקענט זיינע שאַפנדיקע כוחות בלויז זיינע בילדער, זיינע דערציילונגען שענקען.

מענדעלע האָט אָבער געמוזט מער אויף די געציייגן, אויף די אינסטרומענטן אַרבעטן, ווי אויף די ווערק צוליב וועלכע ער האָט די אינסטרומענטן, זיין געצייג — די שפּראַך געמוזט שלייפן.

מענדעלע האָט דעריבער מער אויף די ווערטער, דאַכט זיך, ווי אויף די בילדער געאַרבעט. די שפּראַך האָט ער פיל מער געשליפן, געקליבן און פּאָלירט, ווי די דערציילונג און טיפן, וועלכע ער האָט געשאַפן אין זיין שפּראַך... דערפאַר איז ער אָפט אין זיינע דערציילונגען איבערגרייך אין ווערטער, אין איינצלנע קאָלירן אויפן חשבון פון די דערציילונגען און טיפן גופא.

שטעלט זיך פאָר אַ גרויסן מאָלער, וועלכער דאַרף ערשט אויסקלערן, צוגרייטן לייוונטן און פאַרבן מיט וועלכע צו מאָלן זיינע בילדער. ביז ער קומט צו די בילדער איז ער שוין אַביסל מיד. זיין שאַפנדיקע ענערגיע האָט ער אין אַ געוויסער מאָס אויסגעגעבן אויף די מיטלען צו מאָלן...

דאָס איז געווען אין אַ גרויסער מאָס מענדעלעס אומגליק און אינאיינוועגס דאָס גליק פון דער יידישער ליטעראַטור — פון די שפּעטערדיקע דורות יידישע שרייבער, וועלכע וואָלטן זיין אַרבעט געמוזט טאָן.

3

אָבער אויך די צייט, די עפּאָכע אין וועלכער מענדעלע האָט געשאַפן, און מענדעלעס פּערזענלעכער כאַראַקטער האָבן געהאָלפן זיינע ריזיקע קינסטלערישע פעיקייטן זאָלן זיך אויסדריקן, ווי זיי האָבן זיך אויסגעדריקט.

מענדעלע מוכר־ספרים איז געווען אַ גרויסער קינסטלער, אָבער

ער איז אויך געווען אַן עכטער טיפּישער זון פון דער דעמאָלט-דיקער השכלה-עפּאָכע ביי יידן.

אַלס קינסטלער האָט ער געזוכט פאָרמען און שיינקייטן; אַלס משכיל פון זיין צייט האָט ער שטענדיק כמעט געמוזט קריטיקירן, שטראָפן און אָפּשפּעטן.

זיין עכטע ריין-קינסטלערישע באַפרידיקונג האָט ער געפונען אין דעם שאַפן, קריסטאַליזירן און לייטערן די יידישע שפּראַך; אַלס משכיל, אַלס יידישער אינטעליגענט פון יענער צייט, האָט ער ווידער געזען ס'רוב די שלעכטע זייטן, די מיאוסע מאַניערן, דעם נישט-מענטשלעכן דלות פון זיינע ברי־דער, און אָט די „אויסערלעכקייטן" זייערע האָט ער עכט-משכיליש געוואָלט אויסלייטישן, אויסמענטשלען און אויסבילדן. דערפאַר האָט אין יעדן בילדל זיינעם, אין יעדן ווערק געשטעקט אַ קריטישע כוונה; דערפאַר איז ער אַזוי אָפט געווען גאַליק און סאַטיריש. ער האָט זיך אין זיינע טיפּן נישט פאַרטיפט, נישט געוואָלט פאַרטיפן, ווייל ער האָט עכט-משכיליש אין זיינע „יידעלעך" געזען ס'רוב קאַריקאַטורן אויף מענטשן. און מענדעלע איז אויך געווען אַ פּראַכטפולער קאַריקאַטוריסט...

זיין ריין-קינסטלערישע ליבע און פאַרטיפונג האָט ער אָבער אַוועקגעגעבן דער יידישער שפּראַך, די נאַציאָנאַלע שפּראַכן.

און, ווי געזאָגט, אויך צוליב זיין כאַראַקטער און טעמפּעראַמענט איז מענדעלע מוכר-ספרים געווען צוגעפּאַסט צו אָט דער צוויי-יקייט זיינער.

ווען מען לייענט איבער מענדעלעס ווערק, באַקומט מען דעם איינדרוק, אַז מענדעלע מוכר-ספרים איז בטבע געווען אַ מיזאַנטראָפּ— אַ מענטש, וואָס האָט נישט ליב קיין מענטשן. ער איז געווען, דאַכט זיך, אַ בייזער פון דער נאַטור, אַ גרויסער כעסן. עפּעס שטרענג-מתנגדישס איז געווען אין זיין נאַטור.

און ס'קען קיין ספק נישט זיין, אַז ער האָט יידיש, די יידישע ווערטער (וועלכע ער האָט באַטראַכט ווי לעבעדיקע וועזנס) פיל מער ליב געהאַט, ווי די פאַרשידענע גבילאָפּיאַטקער, גלופּסקער און קאַב-צאַנסקער פאַרשוינדלעך און „שיינע לייט".

מיט די ווערטער פלעגט ער זיך צאַצקען און שפּילן און זיינע

העלדן האָט ער געמאָלט מיט אַ מין מיזאַנטראָפּישער אומגעדולד און מיט אַ מין סנאָביזם—אַ קוק פון אויבן אַראָפּ. ווי איינער רעדט: איי, יידעלעך, יידעלעך, זעט נאָר, וואָס פאַר אַ פּינצטערע וויסטע פּנימער איר האָט, וואָס פאַר אַ מיתה-משונהדיקע גרימאַסן איר מאַכט... איך קען אַלע אייערע פּישטשעווקעס (און ער האָט זיי געקענט!), אָבער, בנאמנות, זיי שלאָגן צום האַרצן ביז חלשות... פּע, פּע... ס׳שוין צייט איר זאָלט ווערן מענטשן מיט מענטשן גלייך...

אמת, מענדעלע מוכר-ספרים איז געווען אַ נאַראָדניק, ווי די בעסטע רוסישע אינטעליגענץ פון זיין צייט. ער האָט ליב געהאַט דאָס יידישע פאָלק, די יידישע מאַסן, פיל מער ווי דעם מאָדנעם „קלאַס" פון זיידענע שיינע יידן און פאַרשידענע כּלי-קודשניקעס... אַנישט וואָלט ער דאָך נישט געוואָרן אַזאַ יידישער שרייבער און אַזאַ גרויסער ליבהאָבער פון דער פאָלקס-שפּראַך.

אָבער זיין ליבע איז געווען מער אויס רחמנות, און אין רחמנות שטעקט שטענדיק אַ היפּשע דאָזע האַס און עקל צו דעם, אויף וועמען מען האָט רחמנות. דערפאַר איז ער אַראָפּ צו דער יידישער ליטעראַטור סטיליסטיש פאַרשטעלט ווי אַ „מוכר-ספרים". דערפאַר האָט ער זיך אין זיינע העלדן נישט פאַרטיפט „טיפער פון זייער יידישער הויט" און אַמאָל אויך איז ער נישט געגאַנגען ווייטער פון זייער משונהדיקער הלבשה, פון זייערע זיטן און יידישן שטייגער לעבן. אַלץ אויסערלעכקייטן, וואָס ביי זייערע בעסטע שילדערונגען אַפילו, ווערן זיי דאָך נישט קיין גרויסע דויערנדיקע קונסט-ווערק.

„גרויסע קינסטלער", האָט דער באַרימטער פראַנצויזישער שרייבער אַנאַטאָל פראַנס געזאָגט, „צייכענען זיך אויס מיט זייער סימפּאַטיע, מיטגעפיל צו זייערע מיטמענטשן".

אָט די אינטימע ליבע צו זיינע מענטשן, צו זיינע העלדן האָט אונזער זיידן מענדעלען, דאַכט זיך, געפעלט. ער האָט מער אויף זיי רחמנות געהאַט.

דערפאַר האָט ער קיין אייביקערע מענטשלעכע ווערק נישט געשאַפן.

ווי אַ גייסטיקער ריז, אַן אַריסטאָקראַט האָט ער זיך אַריבער

געבויגן און אריינגעקוקט אין די יידישע געטאָס, פון וועלכע ער איז אליין אויסגעוואַקסן. ער האָט אַראָפּגעקוקט אויף זיי, ווי אויף מאַריאָנעטקעלעך פליאַסקעדריגעדיקע, פאַרהאַװעטע און פאַרשמאַיעטע מיט שטרויעלעך אין די מיילער... און אַמאָל אויך מיט צעפּלאַשעטע קאַפּאָטעס, דערשראָקענע, אַנטלויפנדיקע פון ווילדע בעסטיעס.

ער האָט פון זיי אָפּגעלאַכט מיט שפּאָט און מיט ווייטיק, אָן דער ליבע, וועלכע צייכנט אויס הומאָר פון סאַטירע. און מענדעלע איז געווען אַ סאַטיריקער און נישט קיין הומאָריסט. אָבער די ווערטן — די אייביק-מענטשלעכע נאַטירלעכע אינסטינקטן, איבערלעבונגען אין זיינע העלדן האָט ער איבערגעלאָזט פאַר די שפּעטערדיקע יידישע קינסטלער צו זוכן.

ערשט ווען מענדעלע מוכר-ספרים איז אַוועק פונם „עמק הבכא״ (פונם טרערן-טאָל) און איז צוגעקומען צו זיין שרייב-טיש, איז דער ריזיקער קינסטלער און עסטעט אין אים אויפגעשטאַנען. און ער האָט זיך גענומען פּערלען, שלייפן און איבערשאַפן די יידישע ווערטער, די יידישע שפּראַך.

די נשמהלעך פון זיינע העלדן און טיפן האָט ער אָפט פאַר-נאַכלעסיקט און איבערגעלאָזט אָפּט ווי קאַריקאַטורן. אָבער דערפאַר האָט ער דער ערשטער, און ווי קיין אַנדער יידישער שרייבער, אַנטדעקט די פאָלקס-נשמה אין דער יידישער שפּראַך.

עס וועט אפשר אויסזען, ווי אַ פּאַראַדאָקס, ווען איך וועל זאָגן, אַז מענדעלעס איינפלוס אויף דער יידישער ליטעראַטור איז גרעסער ווי זיין קינסטלעריש שאַפן. זיינע ווערק וועט מען אפשר אויפהערן לייענען, אָבער זיין איינפלוס, זיין שאַפן און זיין אויפטו פאַר דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור פילט מען, ווען מען לייענט די ווערק פון די שפּעטערדיקע יידישע שרייבער און אַפילו פון די גאָר מאָדערנסטע.

ווען מען לייענט שלום-עליכמען, לייענט מען מענדעלען; ווען מען לייענט פּרצן, ביאַליקן און אַשן, לייענט מען אויך מענדעלען.

און מענדעלעס יניקה, די זאַפטן פון מענדעלעס שאַפן שפּייזן נאָך די ווערק פון אונזערע יינגסטע אַפילו.

צום סוף פון דער קורצער אָפּהאַנדלונג (און ס׳איז שוין צייט, מיר זאָלן האָבן אַן אויספירלעכע מאָנאָגראַפיע וועגן מענדעלען, זיינע ווערק און זיין צייט) וואָלט איך געוואָלט צוגעבן:

ווי קריטיש איינער זאָל נישט קוקן אויף מענדעלען און זיינע ווערק, וועט אָבער קיינעם אַפילו נישט איינפאַלן צו צווייפלען, אַז מענדעלע מוכר-ספרים איז דער גרויסער און אמת-פּאַסיקער זיידע פון דער יידישער ליטעראַטור. קיין בעסערן זיידן קענען מיר זיך גאָרנישט פאָרשטעלן. און אַלע זיינע אייניקלעך זענען מיטן זיידן שטאָלץ.

אַנאַטאָל פראַנס און י. ל. פרץ

עטיוד

אַנאַטאָל פראַנס איז אפשר דער גלענצנדסטער פאָרשטייער פון דער קאַטעגאָריע קינסטלער און דיכטער, וועלכע זענען געקומען נישט פונם לעבן צו קונסט, נאָר פון קולטור און קונסט צום לעבן. אויסער די פּאָר גרעסטע (צו וועלכער אַנאַטאָל פראַנס קאָן נישט צוגערעכנט ווערן) ווי געטע, לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשע און נאָך אַ צוויי-דריי אין וועמענס ווערק קולטור און לעבן זענען אפשר אין אַ גלייכער פולער מאָס פאַרטרעטן, זענען קינסטלער, דיכטער צעטיילט אין אָט די צוויי הויפּט-כאַראַקטער-גרופּעס:

די ערשטע (אפשר די וויכטיקסטע און איבערצייגנדסטע) קו-מען דירעקט פונם לעבן צו זייערע שאַפונגען; פון זייערע אייגענע איבערלעבונגען און באָאַבאַכטונגען, זייערע אייגענע דורכגעווייטיקטע לעבנס-חזיונות איז דער אונטערגרונט און תוך פון זייער שאַפן. ווי בוימער פון דער ערד, אַזוי וואַקסן זיי אַרויס פון לעבן און ווערן דערנאָך אַליין גרויסע קולטור-ווערטן.

דער אַנדערער מין קינסטלער, ווידער, קומט פון קולטור צום לעבן... זייער שאַפן איז אַזוי צו זאָגן אומדירעקט. זייערע מענטש-לעכע איבערלעבונגען ווערן פריער דיסטילירט און קריסטאַליזירט אין די מוזעומס און ביבליאָטעקן... זיי קומען צום לעבן מיט פאַרטיקע אידעען אין דער צייט ווען די ערשטע קומען פונם געזעענעם לעבן צו אידעען. די ערשטע קומען פונם פרט צום כלל — פונם לעבעדיקן

איינצלנעם טיפּ און כאַראַקטער אָפּטמאָל צו אַן אייגענער וועלט־אָנ־שויונג; די אַנדערע קומען ס׳רוב מיט פּאַרטיקע אָנשויונגען און אידעען צום טיפּ, צום איינצלנעם כאַראַקטער...

די ערשטע זענען עקספּערימענטאַטאָרס, זאַמלער און פאָרשער פון איינצלנע פאַקטן, דערשיינונגען; די אַנדערע זענען סך־הכּל אונ־טערפּירער, דעדוקטיווע שאַפער. דאָס לעבן קענען זיי פון ביכער, פון געשיכטע, ווייל זיי האָבן געפאָרשט און געלערנט אַזוי פיל פון די ערשטע.

דערפאַר זעען מיר אין די שאַפונגען פון די ערשטע אַזוי פיל לעבעדיקע מענטשן, טיפּן, ווי מיר רופן עס, און לעבעדיקע כאַראַק־טערן; ביי די אַנדערע געפינען מיר נישט קיין לעבעדיקע טיפּן, נאָר סכעמען, מענטשלעכע סימבאָלן אָדער פאַרקערפּערטע אידעען, וועלכע זענען ווערטפול לויט דער גרויסער מאָס קולטור, וואָס איז אין זיי פאַרקערפּערט, ד. ה. געזירשנטער לעבנס־עסענץ.

די ערשטע — די דיקענסעס, די טשעכאָווס און שלום־עליכמס זענען שפּייכלערס מיט לעבעדיקע, צאַפּלדיקע מענטשן און מענטשעלעך.

די צווייטע—די אַנאַטאָל פראַנסן, בערנאַרד שאָוס און פּרצעס—זענען שטענדיק פול מיט זיך, מיט זייערע אידעען און מיט זייער אַנטוויקלונג.

די ערשטע—זענען עס די אינטויִטיווע, אינסטינקטיווע קינסטלער און דיכטער; די צווייטע—זענען עס די קולטור־קינסטלער.

די ערשטע ברענגען אַרויס „דאָס גאָלד” פון די פינצטערע געדערים פון לעבן אָפּטמאָל מיט בלאָטע פאַרקלעפּט; די אַנדערע באַפּוצן און שלייפן דאָס גאָלד. די ערשטע זענען רויער; די צווייטע—דעקאָראַטיווער און זענען אָפטמאָל גרויסע סטיליסטן.

פאַרשטייט זיך, אַז נישט שטענדיק איז דווקא אַן אוממיטל־באַרער קינסטלער, וועלכער שאַפט הייסט עס דירעקט פון לעבן, ווי־כטיקער ווי קולטור־קינסטלער, און דאָס אייגענע פאַרקערט.

דאָס ווענדט זיך אין דער גרויס פון איינעמס קולטור און פונם צווייטנס אוממיטלבאַרקייט אָדער לעבעדיקייט: קיינער וועט למשל, נישט זאָגן, אַז אַ פּאָטאַפּענקאָ איז וויכטיקער פון אַ מערעזש־קאָווסקין, צום ביישפּיל, הגם אַ טשעכאָוו איז אומגעהויער פיל העכער

און ווערטפּולער, כאָטש מערעזשקאָווסקי האָט פיל מער „קולטור" פון אים.

דאָס אייגענע קען געזאָגט ווערן בנוגע אונזער פּרצן: מיר קענען ביי קלענערע שרייבער פון אים פיל מער לעבעדיקע טיפּן געפינען, ווי ביי אים, אָבער זיין קולטור איז דאָך פיל דינאַמישער און לעבעדיקער ווי זייער לעבן.

אָפּטמאָל איז אין אַ אידעע דאָ פיל מער לעבן ווי אין אַ שטיק געזעענע נאַטור און אָפּטמאָל איז אַ שטיק דורכגעפילט לעבן רייכער אין אידעען ווי אַ גאַנצער מוזעום.

ס'איז דאָ שפּעפערישע קולטור פּונקט ווי ס'זענען דאָ פּרוכטלאָזע אימפּאָטענטע לעבנס.

אַזאַ גרויסער קולטור-קינסטלער ווי אַנאַטאָל פראַנס האָט אויסגענאָגט און אויסגעדריקט אַלע לעבנס-זאַפּטן פון דער רייכער קולטור, וואָס ער האָט געירשנט, און זיינע ווערק וועלן איבערלעבן זייער פיל פון די „לעבעדיקע ראָמאַנען" מיט זייערע לעבעדיקע מענטשן, נאָר דערפאַר, ווייל זייערע קינסטלער זענען נישט געווען בכוח די אמתע לעבעדיקע יניקה צו ציען אַפילו פונם גרויסן לעבן.

פרימיטיוון זענען דאָ זעלטן אין אונזערע דורות און די פּאָר, וואָס זענען געקומען צו זיך, איז דאָס געווען דווקא דורך זייער הויכער קולטור. נאָך ווייניקער זענען היינטיקע צייטן דאָ קולטורלאָזע מענטשן; זיי זענען נישט קולטורלאָז, נאָר באַנאַל-קולטורעל. און זייער פיל פון די היינטיקע קינסטלער און דיכטער באַרימען זיך מיט זייער באַנאַלער קולטור, מיינענדיק, אַז ס'איז קולטורלאָזיקייט, נאַקעטקייט...

י. ל. פּרץ איז אונזער קולטור-דיכטער פּונקט ווי שלום-עליכם איז אונזער רויער קינסטלער אַזוי צו זאָגן.

אַלע מעלות און חסרונות פון אַן אַנאַטאָל פראַנס אַלס קינסטלער זענען אויך אונזער פּרצעס, הגם אפשר ביידע — אי די מעלות אי די חסרונות—שטייען אויף אַ נידעריקער מדרגה.

פּרצעס בעסערע שריפטן זענען באַהערשט מיט אידעען-געשטאַלטן און נישט מיט לעבעדיקע מענטשן און טיפּן.

אַזעלכע מעשהלעך ווי „אויב נישט נאָך העכער" און „צווישן

צוויי בערג״ מיט זייער גלענצנדיקן לאַקאָנישן סטיל האָבן געקענט געשריבן ווערן פון אַ אַנאַטאָל פראַנס, אַלנפאַלס נאָר פון אַ קולטור־קינסטלער. ווי אַנאַטאָל פראַנס האָט אויך י. ל. פרץ זיינע בעסטע מאַטיוון געזוכט אין דער פאַרגאַנגענהייט — דער ערשטער צווישן די אַמאָליקע קריסטלעכע הייליקע; דער אַנדערער צווישן די אַמאָליקע חסידים און צדיקים. ביידע זענען אַהין געפירט געוואָרן פון זייערע אידעען און זוכונגען.

די קולטור־קינסטלער פון דעם מין צייכענען זיך אויס אויך מיט זייער דינאַמישקייט, מיט זייער נאָכאַנאַנדער־אַנטוויקלונג און וואַקסן: ווען אַנאַטאָל פראַנס וואָלט געלעבט הונדערט און צוואַנציק יאָר, וואָלט זיין קולטור נאָך אַלץ געגעבן אים שאַפונגס־מאָטיוון; צו אונזער אומגליק איז י. ל. פרץ געשטאָרבן אין די יאָרן, ווען ער האָט ערשט אָנגעהויבן רייפן, ווען אַנאַטאָל פראַנס האָט באַרימטע מייסטערווערק געשריבן. און מער ווי אויף וועלכן ס׳איז אַנדערן יידישן שריפטשטעלער קענען מיר זאָגן, אַז מיט פרצעס טויט איז די יידישע ליטעראַטור אָרימער געוואָרן.

פרץ וואָלט אונז נאָך געקענט געבן דעם היסטאָרישן, פילאָזאָפיש־קינסטלערישן ראָמאַן; פרץ וואָלט נאָך איצט געשטאַנען אין אַוואַנגאַרד פון די יידישע שריפטשטעלער.

פאַרשטייט זיך, אַז דער מהלך צווישן די צוויי שריפטשטעלער איז אַ גרויסער: פרץ איז געווען רעליגעז, הגם מיט אַ מין ראָמאַנטישן ראַציאָנאַליזם; אַנאַטאָל פראַנס איז געווען אַ העלענער, עפּיקורעער, וועמענס רעליגיע איז געווען נאָר „אַ גרויסע האָפנונגסלאָזע ליבע צו מענטשן״. אַנאַטאָל פראַנס האָט העלעניזירט דאָס קריסטנטום; פרץ האָט דעם משכילישן ראַציאָנאַליזם אין אַ ראָמאַנטישער פּיעטעט געוויקלט... פרץ האָט געזוכט אַ תּכלית, אַ אידעאָלאָגישן באָדן אפשר דער עיקר דערפאַר, ווייל די יידישע ליטעראַטור, אונזער נייער

גלות-נאַציאָנאַליזם, האָט זיך אין דעם געגוויטיקט... פּרץ האָט געזוכט אַ נייע יידישקייט; אַנאַטאָל פראַנס האָט פיין געשמייכלט און גע־חוזקט פון יעדן תכלית... „ווען דאָס לעבן וואָלט געווען פּוסט און ליידיק, וואָלט געגוג געווען איין בלום זאָל עס אָנפילן”... — האָט געזאָגט דער קלוגער עפּיקורעער, וועלכער איז פאַרליבט געווען אינם לעבן מיט די געציילטע שיינקייטן, אַז ער האָט געקענט אפילו שפּאָטן פון דער באַגרענעצטקייט פון קדושים און העראָען.

פּרצעס קולטור איז געווען אַ יידישע; אַנאַטאָל פראַנס האָט פאַרמאָגט אַ אוניווערסאַלע, אַלמענטשלעכע קולטור. אָבער פּרצעס דע־דוקטיווער קולטור-אַפּאַראַט איז אפשר געווען אַזוי רייך ווי אַנאַטאָל פראַנסעס. דער קולטור-קינסטלער מער ווי דער אַנדערער מין קינסטלער מוז שוין האָבן אַ רייכע ליטעראַטור פאַר זייער באָדן. אַנאַטאָל פראַנס האָט אונטער זיינע פּלייצעס געהאַט אַ וואָלטער און רענאַן; פּרצעס „אומגליק” אָבער איז, וואָס ער איז געווען פון די ערשטע צוויי-דריי בויער פון אַ נייער, יונגער ליטעראַטור... ווי פריי און רעוואָלוציאָנער זיין גייסט איז נישט געווען האָט אים באַטירלעך זיין יידישקייט, וועלכע האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ מין עסטעטישן נעאָ-חסידיזם, געמוזט בינדן און באַגרענעצן... ער האָט נאָך נישט געקענט מענטשלעך ווערן, ער איז נאָך נישט געקומען צו פּשטות, וועלכע שמייכלט גוטמוטיק און ביטער.

פּרץ איז געווען דער נייער יונגער ייד, וועלכער האָט געזוכט, וועלכער האָט געוואָלט צונויפקלייבן די צעשאָטענע גאָלדענע קייט איבער אַלע גלות-לענדער.

אַנאַטאָל פראַנס איז געווען דער פיינסטער פראַנצויז אין אונ־זער צייט. די גאַנצע פראַנצויזישע קולטור איז פאַר אים געווען ווי אַ קמיע, מיט וועלכער ער האָט זיך געשפּילט אין דער ליכט פון זיין גייסט.

אנאטאל פראנסן האט מען אפט באצייכנט אלס דילעטאנט. „דער געטלעכער דילעטאַנט"—איז שוין אפילו געווארן א פאפולערער צונאמען זיינער.

אויך אונזער פרצן האט מען אפט באשולדיקט אין דילעטאנ־טיזם. אפילו ביי אונז האט מען עס געזאגט. די יידישע לעזער גע־דענקען דעם אנפאל אויפן „ווארשעווער ליטעראט" פון איינעם פון די אמאליקע אמעריקאנער „יונגע".

דוד פרישמאן מיט זיין שארפן קריטישן חוש האט אט דעם „דילעטאנטיזם" אין פרצן דערשפירט. און די, וואס קענען די יידישע ליטעראטור, האבן שוין לאנג באמערקט די שטילע כאראקטעריסטישע „שנאה", וועלכע איז ווי א בריק געהאנגען צווישן פרצן און שלום־עליכמען.

פרץ דער קולטור־קינסטלער האט נישט געקאנט אפשאצן ריכ־טיק שלום־עליכמען, וועלכער איז שטענדיק געווען „אן קולטור און אידעען" פארטאן מיט זיינע יידעלעך, מיט זיינע „קליינע מענטשעלעך מיט קליינע השגהלעך".

שלום־עליכם האט אויך געהאט א נאטירלעכע אנטיפאטיע צו פרצן, וועלכער האט מער חכמות ווי אמת פשוט לעבן, וועלכער בא־ארבעט פארטיקע מאטיוון א. אז. וו. שלום־עליכם האט זיכער אן אומצוטרוי געהאט צו פרצן (נישט אויס קנאה צו פרצעס פאפולא־ריטעט, וועלכע האט אין א געוויסער צייט זיינע איבערגעשטיגן), נאר ווייל ער האט מיט זיין פשוטן קינסטלער־אינסטינקט געפילט, אז ס'איז נישט דאס, אז ס'איז נישט פונם מקור גענומען. שלום־עליכם האט זיכער געטראכט, אז פרץ איז א זייער טאלאנטירטער דילעטאנט.

און ס'איז דא אמת אין דיביידע „מיספארשטענדנישן". דער אר־בעטער אין די גאלדגרובן מיינט זיכער, אז דער וואס באארבעט דאס גאלד איז נישט וויכטיק, פונקט ווי דער יוּועלירער מיינט, אז דער גאלד־גראבער איז א פראסטער חי־וקים.

דער פיין־קולטורעלער אנאטאל פראנס האט נישט געקענט ליידן זאלאס ראמאנען (זאלא דעם קעמפער פאר דרייפוסן האט ער אידעאלי־זירט), פונקט ווי צום ביישפיל פאל בורזשע, דער באוווסטער פראנ־

צווישער ראָמאַניסט, מיינט, אַז אַנאַטאָל פראַנס איז אַ דילעטאַנט, הגם ער זאָגט עס, פאַרשטייט זיך, אין אַנדערע ווערטער.

אָט די כאַראַקטעריסטישע „קנאת סופרים" נעמט זיך אויך דער־פון, וואָס דער קולטור־קינסטלער איז אָפט נישט אַזוי פּראָפעסיאָנעל ווי דער אינטויִטיווער.

דער קולטור־קינסטלער וואַרפט זיך פון פאָרמע צו פאָרמע און צו די פאַרשידנסטע מאָטיוון: ער שרייבט אַלץ און פרוווט־אויס אַלע פאָרמען. דאָס אַליין מאַכט אָפט דעם איינדרוק פון דילעטאַנטיזם.

דער אינטויִטיווער קינסטלער, וועלכער שעפּט דירעקט פון לעבן זיין יניקה, איז דער עיקר גייציק נאָך מער מאַטעריאַל צו זאַמלען, לעבעדיקע מענטשן און ער שרייבט איין ראָמאַן נאָכן צווייטן, איין נאָוועלע נאָך דער אַנדערער — דווקא ער ווערט דער פאַכמאַן, און דער קולטור־מענטש — דער אַרטיסט.

וועלכער פון די צוויי קאַטעגאָריעס שרייבער און קינסטלער איז שעפערישער, וויכטיקער? — די פראַגע ווערט אָפט געשטעלט און אָפט שלעכט פאַרענטפערט. אויסער דעם, וואָס יעדער פון זיי האָט אַ באַזונדער פונקציע און ווערט אין דער אַלגעמיינער מענטשלעכער קולטור — איינער זאַמלט, דער אַנדערער קריסטאַליזירט, ווענדט זיך הויפּטזאַכלעך אין דער גרויס און טיף פון דעם איינעמס קולטור און דעם אַנדערנס לעבנס־עמפינדונגען.

ווייל אין טייל אידעען איז דאָ מער לעבן ווי אין הונדערטער לעבנס, און אָפטמאָל איז אַ שטיק דורכגעפילט לעבן רייכער אין אידעען ווי אַ גאַנצער מוזעום.

ס'איז דאָ שעפערישע קולטור פונקט ווי ס'איז דאָ פּרוכטלאָזע אימפּאָטענטע לעבנס.

מאַרק שאַגאַל און שלום-עליכם

עטיוד

I

ווען מען זאָל וועלן געפינען אין דער יידישער ליטעראַטור אַ קינסטלער, וואָס איז אַממיינסטן קרובהש, פאַרוואַנדט אַלס אַזעלכער צו מאַרק שאַגאַלן, דעם מאָלער, מוז מען זיך אָפּשטעלן אויף שלום-עליכמען.

ס'מעג אַפילו אויסזען מאָדנע פונם ערשטן אויגנבליק: שאַגאַל איז בלי-ספק דער אָריגינעלסטער און אוממיטלבאַרסטער אין דעם נייעם דור יונגע יידישע פּלאַסטיקער און מאָלער; שאַגאַל איז דער רעוואָלוציאָנער, פאַר וועלכן די פאַרשיידענע בורזשואַזע און אַקאַדעמישע קונסט-קרייזן שרעקן זיך...

און שלום-עליכם איז דער פאָרשטייער (אויב נישט דער גלענצנדסטער, איז דער פעיִקסטער, לעבעדיקסטער) פון דעם אַלטן דור יידישע דיכטער און שריפטשטעלער. און דאָך איז דער אַלטער (אינם זין פון שולע) שלום-עליכם און דער יונגער אולטראַ-מאָדערנער שאַגאַל אַממייסטנס, ווי מיר דאַכט זיך, קרובהש אַלס קינסטלער.

איך וועל פּרוּוון דאָס געמיינשאַפטלעכע צווישן זיי אין אַ פּאָר שטריכן אָנווייזן:

שלום-עליכם איז דער פאָלקסטימלעכסטער פון די יידישע דיכטער: די בעסטע שטיקער פון זיין פּראָזע זענען די, וועלכע יעדער

פשוטער, תמימותדיקער, אָן חכמותדיקער ייד וואָלט געקענט אָנשרייבן אָדער דערציילן.

אויך שאַגאַלס הויפּט-כאַראַקטער-שטריך איז זיין פאָלקסטימלעכ-קייט: זיינע בעסטע לייוונטן טראָגן דעם כאַראַקטער פון דער „ווּבאָטשנע״ פאָלקס-מאָלעריי; עס דאַכט זיך, אַז יעדער פשוטער דאָרפס-שייגעץ, אָדער תמימותדיק, קליינשטעטלדיק ייִנגל זעט אַזוי באַטור און לעבן, ווי שאַגאַל זעט זיי אין זיינע עכטע שאַגאַל-בילדער.

שלום-עליכם איז אַ הומאָריסט; שאַגאַל איז דאָס נאָך מער, אָדער ריכטיקער: נאָך טיפער. אַלעקסאַנדער בענוא האָט אַמאָל געזאָגט, אַז „אין שאַגאַלס ווערק לייכט זיך גאָטס שמייכל״; דער זעלבער רוסישער קריטיקער וואָלט עס אויך געזאָגט אפשר אויף שלום-עליכמען. שלום-עליכמס שמייכל איז מענטשלעכער, געזעלשאַפטלעכער, באַגרע-נעצטער; שאַגאַלס טאַקע „געטלעכער״ אפשר אינם פאַנטעזיסטישן זין.

שאַגאַלס הומאָר איז שרעקלעכער, ווייל פּראָווינציעלער און נאַטירלעכער. שלום-עליכמס הומאָר איז פיל לייכטער און באַקוועמער. דער פאָלקסטימלעך-איבערגעשפּיצטער מנחם-מענדל לאַכט; און אין שאַגאַלס בילדער שטשירעט מיט די ציין דאָס יידישע קליינשטעטל-דיק קינד פון די אייגענע נאַיוו-קאָשמאַרע חזיונות אין וועלכע מענטש, חיה און אייגענע טאַטע-מאַמע מישן זיך אויס אין ווילד-באַיווע זעונגען און פאַרביקע געשטאַלטן.

אויך אין זייער „ליטעראַרישקייט״ (לעצטנס איז דאָס געוואָרן אַ באַליידיקנדער באַגריף) זענען די צוויי קינסטלער—פון באַזונדערע געביטן און צייטן — קרובהש.

אויסער מענדעלען איז שלום-עליכם דער ליטעראַרישסטער, דער באַרעדעוודיקסטער און דערציילענדסטער פון די עלטערע יידישע שרייבער; מארק שאַגאַל איז דער ליטעראַרישסטער צווישן די מאָ-דערנע קינסטלער און דער מאָדערנער קונסט, אין וועלכער ער וועט זיכער פאַרנעמען אַ פלאַץ. שאַגאַל דערציילט מעשיות אין זיינע בילדער; ער איז כמעט אַ זשאַנריסט, כאָטש ער האָט און ווייזט אויך אָפט אַרויס אַזעלכע פאַרגעשריטענע ריין-קינסטלערישע פאַר-שטענדעניש פון פאָרמען, פאַרבן און קאָמפּאָזיציע.

חסידים פון אַבסאָלוטע פאָרמען זענען אים אפילו נישט מוחל

די „ליטעראַטור" אין זיינע מאָלערייען, כאָטש ס'איז אַזוי אָרגאַניש און נאַטירלעך אין דעם „מאָדערנעם פּרימיטיוו" ווי שאַגאַל איז; און עס זאָגט נאָר עדות אויף זיין שטאַרקער אייגנאַרטיקייט דאָס וואָס ער האָט געקענט זיך אַרויסראַטעווען פון די נייעסטע איינפלוסן פונם מאָדערנעם פּאַריז.

שאַגאַל, וועלכער האָט געלערנט און איז באַאיינפלוסט געוואָרן פון פּיקאַסאָ און איז איבערהויפּט איינער פון די ראַפינירטסטע און קולטורעלסטע פון די מאָדערנע יידישע און נישט-יידישע קינסטלער, איז דאָך געבליבן דער וויטעבסקער „פּרימיטיוו" און וועט אפשר אַלס אַזעלכער פאַרנעמען דאָס צווייטע פּלאַץ נאָך דעם מאָדערנעם פראַנצויזישן רוסאָ.

דאָס איז אַ נס, וואָס קען באַווייזן ווערן נאָר פון אַזעלכע שטאַרקע אייגנאַרטיקע טאַלאַנטן ווי שאַגאַל איז.

הגם, האָט דאָך די מאָדערנע פּלאַסטיק איבערהויפּט דורכגעמאַכט אָט די מערקווירדיקע עוואָלוציע: פונם סעזאַניזם ביז דעם עקספּרעסיאָניזם אין וועלכן ס'איז דאָ אַ גרויסע מאָס פּסיכאָלאָגישע ליטעראַטור.

II

פאַרשטייט זיך, אַז צווישן שלום-עליכם און מאַרק שאַגאַל איז איז אויך דאָ אַ גרויסער מהלך.

שאַגאַל איז דער פיל גרעסערער קינסטלער פון די ביידע צוליב אייגענע און פרעמדע סיבות אַזוי צו זאָגן:

שוין דער געביט פון פּלאַסטיק מאַכט בולטער אפשר אַ טאַלאַנט ווי דער ליטעראַרישער געביט — שרייבנדיק קען מען רעדן און פאַררעדן זיך, אַוועקגייענדיק פונם תוך, פון נאַטור און מענטש אַלס אַזעלכע. און דער מאָלער אַפילו ווען ער וויל רעדן און דערציילן וועגן קלייניקייטן מוז ער דאָך האָבן צו טאָן מיט נאַטור און פאָרמען— דער אייביקער תוך פון יעדע קונסט.

אויף די צייט און קולטור צעטיילט אַט די צווײ גרויסע יידישע קינסטלער: שלום-עליכם איז געקומען אין דער צייט פון השכלה און חובבי-ציוניזם ביי יידן און „נאַראָדניטשעסטוואָ" ביי די רוסן (סוף-כל-סוף נאָר אויבערפלעכלעכע, ווי אַלע אפשר געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען) און באַאיינפלוסט איז שלום-עליכם געווען הויפּטזאַכלעך פון מענדעלע, גאָגאָל און טשעכאָוו...

מאַרק שאַגאַל איז פיל שפּעטער געקומען, ער האָט אָנגעהויבן דערנען און אַרבעטן אין אַ צייט ווען אַלע קונסט-ווערטן זענען איבערגעשאַצט געוואָרן, ווען איין מרידה נאָך דער אַנדערער איז אין פּאַריז פאָרגעקומען קעגן אַלע אַקאַדעמיזמען און ווי שוין געזאָגט, האָט ער געלערנט פון פּיקאַסאָ, סעזאַן, גרעקאָ און דזשוּאַטאָ.

אויך אין דער רוסישער ליטעראַטור איז ער ווייטער געגאַנגען פון גאָגאָלן און טשעכאָוון.

און ס'איז דעריבער אָפּט נאַטירלעך, דאָס אין אַ צייט, ווען אַ שאַגאַל ווייזט אַרויס אַזוי פיל געשמאַק און עסטעטישע קולטור, ווייזט שלום-עליכם אַרויס נאָר דאָס, וואָס „גאָט האָט געגעבן" און ער וואָלט אפשר נישט פאַרשטאַנען שאַגאַלס רויען, נאַקעטן און ראַפינירט-פּרימיטיוון הומאָר.

איך גלויב, אַז די אַלע, וואָס זענען באַקאַנט מיט דעם שאַפן פון די צווײ גרויסע יידישע קינסטלער, דאַרפן לאַנג נישט זוכן קיין אילוסטראַציעס פון זייערע ווערק צו דעם אויבן-געזאָגטן:

ס'זענען דאָ שטיקער אין שלום-עליכם, וועלכע דערמאָנען שטאַרק שאַגאַל-מאָטיוון. למשל, אין איינע פון זיינע לעצטע „אַמעריקאַנער" זאַכן, וואָס ער שילדערט „אַ יידן אויף לופט", ווי ער פּילט עפּעס קילס ווי פּעטשיי אויף דער באַק און ער קוקט זיך אום און דערזעט, אַז גאָר די לבנה לייכט אויף זיין באַק.

אַן עכט שטיקל שאַגאַל-עקספּרעסיאָניזם, וואָס דערמאָנט מיר

אויך אָן שאַגאַלס קאָלאָריט, כאָטש שלום-עליכם האָט זיך מיט פאַרבן ווייניק-וואָס באַנוצט.

אָדער דאָס אומפאַרגעסלעכע שלום-עליכם-בילדל, ווו ער שילדערט טביהן, פירנדיק די פאַרבלאָנזשעטע נגידיתטע אין וואַלד... וואָס ער שטעלט זיך אַלץ פאָר אויפן וועגעלע אונטער זיינע פּלייצעס.

עס וואָלט זיך וועלן זען שאַגאַלס אַ מאָלעריי מיט אַזאַ מאָטיוו.

און אַזעלכע צענדליקער מאָטיוון וואָלט מען געקענט געפינען אין די ווערק פון די ביידע קינסטלער, וועלכע וואָלטן עדות-געזאָגט אויף אַ געוויסער קרובהשאַפט צווישן זיי. שלום-עליכם איז דער אָנערקענטער מייסטער פון דער יידישער שפּראַך. עס מעג זיין אַ פּאַראַדאָקס ווען איך וועל זאָגן, אַז אויך מאַרק שאַגאַל, דער מאָלער איז אַ מייסטער פון דער יידישער שפּראַך. איך ווייס נישט פון נאָך אַ יידישן קינסטלער פון וועלכן עס איז געביט, וועלכער זאָל אַזוי קענען יידיש ווי שאַגאַל. און נישט אַזוי קענען ווי זען. שאַגאַל זעט מיט דער היקף אָדער דורך דער יידישער שפּראַך. אויך דערפאַר. פאַרשטייט זיך, ווייל אַלס פּרימיטיוו זעט ער איבערהויפּט בילדער און ווערטער. דאָס וואָרט איז נאָך נישט אָפּגעבלייכט און אָפּגענוצט אין זיינע אויגן. נאָר ער האָט געקענט מאָלן אַזעלכע יידישע „בוכשטעבלעכע" בילדער, ווי „אַ ייד גייט איבער הייזער" און אַנדערע.

שלום-עליכם האָט אַסך צו פאַרדאַנקען דער יידישער שפּראַך. עס מעג אויסזען פאַנטאַסטיש, אָבער אויך שאַגאַל האָט אַסך צו פאַרדאַנקען דער יידישער שפּראַך: אַלס אַ עכטער אוממיטלבאַרער קינסטלער האָט ער פאַרשטאַנען אינטויִטיוו, אַז אַ שפּראַך איז אַ לעבעדיקער מוזעום פון פאָלקסטימלעכע בילדער און פאָרמען, און נאָר אַזאַ נאַיִווער און צו דער זעלבער צייט ראַפינירטער קינסטלער ווי שאַגאַל האָט געקענט פאַרשטיין אין דעם פאַרשוועכטן היכל אַריינצוגיין און אין אים אוצרות פון בילדער דערזען.

רב שלמה נגיד

פון שלום אַש. אַ פּאָעמע פון יידישן לעבן

ווי אַן איידעלע פּרוכט, וואָס ווערט צייטיק, פּאַרעמט זיך און קאָלירט זיך דאָס דאָזיקע יידישע ביכל. אַ געניטע מייסטער־האַנט פילט זיך אין דעם. מיט אַזאַ ברייטער זיכערקייט אין יעדן פּענזל־שטריך אַוועקגעלייגט געוואָרן, און די פאַרבן זיינען אַזוינע העלע, און אַזוינע באַקאַנטע — פון דעם אייגענעם אוצר גענומען. פון יעדן בלעטל, פון יעדער שורה בלאָזט אויף אונז מיט אַשס העלן קאָלאָ־ריט, וועלכער בלאָזט גייט אַזוי שטיל, בנעימותדיק אַריבער אין דער אומעטיקער אָוונט־טונקלקייט.

איבערליינענדיק דאָס ביכל, זעט מען ממש, ווי שלום אַש איז צוגעגאַנגען צו זיין פּאַלעטע און זיך שטאַלץ און זיכער אַ זאָג געטאָן:

— לאָמיך אָפּמאָלן אַ ייד, אַן אמתן ייד!

און דערביי האָט ער אַזוי פעסט און אויסגערעכנטערהייט גע־צייכנט דעם קאָנטור און די גאַנצע קאָמפּאָזיציע פון דעם ווערק. אַזאַ ברייטן און טיפן אונטערגרונד האָט ער אויסגעשפּרייט אונטער רב שלמהס מאָנומענטאַלער פיגור מיטן קלוגן, שוואַרצן יידישן קאָפּ. אויפן צווייטן פּלאַן האָט ער גענומען די צאַרטע און פאַרביקע יידישע פּרויען מיט זייערע שטערן־טיכער און האַלז־בענדער, זיידענע יידישע יונגעלייטלעך און איידעמס־קעסט־קינדער. און אונטער זיי גייען שוין, ווי סילועטן געמאָלט, די ווילדע יונגען, די חברה פּ־פּ־ען, די פּאַרשי־דענע פישערס און פּיישערס מיט געשפּאַנטע, אָנגעדראָלענע מוסקלען. אַ יריד, אַ געשלעג...

און גאָר אונטן, אין דעם כּישופדיקן מרחק פונם בילד, אין דער גילדערנער שקיעת-החמה, טרוימט זיך אונז אַ פּאַלעסטינער לאַנדשאַפט... ער איז נישטאָ, נאָר ער פילט זיך... אַזוי פיל ביבלישס איז דאָ אין דער דאָזיקער פּאָעמע פונם איצטיקן יידישן לעבן. און געצייכנט איז דאָס ווי פון אַ מייסטער, וואָס קען שוין גוט זיינע מאָדעלן, זיינע פּאַרשוינען און וואָס האָט שוין דאָס פולע רעכט צו סטיליזירן. פון איין זייט אָפּגעווישט, פון דער צווייטער צוגעגעבן. קינסטלער-רעאַליסטן, וועלכע ווייסן נישט, וואָס הייסט סטיל, וועלן אפשר דאָ וועלן זוכן אַנאַטאָמישע און פּסיכאָלאָגישע פעלערן. אָבער ס׳וועט זיין אַ טעות. אַש איז בכלל אַ ראָמאַנטיקער און אַ סטיליזירער. און אין דעם ווערק האָט ער זיך אינגאַנצן אָפּגעשפּיגלט. רב שלמה נגיד איז דאָס צייטיקסטע ווערק אין דעם באַוווסטזיניקן פּעריאָד פון שלום אַשס שאַפן. ס׳האָט עטוואָס סינטעטישס אין זיך: דאָס פּויליש-יידישע שטעטל, די מיטלאַלטערלעכע פינצטערע געטאָ און ארץ-ישראל, וועלכע שלום אַש האָט ביז איצט געשטודירט, האָבן זיך דאָ אין דער פּאָעמע צוזאַמענגעגאָסן אין איין אינעווייניקסטער „יידישער" גאַנצקייט.

אַש האָט זיך אַליין, מיטן אינסטינקט, געשאַפן זיין יידישע קונסט-שולע. נישט דאָ איז דער פּלאַץ אָנצוווייזן דעם גאַנצן שווערן שטודיום-גאַנג, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט. מען וואָלט דערצו געדאַרפט זיך אָפּשטעלן אויף אַלע זיינע ווערק, פון זיין „שטעטל" מיט זיינע דראַמעס ביז די „ביבלישע מאָטיוון" מיט „רב שלמה נגיד". אַלע זיינע טריט קאָן מען אין די ווערק איבערציילן און אָנטייטן. און דערמיט קאָן מען זיך געבן צו פאַרשטיין די פיל אַנטוישונגען, וואָס די יידישע קריטיק האָט פון אים געהאַט. „ער טוט נישט דאָס, וואָס ער דאַרף טון" — האָבן מיר פון אַלע זייטן געהערט. ער איז שוין צו פּאַרטיק „קליינשטעטלדיק" געווען אין

זייערע אויגן, און זיי האָבן נישט געוואָלט און נישט געקאָנט זען זיין זוכן, וואָס איז אָפּטמאָל סימפּאַטישער ביי אַ יונגן קינסטלער ווי פּאַרטיקע, פאַרענדיקטע ווערק. פיל וויכטיקער וואָלט געווען אי פאַרן דיכטער, אי פאַרן יידישן לעזער, ווען זיי ווייזן אָן, וואָס האָט אַש געוואָלט געפינען אין יעדער נייער דראַמע, אין יעדן נייעם ווערק זיינעם. נאָר שלום אַש מיט זיין גרויסער קינסטלער-אינטויציע איז זיך געגאַנגען און גייט זיך זיין וועג, זוכנדיק יידישע פאָרמען, יידישן סטיל.

און אין דעם פרט איז ער אפשר ווייטער געגאַנגען, איידער ביאַליק און פרץ, וועלכע זוכן אויך, ווי מיר דוכט, יידישע פאָרמען, יידישע קונסט. ביאַליק האָט זיך צופיל אָפּגעגעבן דער אַלטער העברעישער ליטעראַטור, פרץ — דער חסידיש-פאָלקסטימלעכער פון דער גלות-צייט... שלום אַש שטייט פעסט מיט די פיס אין דעם יידישן שטעטל און מיטן קאָפּ דערגרייכט ער דעם הימל פונם ביבל-לאַנד.

אין דעם איצטיקן קליינשטעטלדיקן רב שלמהן זעט אַש און וויל זען דעם פּאַטריאַכאַלישן ביבלישן ייד. עליס זין דערמאַנען ביי אַשן די ווילדע יונגען פונם קוילער-געסל; קוקנדיק אויף רב שלמה נגידס בילד, דערמאַנען מיר זיך אָן די אַלטע, זוניקע טעג, „ווען ס'האָבן געריכטעט די ריכטער".

אַן אינטערעסאַנטע איינצלהייט: אין דער גאַנצער פּאָעמע באַמערקט אונז אַש איינמאָל נאָר, דאַכט זיך, וועגן דעם שטריימל, וואָס רב שלמה האָט אָנגעטאָן צוליב זיינע רבנישע געסט, און דעם לעזער בלייבט נישט אין זכרון, וואָס פאַר אַ היטל רב שלמה טראָגט. איז דאָס נישט אפשר דערפאַר, וואָס אַש האָט אינסטינקטיוו, מאָלנדיק אַזאַ יידיש-נגידישן און דערביי אָריענטאַלישן טיפּ, נישט געקאָנט מרוצה ווערן מיט די אַלע סאָרטן מיצלעך, וואָס דער שיינער

ייד פונם שטעטל טראָגט ביי הײנטיקע טעג? ווען שלום אַש שטעלט זיך צופעליקערהייט מער אָפּ אויף אָט דעם פּרט, וואָלט ער זיכער אָנגעטאָן רב שלמהן אין אַ גאָלד־געהאַפטער יאַרמלקע.

אויך וווּנדערט מיך, פאַרוואָס אַש האָט כאָטש אײנמאָל נישט געשילדערט דעם פאַטריאַרכאַלן רב שלמהן אין דעם לאַנגן און זיידענעם טלית, אין דעם אײנציקן עכט־יידישן קלייד, וואָס שטאַמט נאָך פון אונזער אָריענטאַלישן יחוס און וואָס איז מיט אונז איבער־געגאַנגען אַלע מדורי גלות... רב שלמה וואָלט אין דעם קלייד אפשר פיל פאַרביקער געווירקט, ווי אין זיין שוואַרצן סורדוט.

איך ווייז אָן אויף אָט די צוויי קלייניקייטן נישט ווי אויף חסרונות, נאָר כדי צו אילוסטרירן, ווי מזרחיש־ביבליש רב שלמה ווירקט אין אַשס שילדערונג.

נאָך אײנס. טיף פסיכאָלאָגיש גענומען, זענען אפשר די האַלב־טונקל געמאָלטע רב ברוך און דער אַלטער פישער, דער בעל־תפילה, די אייגענע וואָס רב שלמה — געזונטע, פעסטע יידן, וואָס גאָט האָט זיי געבענטשט מיט קינדער. נאָר זיי פעלט דער יום־טובדיקער מלבוש, דער שוואַרצער גלאַנץ פון די האָר, דער יחוסדיקער ברען אין די אויגן. זיי זענען פיל גרויער, וואָכנדיקער. זייערע יידישע געמיטער האָבן זיך שוין צופיל אָפּגעטונקט אין די פינצטערע רוסיש־פּוילישע טייכן; זייערע פנימער זענען שוין צופיל גרוי־פאַרשטויבט געוואָרן פון די רוסיש־פּוילישע לאָנקעס און סטעפּעס... „אַז זי האָט כישוף געטאָן די גוייע" — שרייט אַלץ דער אַלטער רב ברוך פון אונטער דעם בעטגעוואַנט אַרויס. און עס פילט זיך אַזאַ גראָבע, הילצערנע גויישע שטים. און אפשר האָט אונז שלום אַש אומיסטן, לכתחילה אָפּגעמאָלט די צוויי יידן, כדי בולטער אַרויסצוווייזן דעם עכטן יידישן ייד, דעם ייד מדור לדור, „פון וועלכן עס שמעקט אַראָפּ דאָס יידישקייט", און וועלכער ציט ווייטער די גאָלדענע קייט פון די אַלטע גאָלדענע צייטן.

עס דאַכט זיך: מאָלנדיק רב שלמהן מיט זיינע בני-בית און בני-עיר, האָט שלום אַש, חוץ די מאָדעלן זיינע, געזען פאַר די אויגן אויך זייערע אור-אור-עלטערן אין דעם הייליקן לאַנד מיט זייער גאַנצן שניט און שטייגער לעבן. און נישט בלויז אין דער טענדענץ פילט זיך עס, נאָר אויך אינם אַרט שרייבן, אינם אַרט מאָלן.

„ווער איז דאָס, וואָס פאָרט פאַרביי? פאַר וועמען נויגן זיך עס עס די בוימער אין וואַלד, די זאַנגען אין פעלד?...

„נאָר אומזיסט שרעקן זיך פעלד און וואַלד פאַר רב שלמהן. נישט האַנדלען פאָרט איצט אַ ייד, נישט שניידן קאָן די רייפע זאַנגען"...

רב שלמה פאָרט צום יונגן ווייבל אויף שבת. און שלום אַש, דער גרויסער מייסטער פון ווייבלעכקייט, צייכנט זיך באַזונדערס אויס, ווען ער מאָלט די יידישע פרוי.

„אירע שוואַרצע ברעמען און די שוואַרצע הערלעך פון די אויגן לייגן זיך איבער דעם שוואַרצאַפּל".

„זי זעט אויס, ווי אַ יונגע יידישע פרינצעסין, צינדט אָן די ליכט און הויבט אויף אירע איידעלע ווייסע הענט, וועלכע זעען, ווי שיינע, איידעלע פרוכטן אויסגעוואַקסן"...

ס'איז דאָ עטוואָס עקזאָטישס אין אַשס יידישע פרויען. עס שפּירט זיך אין זיי דער פאַרפומירטער ווייַרויך פון די וואַרעמע לענדער... מיט אַזאַ ווייכער באַלעבאַטישקייט פאַרהאַלט זיך רב שלמה צו אַ פרוי — ווי צו אַ שיינעם, אָנגענעמען אייגנס. זיין אויג רוט זיך אָפּ אויף איר און ווערט געלייטערט, ווי קוקנדיק אויף פאַרביקע, צייטיקע פירות...

זיין יונג חנהלע האַלט זיך צו אים מיט אַזאַ ליבלעכער אונטערטעניקייט. איר גאַנץ ווייבלעך וועזן איז אַזוי זאַט און דאַנקבאַר איר געליבטן האַר... איר ליבע צום מאַן איז איינגאַנצן אין דרך-ארץ געהילט. „ליב האָט זי אים און מורא האָט זי פאַר אים און ווייסט נישט, צי זי טוט גוט"... אפשר איז דאָס טאַקע די ליבע פון דער עכטער יידישער פרוי מיט איר טיפער, צניעותדיקער ליידנשאַפט...

די יידישע כּלה אין שלום אַשס שטעטל ענטפּערט שטיל מיט הארץ-קלאַפּונג אָמן אויף איר חתנס ברכה, און חנהלע זאָגט מיט אַ בעטנדיקער שטים צו איר מאַן: „איך ווייס נישט, ווי אַזוי איך זאָל זיך פירן, לערן מיך, שלמה, לערן מיך, איך וועל דיך פאָלגן".

שוואַרצע, גרויסע מאַנדל-אויגן מיט לויטערע קיילעכיקע גע-זיכטער האָבן אַשס יידישע טעכטער, און זיי דערמאָנען מיר שטענדיק אָן די יידישע בילדער פון מאַריץ גאָטליב, מיט וועלכן אַש האָט זייער פיל ענלעכס אין כאַראַקטער. אַזאַ לויטערער נחת-רוח שטראַלט אַרויס פון זייערע יידישע פּנימער. און אַזוי בנעימותדיק און פול מיט סטיל צירן זיי זיך און קליידן. דאָס גאָלדענע רינגעלע באַהעפט זיך אַזוי שטיל, ליידנשאַפטלעך צו דעם דינעם ווייסן פינגער, און די פּערל זענען די איינציקע שווייס-טראָפּנס אויף די שטובלעכע, פון קיין אויג געזעענע לייבער...

וואָס פאַר אַ יידישע פרוי האָט עס נישט אַ שאַכטעלע צירונג, ווי אַ ספר-תורהלע, להבדיל, בחדרי חדרים באַהאַלטן... איז דאָס צירן זיך ביי זיי נישט אַ ירושה פון די אַלטע, זוניקע צייטן נאָך?..

און איבערהויפּט, דאַכט זיך מיר, האָבן די יידישע פרויען שטאַרקער קאָנסערווירט, אָפּגעהיט אין זיך דעם יידישן כאַראַקטער, דעם יידישן טעמפּעראַמענט, ווי די יידישע מענער. באַגעגנט מען אָן עכטע יידישע שיינהייט, קאָן זיך ווירקלעך אויסדוכטן, אַז „חורבן ירושלים איז קיינמאָל נישט געווען, און בבל און רוים האָבן קיינמאָל נישט עקסיסטירט".

ווי די ביבלישע העלדן, אַזוי איז אויך רב שלמה נגיד געשילדערט נישט בלויז מיט זיינע מעלות, נאָר אויך מיט זיינע חסרונות. און דאָס האָט שוין צו טון מיט דער אַלטער יידישער וועלט-אָנשויונג. פול מיט לעבנס-קלוגהייט איז דער יידישער גלויבן. און שלום אַש האָט עס פאַרשטאַנען. זייער אינטערעסאַנט איז דער געדאַנק, וועלכן

ער האָט דאָ נישט לאַנג אַרויסגעזאָגט: רעמבראַנד איז דער יידישסטער מאָלער, ווייל ער האָט מער ווי אַלע אַנדערע גרויסע קינסטלער די ביבלישע העלדן מענטשלעך פאַרשטאַנען. אויך רב שלמה האָט געהאַט אויסצושטיין אַן עכטן ביבלישן נסיון. אַ פרוי שטעכט אים, ווי אַ דאָרן, דאָס אויג, און ער איז מתפלל צו גאָט, אַז ער זאָל אים אַ נישט-באַפלעקטן ארויסציען פון דער שווערער פרוווּנג...

נאָר ווי געזאָגט, איז די דאָזיקע פּאָעמע נישט בלויז אינם אָריענטאַליש-ביבלישן זין אויסגעהאַלטן, אַש איז צופיל אַ זון פון אונזער צייט, ער האָט צופיל ליב דאָס יידישע שטעטל, ער זאָל קענען, אַפילו ווען ער זאָל וועלן, די גרויע גלות-קליידער אינגאַנצן אַראָפּוואַרפן פון זיך. אויפן וועג צווישן שטעטל שערעץ און ירושלים בלאָנדזשעט זיין גייסט אַרום... און ס'איז אויך אפשר בעסער אַזוי. די פּאָעמע וואָלט צו מליצהדיק געקלונגען אין אונזערע אויערן, ווען מיר וואָלטן דערזען אין איר פלוצלינג אַ יידן „פון חומש אַרויס".

און צו וואָס איגנאָרירן דעם יידן פון איצטער, די יידישע ירושה נישט נאָר פון ארץ-ישראל, נאָר אויך פון בבל און רוים?

און ווי שטילע, טרויעריקע טייכן פליסן זיך אַדורך דער פּאָעמע די אומעטיקע גלות-ניגונים. ווייכע און טונקעלע חסידישע אַקאָרדן שלענגלען זיך דורך, ווי זיידענע סטענגעס, מיט זייערע מאַט-בלאָע קאָלירן. אַ טרויעריקער יום-כפור אין שול מיט טיף אין טליתים געהילטע קעפּ... גרויסע וועקסענע ליכט מיט געלע פּאַראומערטע פייערלעך... און עס הערט זיך דאָס קרעכצנדע, ווייבערשע עברי-טייטש. דאָס אַלץ איז אין דער יידישער פּאָעמע אָפּגעגאָסן און צוזאַמענגעשמאָלצן.

אויך אין דער שפּראַך מערקן מיר אָט די צוזאַמענשמעלצונג: אָפט דערמאַנט זי אונז דעם ביבלישן סטיל און אָפט דעם סטיל פון אונזערע טרויעריקע תחינות.

דער ביבלישער סטיל און דער סטיל פון אונזערע מאמע-לשון-תחינות — דאָס זענען די שבת-יום-טובדיקע מלבושים, מיט וועלכע שלום אַש דער ראָמאַנטיקער האָט ליב זיין שפּראַך צו באַחנען.

נאָר פון אונטער די דאָזיקע ראָמאַנטיש-ווייכע קליידער קלינגט אַרויס שלום אַשס געזונטע, זאַפטיקע שפּראַך. „ווי רעדער וואָלטן דורך דעם געסל געלאָפן" — דונערט אָפט זיין שפּראַך, פון וועלכער יעדעס וואָרט פילט אָן דעם חלל פון מויל, ווי אַ זאַפטיקע, צייטיקע פלוים און זעטיקט און קלינגט...

און אָט די צאַרטע און יום-טובדיקע פּאָעמע איז אינגאַנצן דורכגעשפּיגעוועט מיט אָט די רויטע, געזונטע בלוט-אָדערן. מיט אַזאַ ברייט-ברוסטיקער גשמיות בלאָזט אויף אונזערע יידישע, אינטעליגענט-פאַרמוטשעטע פּנימער פון דעם ביכל. און עס קילט און פרישט און גיט האָפענונג...

מיר באַקענען זיך דאָ מיט די געזונטע גאָמבינער פישערס און סעדער, יידן, „פון וועלכע עס שמעקט אַראָפּ דער פיינער עפּל-געשמאַק, מיט וועלכן ער גייט אַ גאַנץ יאָר. אין זייערע געדיכטע, טונקעלע בערד, וואָס שטעכן ווי שפּילקעס, האַלט זיך אויף דער סוד פונם טונקעלן טייך, פון וועלכן זיי כאַפּן די פיש אַרויס. דאָס זענען פון יענע יידן, וועלכע האָבן נישט קיין מורא פאַר קיין גוי און זענען קיינמאָל אין גלות נישט געווען"...

דאָס זענען יידן, וועלכע עסן די באַטעמטע, פעטע געגנזלעך און טרינקען דעם „ביינציקער", און „מען פאַרבייסט מיט דעם געשמאַקן קנייפּ, וואָס מען גיט די פעטע, שיינע שענקערין דאָרט, וווּ ס'איז צום אָנגענעמסטן צו קנייפּן"...

דאָס זענען די יידן, ביי וועלכע, ווי עס דאַכט זיך פיל פון אונז, עס רייסט זיך איבער דער „אור התורה", נאָר וועלכע וועקן אין דער אמתן אויף דאָס הייליקע ליכט. דאָס זענען תמימותדיקע געזונטע מענטשן מיט קלאָרע, אָפענע קינדערישע אויגן. און מיט זייערע געזונטע צאַפּלדיקע הערצער פילן זיי אויך „דעם שטילן צער פון חורבן בית-המקדש, וואָס רוט שבת צו שלוש-סעודות איבער די יידישע שטעטלעך"... נאָר די יידן קענען הערן אין די קליינע פאַרמרה-שחורהטע שולעכלעך מיט זייערע טרויעריקע, פאַרוויינטע

ניגונים דאָס פרייליכע זינגען פון די לוויים אין דעם לאַנד פון די אָבות, וווּ דער הימל זעט מיט אַן אמת אויס, „ווי אַ שוואַרץ-זיידענע טוך מיט שטערן באַנייט". נאָר מיט זייערע קינדיש-נאַיווע אויגן קענען זיי זען אונטער דעם קליינעם אָפּגעבליכטן אָרון-קודש-פּרוכתל, דאָרט ווייט, ווייט, אויפן וועג קיין בית-לחם אונזער מוטער רחלס קבר שטיין...

צו פּראָגראַמאַטיש, צו טענדענציעז-יידיש — וועלן אַ טייל פון אונזערע קונסט-מבינים זאָגן. אַ קונסט-ווערק טאָר נישט זיין אַזוי אויסגערעכנט קאָמפּאָנירט, וועלן זיי זאָגן. נאָר דאָס ריין מענטשלעכע דאַרף אַרויסקוקן פון יעדן געשריבענעם אָדער געמאָלטן בילד.

און מיר דאַכט זיך, אַז נאָר אַזעלכע ווערק דאַרפן מיר האָבן איצט. דאָס נייע יידישע שאַפן איז איצט געקומען צו דער מדרגה פון זעלבסט-באַוווסטזיין. דער יידישער קינסטלער, דער יידישער דיכטער וויל איצט קענען זיינע אייגענע פאָרמען, ד. ה. אויך זיין אייגענעם תוכן. און ער מוז איצט אין אַ געוויסן זין באַוווסטזיניק, סינטעטיש שאַפן. דער יידישער קינסטלער מוז איצט פאַר זיך גופא דעם כינוס מאַכן, וועלכן ביאַליק האָט פאָרגעלייגט בנוגע צום יידישן ספר. דער יידישער קינסטלער מוז קענען דאָס יידישע שאַפן פון אַלע צייטן און לענדער, כדי ער זאָל זיך אַליין אָנהויבן קענען, כדי זיין שאַפן זאָל דעם ריכטיקן גאַנג באַקומען. ביז אַהער האָבן מיר געהאַט אַ האַלב-אַסימילירטע ליטעראַטור. אונזער גייסט און אונזער נשמה האָבן זיך אין פרעמדע קליידער-סטילן געהילט. איצט האָבן עס די בעסטע פון אונזערע דיכטער פאַרשטאַנען, און זיי זוכן דעם יידישן מלבוש אויף פאַרשידענע אופנים. ס'קאָן זיין, אַז זיי זענען מקריב עפּעס פון זייער ריינעם שאַפן צוליב דער טענדענץ, אַזוי ווי דער געוויינלעכער ייד פילט אָפט נישט איבער זיינע ספּעציפיש-יידישע ליידן די ריין מענטשלעכע צרות.

אָבער דער יידישער קינסטלער מוז איצט אויף דעם געביט איבערמאָזלען, כדי דאָס יידישע שאַפן זאָל באַקומען שפּעטער דעם גאונישן אַלמענטשלעכן פלי.

אין דעם זין איז שלום אַשס „רב שלמה נגיד" די געלונגענסטע פּאָעמע אויפן וועג צו אַ נייער, עכטער יידישער קונסט.

לייוויק און פּרץ הירשביין

(אַ שטודיע אין טעמפּעראַמענטן)

1

אין פּרץ הירשביין איז דאָ אַ גרויסער חלק לייוויק — דאָס איז הירשביינס גרויסע מעלה; אין לייוויקן איז דאָ אַ שטיק פּרץ הירשביין— דאָס איז לייוויקס חיסרון.

אָבער אין אַלגעמיין ווייס איך נישט, צי אין דער יידישער ליטעראַטור זענען פאַראַן נאָך צוויי דיכטער, וועלכע זאָלן זיין אַזוי קרובהש אין טעמפּעראַמענט אַלס קינסטלער ווי פּרץ הירשביין און לייוויק.

זיי זענען דאַכט זיך אַזוי ווייט איינער פונם אַנדערן אין צייט און שולע (אָדער שולעס): דער ערשטער — פּרץ הירשביין געהער צו דער שלום אַש, רייזען, נאָמבערג-פּלעיאַדע יידישע שרייבער און דיכטער; לייוויק — צו דעם נאָכפאָלגנדיקן דור יידישע דיכטער און שריפטשטעלער, צו דעם קרייז אין אַמעריקע געריפטע יידישע דיכטער, וועלכע מיר האָבן (ערשט נעכטן, דאַכט זיך) אָנגערופן „די יונגע". לייוויק איז אויסגעוואקסן אין איין צייט און אין איין סביבה מיט האַלפּערן, מאַני לייב, אָפּאַטאָשו, נאַדיר א. אַ.

אויך אין דעם „אינהאַלט" אַזוי צו זאָגן זענען הירשביין און לייוויק ווייטלעך איינער פונם אַנדערן: הירשביין געהער צו דער תקופה פון אונזער נאַציאָנאַלן „רענעסאַנס". ער איז פון די, וועלכע האָבן אָנגעהויבן „באַזינגען" דעם יידישן שטייגער; לייוויק איז פון

די ערשטע מורדים אין דער יידישער דיכטונג... ער געהער נישט צו די אַרבעטער-פּאָעטן, ווי מאָריס ראָזענפעלד, עדעלשטאַט א. אַ., נאָר צו די ערשטע מורדים, בונטאַרן (סיי אין פאָרמע און סיי אין אינהאַלט) אין דער יידישער דיכטונג. און דאָך זענען זיי — הירשביין און לייוויק — אין טעמפּעראַמענט ווי ברידער ממש אין אונזער ליטעראַטור.

און פון ריין קינסטלערישן שטאַנדפּונקט איז טעמפּעראַמענט-פאַרוואַנדשאַפט פיל וויכטיקער ווי אידעען- און ריכטונג-פאַרוואַנדשאַפט.

2

פרץ הירשביין איז דער ליטעראַט, דער קינסטלער אין דער יידישער ליטעראַטור. פרץ הירשביין איז מער ליטעראַט ווי... פרץ הירשביין. ער איז כמעט כולו ליטעראַט, אינגאַנצן שרייבער. פרץ הירשביין סימבאָליזירט ליטעראַטור (אמת גרויסע ליטעראַטור איז נישט קיין ליטעראַטור). אַלע מעלות און חסרונות פון ליטעראַטור זעט איר אין הירשביינען. פרץ הירשביין איז ליטעראַטור אין לעבן; אַפילו ווען ער רעדט, רעדט ער ליטעראַטור.

ווען איך שטעל זיך פאָר דעם אידעאַלן טיפּ פון אַ ליטעראַט אין אַ ראָמאַן, זע איך הירשביינען. ער איז שטענדיק איינגעוויקלט און אָנגעהויכט מיט ליטעראַטור. אָן אַ ליטעראַרישן ריטם (זיין הירשביין-ריטם) לעבט ער נישט, שרייבט ער נישט. אַלץ זינגט אין אים ליטעראַריש. פרץ הירשביין גייט קיינמאָל נישט אַרויס פון זיינע שיינע ליטעראַרישע כלים. דער מענטש קריכט ביי אים קיינמאָל נישט אַרויס פונם שרייבער. ער איז שטענדיק געשטימט ליטעראַריש. ליטעראַטור איז פאַר הירשביינען „שטימונג". און ער איז שטענדיק אין שטימונג. יעדע שורה, יעדעס וואָרט זינגט ביי אים, איז נאָר אַ פאַרביק שטיינדל אין אַ גרויסער מאָזאַאיק, וואָס הייסט ליטע-ראַטור, קונסט.

אָפטמאָל דאַכט זיך מיר, אַז פרץ הירשביין איז דער הערא-

ישסטער יידישער שרייבער. ער האָט זיך אינגאַנצן געאָפּפערט אויפן אַלטאַר פון ליטעראַטור. ער גייט אַרום אין קעלטער פון לעבן און קוועטשט אויס אַלע לעבעדיקע טרויבן אויף ליטעראַרישן ווײַן. קיין איין גאַנצע לעבעדיקע טרויב זאָל נישט בלייבן; קיין טרויבן-שאָלעכץ אוודאי און אַוודאי נישט.

פּרץ הירשביין איז אַ ליטעראַרישער קרבן עולה; פּרץ הירשביין שרייבט שטענדיק: ווען ער רייזט אַרום, ווען ער רעדט, ווען ער לעבט און אַפילו ווען ער שרייבט.

3

און פּונקט ווי הירשביין איז דער ליטעראַט אין אונזער ליטע-ראַטור, אַזוי איז לייוויק דער דיכטער. פּונקט ווי הירשביין איז שטענדיק שרייבער, אַזוי איז לייוויק שטענדיק דיכטער. ס'זענען פאַראַן דיכטער, וועלכע זענען נאָך עפּעס אַנדערש — עפּעס מער און עפּעס ווייניקער — ווי דיכטער. לייוויק איז עס אינגאַנצן.

איר מוזט זאָגן: ד ע ר ד י כ ט ע ר לייוויק. ווייל לייוויק אָן דעם דיכטער זאָגט אייך ווייניק, פּונקט ווי הירשביין אָן דעם דראַ-מאַטורג אָדער ליטעראַט זאָגט אייך ווייניק... לייוויק איז בלויז דיכ-טער. פּונקט ווי הירשביין איז אַ ליטעראַרישער קרבן עולה, איז לייוויק אַ דיכטערישער קרבן עולה.

ווי פּרץ הירשביין איז אויך לייוויק געבוירן געוואָרן אין אַ דיכטעריש „הייבעלע": וויל ער עפּעס זאָגן, פּראָסט פּשוט זאָגן, זינגט זיך עס גאָר... עס טוט אים עפּעס שרעקלעך ווי, די נשמה בלוטיקט, ס'ווילט זיך אים מורד זיין, איינרייסן מיט דער וועלט און אַזוי אויפריכטיק שרעקט אים דער שאָטן פון טויט — איז ער אָבער גע-שטראָפט פון גאָט מיט אַ שיינער שטימע... און די טיפע ווייען זינגען זיך גאָר אויס אַזוי קיל, געלאַסן און שיין...

צו אַסך פון לייוויקס לעצטע מאָטיוון — באַזונדער — דאַרף מען האָבן אַ רויע הייזעריקלעכע מענטשלעכע שטימע און ער האָט

גאָר אַ שיינעם קילן מיידלשן סאָפּראַן. לייוויק איז אַ מענטש, וואָס איז געשטראָפט מיט אַ דיכטערישער זינגענדיקער שטימע.

דאָס איז לייוויקס גרויסע קינסטלערישע טראַגעדיע.

איר געדענקט וויקטאָר הוגאָס „דער מענטש וואָס לאַכט"? די שטראָף שטענדיק צו זינגען איז אפשר אַ נאָך גרעסערע און האַרבערע.

ווילסט רייסן קריעה, שעלטן און דיין שטימע זינגט... ווייזט אָן אויף רויע וווּנדן, אויף בלוטיקע צאַפּלענדיקע ווונדן — און דיין שטימע זינגט דערביי אַזוי געלאַסן, גלעטנדיק און באַרויִקנדיק...

און צוליב דיין זיסער שטימע גלויבן נישט מענטשן אין דיינע שמערצלעכסטע ווייען... מענטשן זענען דאָך נישט שטענדיק קינסטלער, דיכטער, זינגער. זיי גלויבן פּאַרט נישט, ווען עמעצער קרעכצט אָדער שטאַרבט אויף נאָטן...

דערפאַר באַמערקן מיר דאָס, כאָטש זיי ביידע — הירשביין און לייוויק—זענען אַזוי געוואַלדיק פּאָפּולער ביי אונז (באַזונדער לעצטנס לייוויק) פונדעסטוועגן איז דאָ עפּעס אַ שאָטן פון נישט צוטרויען, פון נישט גלויבן צו זיי... באַזונדער ביי די בעסערע יידישע לעזער-קרייזן.

זיי זענען צו קינסטלעריש (איינער אין אַ גרעסערער און דער צווייטער אין אַ קלענערער מאָס), צו דיכטעריש און ליטעראַריש, אַז ס'זאָל מעגלעך זיין אָט די אמתע צוטרוילעכע מענטשלעך וואַרעמע אינטימיטעט צווישן זיי און די לעזער. צו לייוויקן און הירשביינען קען מען זיך נישט פילן אַזוי אינטים ווי מיר פילן זיך צו פּרצן, אַשן, שלום-עליכמען, רייזענען און אַנדערע דיכטער מיט זייערע מעלות און חסרונות.

וואָרים ווי קען מען זיך פילן מענטשלעך היימיש און אינטים מיט דיכטערישע אַבסטראַקטן, מיט „קאַלטע מלאכים"?

פרץ הירשביין איז נישט קיין „קריטישע פראָבלעמע״ (דערפאַר האָט זיך אונזער קריטיק מיט אים אַזוי ווייניק באַשעפטיקט): ער איז צו פאַרטיק, צו פערפעקט ליטעראַריש, אַז קריטיקער זאָלן זיך צו אים קענען טשעפּען, שאַצן און איבערשאַצן.

פרץ הירשביין איז אַ „געשמאַק זאַך״: ס'זענען דאָ מענטשן, וואָס האָבן ליב צו קוקן אויף שיינע האַרמאָנישע פאַרבן, און מיט אַ „געשמאַק״ קענט איר נישט דיסקוטירן. יעדער האָט דאָס רעכט אויף זיין אייגענעם געשמאַק. איינער האָט פאַרט ליב אַ טייכל, וואָס שפּיגלט אָפּ פאַרקערט געטריי הימל, וואָלקן, לבנה און שטערן און די בהמות, וואָס פאַשן זיך אויפן ברעג און אַ אידיליש-פאַרליבט פאָרל, וואָס זיצט ביים ברעג און האָלוביעט זיך.

לייוויקס איז דאָס זעלבע טייכל; דאָס זעלבע געמיט. סוף-כל-סוף איז דאָך קיין חילוק נישט, צי דאָס טייכל שפּיגלט אָפּ אין דער מינוט אַ בלוי שטיק הימל אָדער אַ פּאָר שוואַרצע וואָלקנס מיט בליצן.

אַז איך טראַכט וועגן הירשביינען, דערמאָן איך זיך אין טור-געניעווס „ווי גוט, ווי פריש זענען געוועזן די רויזן״.

לייוויקס קלאָרע געלאַסענע, הירשביינישע נשמה האָט שטורמי-שערע דיכטערישע בענקשאַפטן און זוכונגען.

אין זיין שטילער נשמה האָט אַריינגעקוקט דאָסטאָיעווסקיס „גרויסער אינקוויזיטאָר״, סאָלאָגובס הענקער, וואָס ס'איז אים לאַנג-ווייליק אַ הענקער צו זיין... די וועלט-מלחמה און די גרויסע רוסישע רעוואָלוציע האָבן זיך איבערגעקרייצט אין זיין נשמה.

אָבער דאָס טייכל איז געבליבן טייכל. ס'איז נישט אַרויס פון די ברעגעס פון ריטם. און לייוויק איז אַן אַנדערע, נייערע מאָדערנע אויסגאַבע הירשביין.

זיי זענען ביידע קדושים אין אונזער ליטעראַטור. אומבאַריר באַר, אומבאַפלעקט. און כאָטש זיי זענען אַזוי יונג, שמעקט שוין מיט קלאַסיציזם פון זיי. מער אַפילו ווי פון אַזעלכע עלטערע און אָנער-קענטע שרייבער ווי אַש און רייזען זענען...

ווען איך וואָלט נישט מורא געהאַט אויסצוזען צו פּאַראַדאָקסאַל וואָלט איך געזאָגט, אַז לייוויק און פּרץ הירשביין זענען „קלאַסישער" אַפילו פון שלום-עליכם און פּרץ: פון די לעצטע און זייערע ווערק טריפן נאָך אַראָפּ בלוט-טראָפּנס ווי פון רויע שטיקער לעבן... מיר זעען זיי נאָך, מיר קענען נאָך זייערע העלדן און מאָטיוון... לייוויקס און הירשביינס שרייבן ווערט פאַרגלייוועדט אין קלאַסישקייט באַלד ווי זיי ווערן אָפּגעדרוקט.

עפּעס שרייבן זיי אין אַזאַ פיינעם בלויען קלאַסישן טינט... אונטער די בעסטע זייטלעך פון הירשביינס כּתבים קענט איר אונטער-שרייבן: „אַזוי האָט מען אַמאָל ביי אונז געשריבן". און לייוויקס „גולם" זעט שוין לאַנג אויס ביי אונז ווי אַ קלאַסיש ווערק. עפּעס ווי עס וואָלט מיט צענדליקער יאָרן צוריק געוואונען אַ „פּרי דע ראָם..."

לייוויקס פּראַכטפולע קאַלטע סיבירער לידער זענען שוין אַזוי ווייט פון אונז, אַז זיי דערמאַנען אַזש אין פּושקינס צייטן. די בעסטע לידער לייוויקס דערמאַנען אָפּט אָן די גיפּסענע אָפּגוסן פון די קאַלטע קלאַסישע מאַסקעס.

ס'איז אַ געשמאַק-זאַך. אָפּט דאַכט זיך, אַז ס'מוז זיין שרעקלעך לעבעדיקערהייט, יונגערהייט צו לעבן אינם קילן שאָטן פונם קלאַ-סישקייט; אַרומגיין פאַרשפּיליעט אויף אַלע קנעפּ מיט אַ צעבלוטיקט האַרץ אויפן דיכטערישן פּאַרנאַס מוז זיין שרעקלעך פיינלעך. פאַר אונזער לייוויקן באַזונדער, און באַזונדער אין אַזאַ רויער בלוטיק נישט קינסטלערישער צייט ווי אונזערע איז.

אָבער אַזעלכע טעמפּעראַמענטן ווי הירשביינס און לייוויקס צעמענטירן מיט זייערע מייסטערווערק יעדע קונסט, יעדע ליטע-ראַטור.

אָבער צייטן בייטן זיך. אונזער שטורם- און דראַנג-עפּאָכע וועט אַריבערגיין מסתּמא און מיטן צוריקקער פונם קלאַסישן געשמאַק וועלן מענטשן רוען לייענענדיק אַזעלכע דיכטער ווי לייוויק און הירשביין.

ווו איז אָפּאַטאָשו?

(וועגן זיין ראָמאַן „אין פוילישע וועלדער")

ווען מען זאָל זיך אָנטאָן אַ כּוח — און ס'איז שוין לאַנג צייט דער יידישער בעסערער לעזער זאָל עס טאָן — און זיך באַפרייען פון יראת הכבוד און געוואַלדיקן דרך-ארץ, וואָס מיר האָבן פאַר אַ ניי ערשינענעם יידישן בוך; ווען דאָס בוך וואָלט אין די אויגן פונם יידישן לעזער נישט געווען צו און פאַר זיך שוין אַ גרויס אויפטו פאַר אונזער אָרעמער ליטעראַטור; ווען מיר וואָלטן געשעצט אַ ווערק נישט בלויז דערפאַר, ווייל „עס איז סתם אַ געווינס פאַר דער ליטעראַטור"; מיט איין וואָרט, ווען מיר קוקן אויף אָפּאַטאָשוס „אין די פוילישע וועלדער" נאָר, ווי מען דאַרף קוקן אויף אַ ליטעראַריש ווערק און אויסשליסלעך פון אַ קינסטלערישן שטאַנדפּונקט, וואָלט זיין נייער ראָמאַן ביי אונז נישט אַזוי באַזונגען און געפייערט געוואָרן.

שעצן אַ קונסט-ווערק, באשר „דאָס בוך איז גרויס און אין דער יונגער יידישער ליטעראַטור איז נאָך נישט געווען קיין בע-סערס"—די דאָזיקע מאָס איז שוין צייט איבערלאָזן פאַר די היס-טאָריקער פון דער יידישער ליטעראַטור, וועלכע וועלן קומען, ווען אונזער ליטעראַטור וועט ווערן באמת רייך. דערווייל אָבער דאַרפן מיר נישט נושא פּנים זיין אַפילו לשם אונזער אָרעמקייט...

אַ קינסטלעריש ווערק דאַרף אָפּגעשאַצט ווערן בלויז אַלס אַ קונסט-ווערק, ווייל נאָר אַזוי-אַרום קענען מיר באַגרייפן, צי דער

שטאָף, די אידעען און טענדענצן פונם בוך איז דעם מחברס אייגן-עמפּינדנס און פאַרדייעטס, אָדער מער ווייניקער געשיקט אַנטנומענע.

* *
*

י. אָפּאַטאָשוס ראָמאַן „אין פוילישע וועלדער" דערמאַנט שטאַרק אָן אַנ—סקיס „דיבוק". אַנ—סקי האָט אין זיין באַרימטער פּיעסע „אויסגע-נוצט"—נישט ווי אַ דיכטער, נאָר ווי אַ ליבהאָבער און זאַמלער פון אונזער פאָלקלאָר—פאָלקס-מאָטיוון און ניגונים; אָפּאַטאָשו האָט אין זיין היסטאָרישן ראָמאַן „אין די פוילישע וועלדער" אויך מיט אַ געוויסער טעכנישער פאַכמענערישער געשיקטקייט אויסגענוצט חסידישע לעגענ-דעס, מסורות און אידעען. און זיי אינטעליגענט מצרף געווען אין אַ היסטאָרישן ראָמאַן.

דעם דערפאָלג פונם „דיבוק" ביי די יידישע מאַסן האָט גורם געווען דעם פאָלקסטימלעכער שטאָף פונם דיבוק און נישט דער שאַ-פער, דער דערפאָלג פון די „פוילישע וועלדער" ביי דער יידישער אינטעליגענץ האָט דאָסמאָל אויך גורם געווען הויפּטזאַכלעך דער וווּנדערבאַרער מאַטעריאַל, וואָס איז אָנגעזאַמלט אין דעם ראָמאַן, און נישט דער קינסטלער, דער דיכטער אָפּאַטאָשו.

נישט אָפּאַטאָשוס אַרט זען און שילדערן, נישט זיינע אייגענע אידעען און אויפפאַסונג פון דער תקופה האָבן אויסגענומען ביים דורכשניטלעכן יידישן אינטעליגענט, נאָר די שאָטנס פון די גרויסע יידן, וועלכע ער האָט פאַר אונז געפּרווט צייכענען.

ווען אין דעם ראָמאַן וואָלטן נישט פיגורירט גרויסע יידן און אידעען, נאָר סתם פּשוטע יידן, כאָטש ווי רב אברהם מרדכיס טאַטע (וועלכער האָט זיך אָפּאַטאַשון, אגב, אַמבעסטן איינגעגעבן), וואָלט דער ראָמאַן ביי דער יידישער אינטעליגענץ גאָרנישט אַזוי קונה שם געווען. מען וואָלט געזאָגט — און מיט רעכט, — אַז ס'איז איינער פון די ראָמאַנען פון אַש-וויסענבערגס שול אין אונזער ליטעראַטור. אָבער אַזוי ווי מיר געפינען דאָרט פיגורן פון גרויסע

יידן, צדיקים און שטיקער זוהר, און אַזוי ווי מיר גאַרן אַלע אַזעלכע העלדן צו זען דורך אַן אמת קינסטלערישן אויג, לייענט דער יידישער אינטעליגענט דעם ראָמאַן בנשימה אחת, מיט געוואַלדיקער הנאה, וואַרטנדיק אַלע מאָל, אַז דאָס נעכסטע בלעטל זאָל געבן דאָס, וואָס דער מחבר זאָגט צו אינם פריערדיקן... און אָט דאָס נישט באַפרידיקטע וואַרטן ווערט פאַרטוישט ביים לעזער מיט עסטעטישן תענוג, מיט אמתער קונסט. און אנשטאט צו דענקען און באַוווּנדערן דעם אָנגעזאַמלטן מאַטעריאַל דאַנקט ער און באַוווּנדערט דעם קינסטלער...

* *

אָפּאַטאָשו איז מער משכיל, ווי קינסטלער. ער איז מער חסיד, ווי שאַפער.

אויב שלום אַש איז דער יידיש-פּוילישער ראָמאַנטיקער און סענטימענטאַליסט, און ווייסענבערג — דער רעאַליסט, — איז אָפּאַטאָשו דער יידיש-פּוילישער אינטעליגענט. ער איז נאָך נישט געקומען צו דער שטופע פון י. ל. פּרץ — דעם שאַפנדן קולטור-מענטש. דער אַש-ווייסענבערג-עלעמענט קעמפט נאָך אין אים מיט דעם פּרץ-עלעמענט, און דער ערשטער איז נאָך גובר. אַמשטאַרקסטן פילט ער זיך, ווי שוין באַמערקט, אין דעם געשטאַלט פון רב אברהמען, וועלכער איז אין דער אמתן אַ מין רב שלמה נגיד, כאָטש נישט אַזוי ראָמאַנטיש און גאַנץ, ווי דער לעצטער.

אַ ר׳ איטשע, מענדעלע קאָצקער, ר׳ ישראל דער באָרוועסער (דער חסידישער „יוראָדיווי”) און אַלע אַנדערע גרויסע יידן פון „די פּוילישע וועלדער” זענען פיל, צופיל, איבער אָפּאַטאָשוס כוחות. אַפילו זיין שפּראַך, זיין סטיל קליידט זיי נישט, ווען ער וויל זיי שילדערן. און ס׳קומט אויס, אַז ער דערציילט בלויז וועגן זיי דאָס, וואָס ער ווייסט וועגן זיי, דאָס וואָס ער האָט געהערט און געלייענט וועגן זיי. געזען — קינסטלעריש — האָט ער זיי נישט. ער האָט זיי

נישט איבערגעלעבט, נישט איינגעזאַפּט אין זיך קינסטלעריש. דערפאַר זעען אויך מיר, לעזער, זיי נישט אין זיין בוך. ער האָט נאָר אונזער אַפּעטיט געוועקט, אונז פאַראינטריגירט שטאַרק. אָפט דאַכט זיך, אַז ער האָט, ווי אַ גוטער „גבאי", אַן עפן געטאָן אַ שפּאַרינקע צו זייער אינערלעכן נשמה־לעבן, צו זייער קדשי־קדשים, אָבער באַלד ווערט די טיר פאַרהאַקט, און מיר בלייבן שטיין צוזאַמען מיטן מחבר אונטער דער טיר אָדער אונטערן פענצטער, און הערן ווידער, ווי געטרייע חסידים דערציילן מעשיות וועגן זיי.

פאַרוואָס האָט ער זיי אונז זייער תּוך נישט געוויזן? פאַרוואָס האָט ער זיי נישט געזען? האָבן מיר דען נאָך נישט זוכה געווען נהנה זיין מזיו השכינה?

נאָך דעם, ווי איך האָב איבערגעלייענט דעם ראָמאַן, האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אײנער וואָלט די גאַנצע צייט געשטאַנען לעבן גרויסע טעאַטראַלע דעקאָראַציעס, פּרוווט זיי צונויפשטעלן, אָבער זיי וואַקלען זיך גרויס און אומגעלומפּערט: אָט, אָט פאַלן זיי איין... און אָט זעענען זיי, ענדלעך, דאָך צונויפגעשטעלט מיט כמה צרות. אָבער דאָך נישט קיין מאָנומענטאַלע פיגורן, נישט קיין גאַנצע, איינהייטלעך בילד, נאָר גרויסע לייוונטן מיט טעאַטראַלע קאָנטורן און עפעקטן.

און דער עיקר: דעם קינסטלער און שאַפער, אַפּאַטאָשון אַליין זעט מען ווייניק אַרויס פון זיין בוך.

וווּ איז ער? ווו איז אַפּאַטאָשו גופא? עפעס האָט ער זיך איינגאַנצן באַהאַלטן אונטער די שאָטנס פון די גרויסע יידן, וועלכע ער האָט פאַר אונז געוואָלט צייכענען. דער קינסטלער מוז זיך פילן אומעטום. ער איז דאָך דער ווירקלעכער העלד פון זיין בוך. אין טאָלסטאָיס „מלחמה און שלום" איז דאָך די ווירקלעכסטע פיגור טאָלסטאָי אַליין, ווי עס איז אויך אין יעדן אמתן פערזענלעכן קונסט־ווערק.

אָבער אַפּאַטאָשון זעט מען ווייניק אַרויס אין „די פוילישע וועלדער", ער איז דאָרטן אינגאַנצן פאַרלוירן געוואָרן. ס'איז דאָ נישט קיין פראַגע וועגן קינסטלערישער אָביעקטיוויטעט, וועלכע איז, אגב, בכלל מעגלעך ביי קליינע קינסטלער, ביי נישט באַדייטנדע

פערזענלעכקייטן... אפילו אין פלאָבערס קינסטלעריש-אָביעקטיוון ראָמאַן „מאַדאַם באָוואַרי" איז די אינטערעסאַנטסטע פיגור פלאָבער זעלבסט, אַט דער זעלטענער עסטעטישער אַנאַטאָם.

* * *

און דאָך האָט אָפּאַטאָשו געוואַגט דאָס, וואָס אפילו י. ל. פּרץ האָט אויף זיך נישט געשטעלט. פרץ, דער קולטור-מענטש, האָט בלויז אין אַ פּאָר סקיצן און פראַגמענטן געוואַגט קינסטלעריש צו מאָלן אָט די גרויסע גייסטער, וועלכע האָבן געשאַפן יידישע קולטור-ווערטן. אָפּאַטאָשו אָבער האָט זיך פאַרמאָסטן זיי אַלע מצרף זיין אין אַ היסטאָרישן ראָמאַן.

צונויפנעמען מאַטעריאַל און צונויפשטעלן אַ ראָמאַן איז זייער לויבנסווערט, באַזונדער פאַר אונזער ליטעראַטור. אָבער מען דאַרף דאָך אויך האָבן אַן אייגענעם בליק אויף דער תקופה און אירע העלדן, אַן אייגענע ליכט, ווייל נור די מאָמענטן מאַכן אַן אמת גרויס ווערק. אָפּאַטאָשוס וואַגן איז, ווירקלעך, צום באַוואונדערן. כאָטש ס'איז דאָ עפּעס פּראַקטיש, קלוגס איז זיין פאַרמעסטן זיך. ער וואַגט אפילו צו נעמען פון אַנדערע שרייבער, פּונקט ווי אמת גרויסע שרייבער ביי די אומות-העולם האָבן עס אָפט געטאָן. דאַכט זיך, מאָליער האָט עס געזאָגט: „איך נעם ביי אַלע דיכטער דאָס, וואָס איז מיינס". אויף דער גרויסער געטע האָט זיך ענלעך אויסגעדריקט (זע עמערסאָנס אינטערעסאַנטן עסיי „אָריגינאַליטעט").

אמתע פּלאַגיאַטאָרן זענען נור קליינע מענטשעלעך, און מען דערקענט זיי אַפילו, ווען זיי גנבהנען נישט, אנטנעמען נישט. און באַזונדער דערקענט מען דעם פּלאַגיאַטאָר אין זיינע גנבות, וועלכע זענען געשמאַקלאָז און באַשטייען פון קליינלעכקייטן. די גרויס פונם שרייבער, פונם קינסטלער מעסט זיך אויך אָפט לויט דעם מקור פון זיין השפעה, פון וועמען ער אנטנעמט. און אויך לויט דער מאָס

און קוואַליטעט פונם אַנטנומענעם און געבאַרגטן דערקענט מען דעם גרויסן קינסטלער. „וואָס איז אונז דער חילוק פון וואַנען דער קינסט־לער, דער דיכטער האָט גענומען זיינע מאָטיוון, זיילן און אָרנאַמענטן, אַבי ער האָט געשאַפן אַן אייגענע שיינע געביידע...״ זינגט ערגעץ היינע.

און אויך אין דעם פּרט האָט אָפּאַטאָשו זיך געשטעלט גרויס: ער האָט זיך נישט בלויז געניצט מיט אַרכיוון און פאָלקס־מעשיות און לעגענדעס, נאָר אויך מיט בילדער פון קינסטלער. פאַר אים איז יונגע יידישע ליטעראַטור און אירע שאַפער פונקט אַזאַ מאַטעריאַל, ווי די אַלטע חסידישע ספרים און לעגענדעס.

איינער פון זיינע כאַראַקטערן טראָגט אַ קאַפּאָטע, וואָס „ווען מען שטעלט זי אַוועק, וואָלט זי געשטאַנען״ (שלום־עליכם). די סצענע, ווי ר׳ איטשע פירט צו ר׳ מענדעלע קאָצקער צום פענצטער און באַווייזט אים דעם „הויף״, דערמאַנט שטאַרק אין י. ל. פּרצס „צווישן צוויי בערג״, ווען דער ביאַלער רב פירט אַרויס דעם בריס־קער רב אויפן גאַניקל און ווייזט אים די פּאָעזיע פונם חסידיזם. ווען דושקע קושט זיך מיט רבקהלן, דערמאַנט עס אַ סצענע אין אַשס „גאָט פון נקמה״. (אגב די חסידישע וואַקכאַנאַליע אין מענדעלעס הויז שמעקט אַביסל מיטן אַמעריקאַנער סינעמאַטאָגראַף.) און דאָס פּראַכטפולע קאַפּיטל „די פּטירה״ רופט אַרויס אין זיכּרון אַן ענלעכן קאַפּיטל אין דאָסטאָיעווסקיס „די ברידער קאַראַמאַזאָוו״, ווען דער זקן שטאַרבט, און מיט שטוינונג דערזען זיינע חסידים, ווי דער הייליקער צולייגט זיך מיט שלעכטע ריחות, ווי אַ פּשוטער זינדי־קער בשר־ודם.

אָט די לעצטע באַמערקונגען ווערן נישט געמאַכט לגנאי אָפּאַטאָשון. פאַרקערט, דאָס לעצטע איז ווידער אַן עדות אויף אָפּאַ־טאָשוס גרויסן פאַרנעם. „ער נעמט פון אַלעס, ווייל אַלץ איז זיינס״. אָבער וואָס האָט ער אונז געוואָלט זאָגן אין זיין ראָמאַן „אין די פוילישע וועלדער״?

„ער האָט אונז גאָרנישט געוואָלט זאָגן — וועלן אייניקע מיר ענטפערן; — ער איז אַ קינסטלער, און אַ קינסטלער זאָגט נישט, נאָר מאָלט און שילדערט, און אין דעם ראָמאַן האָט פאַר אונז אָפּאַטאָשו געשילדערט אַ גאַנצע עפּאָכע אינם פוילישן יידנטום״.

„אַ קינסטלער זאָגט גאָרנישט!” דאָס איז נישט אמת, דאָס איז איינע פון די באַנאַליטעטן פון דער „קונסט לשם קונסט”-שול. דער קינסטלער, וואָס וויל גאָרנישט זאָגן, קאָן גאָרנישט זאָגן, האָט נישט וואָס צו זאָגן און איז אַן אומבאַדייטנדער קינסטלער. פאַרן אמתן גרויסן קינסטלער זענען זיינע העלדן און מאָטיוון בלויז מע־דיומען, דורך וועלכע ער קען זיך באַווייזן, זיין וואָרט זאָגן, זיינע אידעען אין דער וועלט ברענגען.

און אויך אָפּאַטאָשו האָט אין זיינע „פוילישע וועלדער” געוואָלט עפּעס זאָגן. זיין „וואָרט” איז מרדכי, דער הויפּט-העלד. און דווקא מרדכי האָט זיך אָפּאַטאָשון אַמווינציקסטן איינגעגעבן. מרדכי האָט געזאָלט זיין דער סינטעז-ייד, דער סימבאָלישער ייד, וועלכער דענקט, אַז „דער קאָצקער איז גערעכט, ר' איטשע, קאָהאַנע, קאָמאַראָוו־סקי — אַלע זענען גערעכט”. און מרדכי איז אַרויס פון אָפּאַטאָשוס פּען אַביסל מעלאָדראַמאַטיש. מיר „זעען” באַשיינפּערלעך אַלע השפּעות אויף אים. אָבער ווי אַזוי ער האָט די השפּעות פאַרדייעט, זעען מיר נישט, ער ערשיינט פאַר אונז אַלע מאָל און פלוצלינג אין אַן אַנדערן גילגול. ווי אַזוי אָבער? ווי איז ער געקומען דערצו? דאָס בלייבט פאַרהילט.

מתוך גרונו של מרדכי האָט אָפּאַטאָשו געוואָלט זיין וואָרט זאָגן. אָבער דאָס וואָרט איז אַרויס צעבראָכן, עפּעקטפול און מעלאָ־דראַמאַטיש. מרדכי איז בלויז השפּעה. ער האָט זיך אַליין נאָך נישט געפונען. דערפאַר האָט ער די גרויסע יידן פון אַרום אים נישט דערזען, נאָך נישט איבערגעלעבט און נישט סינטעזירט. ער פאַרלירט זיך אינגאַנצן אין זייערע הייליקע שאָטנס.

משה נאַדיר

(אַ פּאָר כאַראַקטער־שטריכן)

משה נאַדיר איז אפשר דער קלוגסטער יידישער שרייבער און ער וועט דאָך, דאַכט זיך, בלייבן דער נאַר אין דער יידישער ליטעראַטור פון זיין צייט.

משה נאַדיר קען זיך אַליין זייער גוט, — בעסער אלנפאלס פון אַלע זיינע קריטיקער און פאַרערער; עס ווערט אומעטיק און קאַלט פון זיינע רייד און ווערטלעך וועגן זיך אַליין, מיט וועלכע ער מוז־ווי ער וואָלט זיך נישט געקענט העלפן — באַשיטן זיינע פּאָעטיש־פעליעטאָניסטישע עסייען. ער קען זיך זייער גוט, דעריבער שטעלט זיך מיר פאָר:

ווען משה נאַדיר זאָל שרייבן זיין אייגענעם עפּיטאַף, וואָלט ער אָנגעשריבן: „געווען קלוג, קלוג און זיך באַנאַרישט"...

אַ סאַך אָרעמערע און וויניקער פעיקערע יידישע שרייבער, קענען וועלכע משה נאַדיר איז אַ „ריז", אַ „פערזענלעכקייט", אַ „גרויסער קינסטלער", ווען אים איבערלעבן.

און ס'קען זיין, אַז משה נאַדיר איז אָפּט מקנא (שעמענדיק זיך מיט וויטיק) די זאַטע, פיל־בענדיקע שרייבער, וועלכע ער האָט אַזוי גלענצנד „דערטאַפּט" אין זייער מענטשלעכער קליינקייט און נישט־אינטערעסאַנטקייט. משה נאַדיר האָט נישט ליב אָפּאָטאָשון (ער זאָגט עס אַליין), אָבער בחדרי־חדרים, קען זיין, שטייט ער פאַר „די פוילישע וועלדער" און זאָגט:

„פּאָרט אַן אַרבעט".

נאַדיר קען אַשן, בערגעלסאָנען, לייוויקן אויסגעבונדן; מאָמענטנ־ווייז קען ער בליציק אַפילו זיי איבערוואַקסן... אָבער מיט זיי וועט די יידישע קריטיק זיך באַשעפטיקן אין הונדערט יאָר אַרום אויך; זיי וועט מען „מטהר" זיין... און נאַדיר וועט פאַרגעסן ווערן, אָדער ווי אַ „קוריאָז" דורכגעלופּטערט ווערן אַמאָל.

די טראַגעדיע פון גאונות? ניין, עפּעס נידריקערס, באַנאַלערס— „אויב נישט נאָך העכער". משה נאַדיר ווייסט, אַז מען מעג אַמאָל אויף צולהכעיס „אָריגינעלע מענטשן" באַנאַל זיין, און אַז אַסך באַנאַלע אויסגעדראָשענע ווערטלעך זענען אמתער ווי אַנדערע מאָ־דערנע גייסטרייכע אַפּאָריזמען און פּאַראַדאָקסן. און אַזאַ ווערטל וויל איך איצט דערמאַנען: „אַרבעט מאַכט דאָס לעבן זיס". אַ מיאוס ווערטל, אַ זאַט דייטשיש ווערטל. אָבער ס'איז אמת. דער עיקר... בנוגע קינסטלער. אַרבעט. אַרבעט. קאָנצענטרירטע, פּלאַנמעסיקע אַר־בעט. גרויסע ביכער, געזאַמלטע ווערק; הייזער מיאוסע, אַסך־שטאָ־קיקע הייזער — די זעען זיך אָן. אָרנאַמענטן און בליצן פאַרגעסן זיך. אַזוי איז עס שוין.

און משה נאַדיר איז צו קלוג, צו פיין, צו דעגענערירט, ער זאָל כוח האָבן צו אַרבעטן אַזוי שווער און איינגעשפּאַרט.

משה נאַדיר וויל זיין אַ לעבעדיקער מענטש. ער ווייסט אויך, אַז דאָס איז דאָס וויכטיקסטע אין ליטעראַטור און קונסט (די גרויסע קינסטלער זענען שוין גאָר קיין קינסטלער נישט) און אים איז דאָך באַשערט צו זיין בלויז... אַ קינסטלער.

עס שטייט אים נישט אָן, ער באַשפייט יעדע רגע זיין קונסט; ער צעברעכט אַלע ווילדע זיינע אייגענע געטשקעס. אָבער עס העלפט אים נישט, ער בלייבט נאָר... אַרטיסט.

משה נאַדיר איז דער ערשטער ע ס ט ע ט (און דאָס, אַז מען וויל,

איז נאָך ערגער ווי קינסטלער) אין דער יידישער ליטעראַטור. דאָס איז זיין אומגליק, דאָס איז זיין קללה.

אסך אַנדערע יידישע דיכטער וואָלטן זיך געמעגט ווינטשן די מדרגה — אָבער דאָס איז נאַדירס באַליידיקונג.

משה נאַדיר איז דער עסטעט.

משה נאַדיר דער ציניקער — אָט דער, וואָס האָט געהאַט די חוצפה זיך אַ נאָמען צו געבן אַזוי ציניש: „משה נאַדיר״ — אָט דער זעלבער איז בלויז אַן עסטעט.

שפּילן זיך מיט פאָרמען און ווערטער — און דער עיקר מיט ווערטער — איז זיין חיות. ער שפּילט זיך, שפּילט זיך און פאַר־שפּילט זיך.

און דאָס איז נאַדירס טראַגעדיע: ער איז ביים פולן זינען פאַרליבט אינם ביסל לעבן, וואָס אברהם רייזען פאַרמאָגט, אין ראָל־ביקס אויפריכטיקייט... ביים פולן זינען, ווייל די צייט פון עסטעטיזם איז שוין אַריבער, ווייל קונסט פאַר קונסט קלינגט שוין אַזוי ברכה־לבטלהדיק ווי שמינקע צוליב שמינקע... און ער איז נאָך אַלץ דער עסטעט, דער וואָרט־דענדי אין דער יידישער ליטעראַטור.

„שטשעגאָלירט״ ער אין אונזער ליטעראַריש וועלטל ווי אַ פראַנט אַ קינסטלער... דרייט זיך עסטעטיש אויפן קאָרעק און שפּילט זיך מיט אמתן (מיט אמתע אמתן אַפילו) ווי מיט רויזן... און נאָך ווילדע רויזן דערצו...

אמת, ער ווייסט עס, אַז ס'איז אַזוי נייטיק (און ווי נייטיק!) אין אַ ליטעראַריש־אינטעליגענטן וואַסער שטיינער צו וואַרפן... אָבער אַפילו די שטיינער, וואָס ער וואַרפט, זענען עסטעטיש, אָפטמאָל שוין צו טשאַקענדיק־געצאַצקעטע און צו ווערטלדיקע.

אמת איז אויך, אַז משה נאַדיר שטייט אַצינד אין דער ערשטער רייע פון אונזער ליטעראַרישן אַוואַנגאַרד, באַוואָפנט מיט די לעצטע אידעען און אידעענלאָזיקייטן... אָבער אויך דאָרט שטייט ער אַ שפּאַגל־נייער, אַן אויסגעצאַצקעטער און שיסט מיט „שיינע ווערטער״, וואָס מען נעמט זיי נישט ערנסט אַפילו ווען זיי זענען אָפטמאָל ערנסט.

און ס'איז נאַדירס שולד און נישט־שולד: ס'איז זיין נאַטור. ער גלויבט אַליין נישט אינגאַנצן אין זיין אייגענעם „חטאתי״. און

קאָמוניזם און די רוסישע רעוואָלוציע זענען אין דער אמתן נאָר רויטע בלומען אין זיינע לאָצן.

ער האָט זיך איינגערעדט שטאַרק, שיין און גייטיק, אַז ער איז פאַרליבט אין זיי.

אָבער, אסור, אויב עמעצער גלייבט אים אויף אַן אמת, און קען דען משה נאַדיר איבערהויפּט זיך פאַרליבן מער ווי... אויף אַ מינוט?

אָט דער זעלבער משה נאַדיר, וועלכער איז מיט אַזאַ האַס אין זיך אַליין נאָר פאַרליבט.

אויף זיין אָרט און אין זיין גלאָריע וואָלט משה נאַדיר געווען אין אָסקאַר ווײַלדס צייטן אין עסטעטישע סאַלאָנען. דאָרטן וואָלט ער עס געווען אין דער היים. וואָרים ווער פון אונזערע יונגע דיכטער קען עס, ווי נאַדיר, פּערפומירטע שיינע פּראָזע און לידער שרייבן. און דער עיקר וואָלט ער דאָרט געקענט זיין קינסטלערישע נשמה אויסברענגען, פאַרשפּענדן אויף שיינע צאַצקעס אָן געוויסן-ביסן. ס'וואָלט געווען דאָס לעצטע וואָרט. ער, נאַדיר, וואָלט געווען אונזער אָסקאַר ווײַלד. אָבער, ווי ס'פּירט זיך מיט אַסך דיכטער, איז אויך נאַדיר נישט געבוירן געוואָרן אין זיין צייט. מוז ער זיין אַן עסטעט אין אַ צייט, ווען מען זוכט לעבעדיקע מענטשן מיט ליכט, און מוז זיך באַניגענען צו זיין אַ שטיקל בערנאַרד שאָו (אָן אַרבעט) אין אונזער ליטעראַטור. טראָגט ער אַ גלאַנציקע מיץ מיט גלעקלעך און קלינגט מיט זיי אויס... אמתן. שפּילט ער דעם קלאָון און דעם רעוואָלוציאָנער, ווייל ס'איז נישטאָ, ווער עס זאָל די ראָלן שפּילן. שטייט ער אינמיטן צווישן דאָברוציע און בראָדערזאָן, האַלט זיי ביי די הענט און סתם — ווערטער און צולהכעיס-ווערטלעך שיטן זיך פון אים...

און ווילן ווילט זיך אים מאַכן שיינע צאַצקעלעך — שטיקער

קיילעכיקע פּראָזע, וואָס מען זאָל זיי קענען אָנטוען ווי בראָסלעטן, און בענקען בענקט ער נאָך גרויסן וואָכעדיקן אייביקן ערדישן לעבן.

און איינמאָל, אין אַ שיינעם מיטן מיטוואָך, וועט דער נאָמען משה נאַדיר פאַרשווינדן ווערן פון די שפּאַלטן פון דער יידישער פּרעסע, פון דער לינקער און פון דער רעכטער. נישטאָ משה נאַדיר.

וואָס וועט מיט אים געשען? איין קלייניקייט: משה נאַדיר וועט קויפן אַ גרויסן פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט און מיט אים זיך אַוועקלאָזן אין גאַס, פון שטוב צו שטוב און פשוט פאָטאָגראַפירן—לעבן.

איך מיין דערמיט צו זאָגן: ער וועט זיך אָנקויפן בערג מיט ווייס ריין פּאַפּיר, זיך אויסקלויבן אַ נייעם פּסעוודאָנים, אַן אומבאַקאַנטן, נישט קלוגן, גראָען נאָמען.

און אָן חכמות וועט ער דעמאָלט אָנשרייבן אַ גרויס דיק בוך. אפשר טאַקע אַ גרויס יידיש בוך.

אברהם רייזען

1

צו רייזענען האָט זיך די יידישע אינטעליגענץ און די אָפּיציעלע יידישע קריטיק שטענדיק באַצויגן אַ ביסעלע סנאָביש. דאָס הייסט מען האָט אויך וועגן אברהם רייזען ביי אונז אַסך געשריבן נאָר אָן דעם „כּובד ראש", אָן אָט דער שווערקעפּיקער ערנסטקייט מיט וועלכער מען האָט ביי אונז געשריבן וועגן דיכטער פון רייזענס גרויס און אפילו פון קלענערע דיכטער פון אים.

און ס'איז לייכט צו ערקלערן אָט דעם באַצוג צו רייזענען פון אונזער קריטיק: דער רוב קריטיקער ווי דער רוב קינסטלער האָבן ליב אויסערגעווײנלעכע פּנימער און מאָטיוון צו מאָלן און באַהאַנדלען. גרויסע „שיינהייטן" אָדער גרויסע „מיאוסקייטן". אויסערגעוויינלעכע מאָטיוון, מיינען זיי, איז גרינגער צו באַשרייבן, ווייל זיי האָבן זיך אָן וואָס „אָנצוכאַפּן" און זיי קענען אונטער די גרויסע טעמעס באַהאַלטן זייער אייגענע קינסטלערישע שוואַכקייט. פּשוטע פּנימער און מאָטיוון, ווידער מיינען זיי, איז נישט אינטערעסאַנט צו שילדערן. „זיי האָבן נישט אין וואָס אָנצוכאַפּן זיך". און אַ פּשוט פּנים, אַ פּשוט שטיק לעבן צו באַשרייבן איז אפשר טאַקע אַסך שווערער. מען דאַרף טאַקע דערצו קענען פּשוט גוט צייכנען און ערלעך זען און פילן. מיט עפעקטן אַליין קען מען שוין, מאָלענדיק אַ פּשוט פּנים, נישט אויסקומען.

און אברהם רייזען איז דאָס פּשוטע פּנים אין דער יידישער ליטעראַטור, אין דער יידישער דיכטונג.

אברהם רייזען אַלס דיכטער און ערציילער קען געגליכן ווערן צו פּיסנע ברויט. אָפּטמאָל איז זייער געשמאַק פּיסנע ברויט און אָפּטמאָל אויך אַ ביסעלע צו אַלט און פאַרטרוקנט. און ווי קענען עס אינטעליגענטן זיך ערנסט באַשעפטיקן מיט אַזאַ איינפאַך און פּשוטן מאכל? גיט זיי כאָטש לעקעך.

אינטעליגענטע מענטשן — און קריטיקער ווי קינסטלער זענען דאָך נאַטירלעך אינטעליגענטן — האָבן ס'רוב ליב זיך צו באַשעפטיקן מיט פאַרפלאָנטערטע פּראָבלעמען, מיט גרויסע קינסטלערישע אָנשטעלן און פּאָזעס, אָבער נישט מיט פּשוטע שטילע מענטשלעכקייט, נישט מיט אַ דיכטער, וועלכער זינגט אַזוי האַרציק גרוי וועגן גרויען וואָכעדיקן צער און אָפּט (אַ ביסעלע שוין צו אָפּט) אויך וועגן דעם, אַז „צוויי מאָל צוויי איז פיר".

און דאָך איז אפשר פיל אינטערעסאַנטער צו מאָלן רייזענס פּאָרטרעט. אָפן און קלאָר שטייט רייזען פאַרן יידישן לעזער און ער איז באַקאַנטער און היימישער דעם יידישן לעזער ווי וועלכער אַנדערער יידישער דיכטער. אברהם רייזען באַהאַלט זיך נישט אין זיינע שריפטן, ווי דער רוב פּאָעטן און שריפטשטעלער. פאַרן רוב פּאָעטן און קינסטלער איז זייער קונסט אַ מין שיינע מאַסקע אונטער וועלכער זיי באַהאַלטן דאָס אייגענע פּנים, אויב זיי האָבן אַ אייגן פּנים. טייל שריפטשטעלער און קינסטלער זענען אַזוי באַהאַלטן און באַגראָבן אין זייער קונסט, אַז דער קריטיקער מוז שווער האָרוען איידער ער דעקט אויף זייער שטיקל „איך", זייער אמת געשטאַלט.

אברהם רייזען ווידער באַהאַלט זיך כמעט גאָרנישט אין זיין שרייבן; אברהם רייזען קען זיך נישט באַהאַלטן אין זיין שרייבן

אַפילו ווען ער וויל עס. ער קוקט אַרויס פון יעדער שורה וואָס ער שרייבט אָן, פון יעדן ליד, פון יעדער ערציילונג.

אָפטמאָל האָב איך דעם איינדרוק, נעמענדיק ליינען רייזענען, אַז איך גיי צו צו אַ קליין נישט פאַרהאַנגען פענצטערל — קיין גרויסע גליקן וועלן צו מיר פון דאָרט נישט אַרויסקוקן און קיין באַזונדערע בשורות וועט מען מיר פון פענצטערל אויך נישט אָנזאָגן, נאָר מיט אַ פשוטן מענטשלעכן „גוט מאָרגן" אָדער „גוטן אָוונט" וועט מען מיך פון דאָרט באַגריסן.

אברהם רייזען איז אפשר דער איינציקער יידישער דיכטער, וועלכער רעדט מיט זיין אייגענער שטימע, מיט זיין אייגן קול. ס'רוב קינסטלער, דיכטער, שוישפילער האָבן באַזונדערע שטימעס אין זייער פריוואַטן טאָג־טעגלעכן לעבן און באַזונדערע ספּעציעלע יום־טובדיקע שטימעס, ווען זיי נעמען זיך צו זייער שאַפן, צום שרייבן.

שרייבן איז אַזוי ווי רעדן. און זייער זעלטן טרעפט מען אַ שרייבער, וועלכער זאָל שרייבן מיט דער אייגענער שטימע מיט וועל־כער ער רעדט אין גאַס און אין שטוב צו זיינע אינטימע פריינט. ס'רוב שרייבער, ווי חזנים און אַקטיאָרן אויף דער בינע, שטעלן אָן זייערע שטימעס, ווען זיי נעמען זיך צו די פעדערס...

איין דיכטער שטעלט אָן זיין „ראָמאַנטישן טענאָר", אַ צוויי־טער אַ „סאָלידן נביאישן באַס"... יעדער פּרוּווט מיט אַלע כוחות צו געבן אַ ביסל מעטאַל זיין שטימע, ס'זאָל זיין אימפּאָזאַנטער, וואַזשנער, קינסטלערישער.

אברהם רייזען קען זיך נישט מאַכן אַ באַזונדערע קינסטלערישע שטימע. ווען ער פּרוּווט עס אַמאָל, קומט עס אַרויס נעבעכדיק. ווען ער נעמט אַ צו הויכן טאָן, פאַלט ער באַלד ביי זיך אַראָפּ. רייזען שרייבט נאָר מיט זיין אייגענער וואָכעדיקער שטימע. מענדעלע און שלום־עליכם האָבן געשריבן — גערעדט מיט די שטימעס פון זייערע

העלדן און טיפן (באַזונדער שלום-עליכם). די צוויי גרויסע יידישע שרייבער האָבן זיך אַזוי איינגעלעבט מיט „זייערע יידן", אַז זיי האָבן שוין גערעדט פונקט ווי זייערע טיפן וואָלטן גערעדט און געשריבן, מיט אַלע פישטשעווקעס.

פרץ און שלום אַש האָבן שוין געשריבן יום-טובדיק. ווען פרץ פלעגט צוגיין צום שרייבטיש, איז ער געוואָרן „אַן אַנדער מענטש" — אַ קינסטלער. ער האָט געביטן, ס'רוב געהויבן זיין שטימע מיטן פולן שרייבערישן באַוווסטזיין, ווען ער האָט זיך גענומען צו דער פעדער.

אויך שלום אַש שטעלט אָן זיינע פּאָעטישע און קינסטלערישע אָרגאַנען, כלים, ווען ער נעמט שרייבן. אָפט באַפאַלט אים און אָפטמאָל ציט ער אויף זיך אָן דאָס וואָס מען רופט רוח הקודש. „וואָס הייסט עפּעס, שרייבן איז דאָך נישט פשוט רעדן". פרץ און אַש זענען בטבע ראָמאַנטיקער. געוויינלעך מאַכן זיך אין פּרצס און אַשס שריפטן שטעלן, ווען זיי צורעדן זיך פשוט אַליין, מיט זייערע אייגענע שטימען. אָבער אַממייַנסטן זענען זיי קינסטלער און זייערע צווייטע שטימען זענען שוין געוואָרן, אַזוי צו זאָגן, זייערע ערשטע און נאַטירלעכע שטימעס.

אברהם רייזען ווידער זינגט און דערציילט שטענדיק מיט איין שטימע, מיט זיין אייגענער, נאַטירלעכער.

אויך דער נישט לאַנג פאַרשטאָרבענער נאָמבערג האָט ס'רוב אַלס דערציילער און זשורנאַליסט געשריבן — גערעדט מיט זיין אייגענער נאַטירלעכער שטימע. אָבער נישט אַזוי שטענדיק ווי רייזען.

וואָס רייזען זאָל נישט שרייבן, וואָס פאַר אַ מאָטיוו ער זאָל נישט נעמען, הערט איר גלייך זיין הייזעריקלעכע, מעטאַל-אָרעמע אָבער גוט-ברודערישע שטימע.

„מיין צימער איז אָרעם, מיין צימער איז קליין".
„מאי קא משמע לן דער ניגון".
„מיין לעבן קריכט אַרום אויף דער ערד און פלאַפלט"...
„אין קישן באַהאַלט איך דאָס פנים און וויין"....

זעט, ווי פשוט גערעדט ער הויבט אָן אָט די אמתע פאָלקסטימלעכע פּראַכטפולע לירישע לידער.

אַזוי שרייבט מען נישט קיין לידער; אַזוי פּראָסט און געוויינלעך רעדט רייזען זיינע לידער. און אַזוי „פּראָסט גערעדט" זענען די בעסטע לידער אין דער וועלט-ליטעראַטור אָנגעשריבן געוואָרן.

איר קענט די ציטירטע שורות און זייער בוי נישט איבערבייטן און נישט איבערדרייען, ווייל רייזען האָט זיי נישט קאָמפּאָנירט, נישט אויסגעטראַכט, ווי אַנדערע פּאָעטן טון עס, ער האָט זיי סתם געזאָגט.

אויך זיינע ערציילונגען הויבט רייזען אָן פּשוט מיט זיין אייגענער שטימע. ער פאַרמעסט זיך נישט און אַפילו ווען ער טוט עס, פאַלט ער באַלד אַריין אין זיין טאָן.

די אַלע זיינע שרהקעס, אסתרקעס און די הונדערטער אַנדערע נעמען פון זיינע „העלדן" (מ'שטיינס געזאָגט רייזענס „העלדן") רעדן אייך ווי רייזען, רעדן מיט רייזענס שטימע.

2

רייזענס העלדן, די אַלע היימישע האַלב-באַוווסטזיניקע בונדיסטיש-געשטימטע אַרבעטער און אַרבעטערינס אָדער לערערלעך, פילן זיך גאַנץ היימיש מיט זייער מייסטער, מיט רייזענען; און רייזען אַלס קינסטלער און אַלס מענטש שטייט נישט פיל העכער פון זיי. ער איז נאָר זייער עלטערער, קלוגערער סימפּאַטישער ברודער.

איז רייזען דער אמתער דיכטער איינגעקייטלט מיט זיינע העלדן אין איין קאַראַהאָד; דרייען זיי זיך האַלב אומעטיק און האַלב פריילעך (די גרעסערע העלפט אומעט) און זינגען אַלע אין איין שטימע — אין רייזענס שטימע טאַקע, רייזענס האַרציקע פּשוט-מענטשלעכע לידער.

אַלע מיט איין און דער זעלביקער שטימע.

אַמאָל זעצט זיך רייזען אַוועק מיט אַ פּאָר פון זיינע „העלדן" און הייבט זיך אָן פאַר זיי דערמאָנען „היימישע בילדער און מאָטיוון"

פון די אָרעמע קליין-שטעטלדיקע באַלעבאַטים (שיער פּראָלעטאַריער) מיט זייערע פּאַרדאַגהטע ימים-טובים און אומעטיקע אינדערוואָכנס.

און אַמאָל דערציילט ער זיי פון די אַמאָליקע „קאָנספּיראַטיווע קוואַרטירעס", ווי מען פלעגט זיצן אויף די בעטלעך און בענקען נאָך פרייהייט.

און אַמאָל ווידער צעהויליעט זיך רייזען, ווערט אַ גאַנצער „דאָן זשואַן" און דערציילט פּיקאַנטע צניעותדיק-ציניש פּאַסירונגען פון ליבעס צווישן חברים און חברטעס.

און ס׳קלינגט אָפט אָפּ אין רייזענס דערציילונגען אַ קוש, אַ רייזענישער, הייזעריקלעכער, בחוריש-מענטשלעכער קוש.

אמת איז, אַז רייזען וויל זיך אָפט מאַכן, פאַרשטעלן פאַר אַ העלד, פאַר אַ גאַנצן רעוואָלוציאָנער. אָבער ער דערפילט באַלד אַליין ווי ס׳פּאַסט אים נישט און ער נעמט זיך באַלד ווידער רעדן מיט זיין אייגענער שטימע. רייזען — אַ רעוואָלוציאָנער! רייזען, ווי אַסך אַנדערע יידישע רעוואָלוציאָנערן, וואָלט זיך דערשראָקן, ווען ער דער-הערט דעם ערשטן אמתן קראַך פון רעוואָלוציע און וואָלט זיך פאַר-בענקט נאָך די אידילישע צייטן, ווען רעוואָלוציאָנערע אַרבעט איז באַשטאַנען אין וואַרפן פּראָקלאַמאַציעס אין אַ פינצטערער קליינ-שטעטלדיקער נאַכט, אָדער אינם זינגען ערגעץ אויף אַ קאָנספּיראַ-טיווער וווינונג „די שבועה".

עס איז אַפילו אַ שאָד רייזענען ווייי צו טאָן, אָבער מען מוז דאָך מודה זיין, אַז רייזען איז אין דער אמתן „אַ קליינבירגערלעכער פּאָעט", אָט פּונקט ווי קליינבירגערלעך איז געווען אַ גרויסער טייל פון די היימישע יידישע אַרבעטער און עקסטערניקעס, וועלכע האָבן סענטימענטאַליש געבענקט נאָך רעוואָלוציע אָט ווי עפּעס נאָך אַ נייעם אַנצוג...

רייזען איז צו פּשוט און צו מענטשלעך, ער זאָל אויף אַן אמת האָבן אין זיך דעם גייסט פון רעוואָלוציע, פון העלדנטום.

רייזען איז נישט קיין פילאָזאָף, ער האָט נישט קיין פילאָזאָפיע און אָנשויונג אויפן לעבן בכלל; ווען ער וואָלט אָבער אויפריכטיק געפּרוווט זוכן זיין וועלט-אָנשויונג, וואָלט ער זיך זיכער געפינען צווישן די סקעפּטיקער.

איך בין זיכער, אַז טיף אין האַרצן האָט אברהם רייזען גאָר־נישט ליב קיין העלדן.

דער אמתער רייזען קוקט אויף העלדן, אויף רעוואָלוציאָנערן ווי אויף מענטשן וואָס פּאַזירן, ווייל רייזען איז בטבע אַליין גאָר־נישט קיין קעמפער.

נאָר פון ווייטן, ערגעץ אויף אַ זיכער ווינקעלע, וואָגט ער צו־שיקן אַ באַגריסונג צו די העלדן, די קעמפער.

און אפשר קלאַפּט אים אויך דערביי דאָס האַרץ? און ער קוקט אויף דעם געלן סענטימענטאַל־יידישלעכן ציפּער־בלעטל — „מאי קאַ משמע לן דער זייגער?"

אברהם רייזען איז דער מענטשלעכסטער, דער פּערזענלעכסטער דיכטער אין אונזער יידישער ליטעראַטור. און עס איז זעלטן צו גע־פינען אַזעלכע נישט געמאַכטע דיכטער אַפילו אין די גרויסע ליטע־ראַטורן.

דער אומגליק איז נאָר, וואָס רייזען אַליין איז נישט קיין גרוי־סער מענטש, נישט קיין גרויסע פּערזענלעכקייט; ווען ער איז עס יאָ, וואָלט ער געווען דער גרעסטער יידישער שרייבער און וואָלט געוואָרן אַ באַדייטנדע פיגור אין דער וועלט־ליטעראַטור.

מען זאָל די לעצטע באַהויפּטונג מיינע נישט שלעכט אויס־טייטשן, ווייל איך זיך קלאָר מאַכן: אברהם רייזען באַזיצט די זעלטענע מעלה, וואָס ער קען פון זיך און פון זיין איך נישט אַנטלויפן; רייזען איז שטענדיק רייזען. אָט די מעלה האָבן זעלטן אַפילו גאָר באַדייטנ־דע קינסטלער: זיי קענען קיינמאָל נישט אַנטלויפן פון פּאָזע, פון געמאַכטקייט, פון קונסט.

רייזען ווידער איז געבענטשט צי געשטראָפט מיט דער מעלה, וואָס ער איז שטענדיק אַלס שרייבער נאַטירלעך. ער שרייבט שטענ־דיק, ווי איך האָב עס באַצייכנט, מיט זיין אייגענער שטימע.

אָבער צום באַדויערן איז זיין שטימע אַ אָרעמע און נידריקע און ער האָט קיין סך נישט וואָס צו זאָגן מיט דער שטימע.

מיט זייערע אייגענע שטימען האָבן אויך געשריבן אַזעלכע סוביעקטיווע גאונים ווי זשאַן זאַק רוסאָ און טאָלסטאָי, צום ביישפּיל.

אָבער זייערע שטימען, זייערע נאַטורן זענען געווען זעלטן רייכע, פול מיט מעכטיקע ברויזנדיקע ליידנשאַפטן און פּראָטעסטירנדע שטורמישע מענטשלעכקייט.

אויך אַ מאַפּאַסאַן און אַ טשעכאָוו (רייזען איז זייערער אַ קרוב) האָבן געשריבן ווי זיי האָבן גערעדט, אָבער זיי האָבן געזען און געליטן פיל טיפער און געלעבט פיל רייכער און ברייטער ווי אונזער האַרציק-אָרעמער רייזען. קומט דערפאַר אויס צו באַדויערן, וואָס מיט אַזאַ זעלטענער מתנה האָט דאָך רייזען נישט פיל צו זאָגן דער גרויסער וועלט, און אַפילו נישט דער יידישער וועלט.

און דאָך איז דער כוח פון פשטות און נאַטירלעכקייט אַזוי גרויס, אַז דוקא אברהם רייזען, און נישט קיין אַנדערער פון אונזערע אַלטע און יונגע דיכטער, האָט אָנגעשריבן די בעסטע פינף לידער, וואָס אונזער פּאָעזיע פאַרמאָגט. מיט רייזענס בעסטע צוויי-דריי ליריש לידער קענען זיך נישט פאַרגלייכן די בעסטע לידער פון אַלע אַנדערע אונזערע פּאָעטן. די עלטערע און יינגערע ווי ביאַליק און מ. ל. האַלפּערין איינגעשלאָסן. אונטער רייזענס בעסטע עטלעכע לידער וואָלט זיך מיט פאַרגעניגן אונטערגעשריבן דער גרויסער פראַנצויזישער ליריקער ווערלען. אַזוי פשוט מענטשלעך זענען זיי.

און כאָטש רייזענס זענען די בעסטע לידער אין אונזער פּאָ-עזיע, האָט אָבער אברהם רייזען אויך מער פסולת אָנגעשריבן ווי ווער ס'איז פון אונזערע אַנדערע באַדייטנדע דיכטער.

דאָס הייסט רייזען קען נישט שלעכט שרייבן: אַ קינסטלער, וואָס גייט שטענדיק אַרום אויף דער ערד און רעדט שטענדיק פשוט

און מענטשלעך, קען נישט שרייבן אַזוי שלעכט ווי די קינסטלער, וואָס גייען שטענדיק אויף כּאָדוליעס און קוועטשן פון זיך אַרויס מאָדנע קולות.

אָבער דערפאַר טאַקע, ווייל רייזען איז שטענדיק נאַטירלעך און אָפן, ווייזט ער אָפּטער אַרויס זיין אייגענע אָרעמקייט, ווי די קינסט-לער און דיכטער, וואָס קענען זייער אָרעמקייט פאַרדעקן מיט קליינ-גענדיקע פראַזן און מאָדערניסטישע קונסט-שטיקלעך.

דערפאַר זאָגט אונז רייזען אַזוי איבערדריסלעך אָפט איבער אַזעלכע פּשוטע אמתן ווי: ווינטער איז קאַלט און זומער איז וואַרעם; אָדער, אַז דאָס לעבן איז אָפט אומעטיק אָן פריינד... א. אַז. וו.

ווען ער זאָל קענען זיין פאַלש, ווי אַנדערע פּאָעטן, וואָלט ער שוין געקענט עפּעס צוטראַכטן אָדער נאָכמאַכן עפּעס אַ גרויסן מאָ-דערנעם; נאָר אַזוי ווי ער קען עס נישט, זאָגט ער אונז אָפט פּשוטע באַנאַלע זאַכן.

קיין גרויסע אייגענע קולטור האָט ער נישט, און פּוצן זיך מיט אָנגעשמעקטער קולטור איז נישט זיין נאַטור, נו, זאָגט ער אָפט אַזעלכע „אַפאָריזמען" אין גראַמען, וואָס דאָס איינציקע סימפּאַטישע אין זיי איז רייזענס שטימע און זיין גרויע פּשוטע און ווייכע יידישע שפּראַך.

„בעסער ווייזן די אייגענע נאַטירלעכע אָרעמקייט איידער אַ פאַלשע געבאָרגטע רייכקייט" — וועט זאָגן רייזען.
אפשר טאַקע בעסער.

פון וואַנען נעמט זיך רייזענס אויפריכטיקייט, רייזענס פּשוטע שטילע און אַביסל דערשלאָגענע מענטשלעכקייט?

אויף דער וויכטיקער (ווי מען וועט ווייטער זען) פראַגע ענט-פער איך: אברהם רייזען האָט זיין אויפריכטיקייט נישט אַליין געפונ-נען, נאָר געירשנט, פון דער אָרעמער, דאַרער און מאָגערער ליטווי-

שער ערד האָט ער געירשנט זיין אויפריכטיקייט; פון דורות לאַנגע פּיסגע טרוקן־אָרעמע און פאַרזאָרגטע יידיש־ליטווישע שטעטלעך האָט ער געירשנט זיין שטילע נישט אויפגעריסענע מענטשלעכקייט, און די נישט פרייליכע ליטווישע הימלען האָבן אין זיין נשמה אַריינגעשפּיגלט אַ גרויען טאָטשענדיקן אומעט.

רייזענס אויפריכטיקייט איז אַ געירשנטע. רייזען איז קיינמאָל נישט געווען און וועט קיינמאָל נישט זיין קיין בעל־תשובה, ווייל ער איז געבוירן געוואָרן נישט פאַלש, ווייל אין זיין וויג האָט אפשר טרויעריק שוין געברומט דער וואָכעדיקער צער. קיין גרויסע נסיונות האָט ער אין זיין לעבן נישט געהאַט, קיין מעכטיקע זינדיקע ליידנשאַפטן האָבן אים קיינמאָל אפשר נישט אָנגערירט. ער געהערט נישט צו די אמת גרויסע מענטשן, וועלכע געפינען זייער אויפריכטיקייט אויף האַרטע זינדיקע וועגן, וועלכע דערגרייכן צו זייער אויפריכ־טיקייט און שאַפן גרויסע ווערק אינם פּראָצעס פון זייער תשובה. גרויסע בעלי־תשובה זענען דערפאַר גרעסער ווי צדיקים: פון בעלי־תשובה קען מען פיל מער לערנען ווי פון צדיקים. רייזען האָט אָבער זיין אויפריכטיקייט געירשנט אָט פּונקט ווי די גריל אונטערן אויוון ירשנט פון דער נאַטור איר געזאַנג. פאַרקערט, רייזען וויל אָפט זיין פאַלש, נישט אויפריכטיק, אָבער ער קען עס נישט. רייזען וויל זיך פּונקט ווי אַנדערע קינסטלער אָפט צעקאָזן, צעפליען זיך איבער די זיבן הימלען פון פּאָעזיע און קונסט. אָבער ער קען עס נישט. זיינע פיס שטייען פעסט אויף דער ערד צי אויפן פּאָל.

ער קען נישט פליען, ווייל ער איז צו מענטשלעך. אין אָט דער שוואַכקייט זיינער באַשטייט זיין קראַפט; רייזענס גרויסקייט קומט אַרויס פון זיין קלײנקייט.

די שענסטע פּאָעטישע שורות, וואָס אונזער פּאָעזיע פאַרמאָגט, האָט אַן אָרעם־מענטשלעך האַרץ פשוט אַרויסגעזיפּצט, אַרויסגעזאָגט. אברהם רייזען איז אפשר דער יידישסטער דיכטער, וואָס מיר פאַר־מאָגן: ער איז ווי אונזער „אָרעמער יידיש" — האַרציק גרוי און אַזוי פשוט וואָכעדיק מענטשלעך.

שלום אַש און דוד בערגעלסאָן

(כאַראַקטער-שטריכן)

ס'איז נישט צו געפינען נאָך צוויי אַזעלכע באַדייטנדע יידישע שרייבער, וועלכע זאָלן אין כאַראַקטער און טעמפּעראַמענט ווי אין זייער גאַנצן קינסטלערישן מהות אַזוי פאַרשידן און געגנזעצלעך זיין, ווי שלום אַש און דוד בערגעלסאָן.

ווען פון שלום אַשן שמעקט אַראָפּ דאָס פאַרביקע יום-טובדיקייט פון אונזער יידיש לעבן, בלאָזט פון בערגעלסאָנען מיט אַזאַ קאַלטן גרויען אומעט, מיט די מאָנאָטאָנע גרויע וואַסער-קאָלירן פון „נאָך אַלעמען".

אַש איז אַ געזונט זאַפט-רייכער זון פונם פאָלקס-תמצית; בערגעלסאָן—אַ קרענקלעך-מעלאַנכאָלישער אינטעליגענט.

אַש איז דורך און דורך אָנגעפּונדעוועט און דורכגעשפּיגעוועט מיט יידישע טראַדיציעס און מיט יידישקייט... מיט זיין גאַנצן קינסטלערישן איך איז ער אויסגעוואַקסן און איינגעלעבט אין דער יונגער יידישער ליטעראַטור און ער איז פיליכט דאָס גלענצנדסטע און פרישסטע קאַפּיטל אין איר... אין בערגעלסאָן אַלס קינסטלער איז דאַכט זיך געקומען צו אונז פון דער פרעמד, און אָפט שיינט מיר, דאָס ווען ער זאָל זיינע ווערק שרייבן אין רוסיש אָדער אין וועלכער ס'איז פון די אַנדערע אייראָפּעישע שפּראַכן, וואָלטן זיי גאָר נישט פאַרלוירן, און ווער ווייסט — אפשר וואָלטן זיי נאָך דערמיט אויסגעשפּילט.

בערגעלסאָנס יידיש איז אַזאַ אָרעמער... אויף איין זייטל פון זיינע שריפטן וועט איר באַמערקן ווי ער חזרט צענדליקער מאָל

איבער די זעלבע ווערטער און באַגריפן. און ליינענדיק אים דאַכט זיך אייך, אַז איר האָט זיך אין אַזאַ גרויען שפּינוועבס פאַרפּלאָנטערט ווי דער דיכטער זעלבסט.

און אַשס שפּראַך איז איינע פון די זאַפטיקסטע און רייכסטע אין אונזער ליטעראַטור און אין זיינע בעסערע בלעטלעך קלינגען זיינע ווערטער און קאָלערן זיך, ווי פאַרביקע זאַפטיקע פּירות.

אַש איז צו אונז געקומען פון יום-טובדיקן יידיש-פּוילישן שטעטל, וועלכס ווערט צו אונזער אומגליק איצט אפשר אויף איי-ביק פאַרשווונדן. זיין דיכטערישע נשמה האָט דאָס גאַנצע יידישקייט פון אָט דעם שטעטל אין זיך איינגעזאַפּט... דער חדר מיט זיין עברי-טייטש און די ביבלישע מעשיות, וועלכע דערציען דאָס יידישע קינד אין חדר, שיינען עד היום אַרויס פון זיינע ווערק, ווי „איירא-פּעיש" ער זאָל נישט וועלן אויסזען. פּול מיט יידישע טראַדיציע און פול מיט גלות-חן איז שלום אַש. און ער איז פיליייכט דער יידישסטער צווישן די מאָדערנע יידישע דיכטער. און בערגעלסאָן איז אַ שטאָטיקער. און זיין דערציונג איז שוין אַ געמישטע. איך בין זיכער, אַז אין זיין קינדהייט ווי אין זיין יוגנט האָט ער מער רוסיש ווי יידיש גערעדט, און אָנגעלייענט איז ער און מיט אָנגעלייענטקייט יאָגט פון זיינע אייגענע שריפטן... אויף פרעמדע וועגן בלאָנדזשעט אַרום זיין טרויעריקע דיכטערישע נשמה און מיט אַ צעבראָכענעם גייסט איז ער צו אונז צוריקגעקומען. קיינער פון די יידישע דיכטער איז פיליייכט אַזוי נישט באַאיינפלוסט פון פרעמדע ווי בערגעלסאָן. טשעכאָוו און קנוט האמסון האָבן אויף אים געוואַלדיק געווירקט און ער קען זיך פון זיי נישט באַפרייען. אַמבעסטן גיט זיך אים איין צו שילדערן אַ „נאַטור מאָרט"—די טויטע נאַטור.

און ווי די קינסטלער, אַזוי זענען זייערע ווערק. פון אַשס טיפן און העלדן יאָגט מיט לעבן און האָפנונג, און ליינענדיק זיינע

ווערק, קען זיך אָפּט טאַקע אויסדאַכטן, אַז דאָס יידישע פאָלק איז נאָך גאָר אַ געזונט פאָלק. געזונטע מוסקולן און געזונטע אַנטוויקלטע ברוסטן האָבן זיינע פאַרשוינען. זיי קענען קנייפּן דאָרטן „ווי ס'איז אַמבעסטן צו קנייפּן". זיי קענען „אָנזאָגלען" אַ קוש בשעת הכושר און אויך אַ פעסטן „זבענק" קענען זיי געבן ווען מען דאַרף. און דערביי האָבן זיי, להבדיל, נאָך אַזוי פיל תמימות און אידעאַליזם אין הארצן, און אין זייערע לעבעדיקע יידישע אויגן שפּיגלט זיך נאָך דער טרויער פון חורבן בית-המקדש. אַשס פרויען זענען פול אָנגעגאָסן מיט ווייבלעכקייט און ליבלעכקייט און פון זייער לייב-לויטערקייט דופטעט אַראָפּ די שעמעוודיקייט און די באַהאַלטענע גלוסטונגען, וועלכע שטאַמען נאָך פון אונזער זוניקער וויג. בערגעלסאָנס העלדן, ווידער, די אַלע גרויסע און ברייט-ביייניקע זיידע-נאָווסקיס, די אַלע זיינע „נגידיש-באַלעבאַטישע" און „באַלעבאַטיש-שווייגנדיקע" יונגע מענער זענען עפּעס אַזעלכע טויטע נפשות. נישט זיי ווייסן ווי אַזוי צו באַהאַנדלען אַ פרוי און אומגעלומפּערט און הילצערן-פאַרדרימלטע זען זיי אויס אין זייערע ליבע-ווייען. און אויך זיינע פרויען — די אַלע דענטיסטקעס, אַקושערקעס און גלאַט אינטעליגענטקעס, האָבן שוין לאַנג זייער ווייבלעכקייט פאַרלאָשן מיט דעם וואַסער פון די צענדליקער ראָמאַנען, וואָס זיי האָבן איבער-געלייענט און זיי גייען אַרום פאַרבענקטע, נישט וויסנדיק רעכט נאָך וואָס און נאָך ווען זיי בענקען.

בערגעלסאָן איז דער דיכטער פונם יידישן לעבן. אָפּגעבלייכט און אָפּגעבליאַקעוועט מאָלט ער עס מיט זיינע צוויי-דריי גרויע פאַרבן.

ער איז דער דיכטער פונם האַלב-אַסימילירטן רוסישן יידנטום, פון אונזער דעגענעראַציע, פון אונזער „נאָך אַלעמען"...

און שלום אַש האָט אונז געוויזן דעם גלאַנץ און פּראַכט, וואָס איז נאָך פאַרבליבן אין אונזער גלות. און אויב מיר האָבן ווירקלעך געהאַט אַ שטיקל רענעסאַנס, איז ער איינער פון זיינע שענסטע מייסטער.

דער דענדי

(אָסקאַר אויילד)

אַ קינסטלער, אַ דיכטער איז דער, וועלכער קען אַממייִנסטן און אַמטיפסטן מיטלעבן און אין זיך איבערלעבן די אַנדערע פרעמדע מענטשלעכע כאַראַקטערן. דורכלעבנדיק שעפעריש אַנדערע לעבנס, ווערט ער ממילא פול מיט סימפּאַטיע צו זיי. דערפאַר איז גערעכט אַנאַטאָל פראַנס, ווען ער זאָגט, אַז „דעם גרויסן דיכטער דערקענט מען אין זיין סימפּאַטיע צו זיינע מיטמענטשן".

און וואָס ברייטער, טיפער און פאַרשידנאַרטיקער ס'זענען די לעבנס, מיט וועלכע דער קינסטלער לעבט מיט, אַלץ גרעסער, אוני-ווערסאַלער איז ער אַלס קינסטלער.

ווען איר לייענט אַ גרויסן שרייבער, באַוווּנדערט איר די גע-וואַלטיקע וואַריאַציע פון טיפן און כאַראַקטערן — מענטשלעכע נשמות, וועלכע ער האָט פאַרשטאַנען און געשילדערט: קאַרגע און פזרנים, פאַרליבטע און מיזאַנטראָפּן; אַלטע לייט און קינדער, יונגע פרויען און אַלטע מכשפות. דער גרויסער קינסטלער איז אַ וועלט מיט לעבנס — מענטשלעכע נשמות, מיט וועלכע ער האָט זיך איינגעלעבט, כמעט ווי זיך פאַראייניקט, צוזאַמענגעגאָסן.

דער גרויסער געטע האָט געזאָגט וועגן זיך אַליין: „איך האָב געקענט זיין אַ קרעמער, אַ גנב, אַ קליינשטעטלדיקער בעל-מלאכה א. אַז. וו.", דאָס הייסט אַ גרויסע וואַריאַציע פון מענטשלעכע כאַ-

ראַקטערן און טיפּן, — אַזוי פיל פּאַטענצן האָט ער אין זיך געזען. ער האָט אַזוי פיל מענטשלעכע מדות שעפּעריש פאַרדייעט און דורכגעלעבט.

דערפאַר איז ער, געטע, איינער פון די גרעסטע אין דער וועלט-ליטעראַטור.

הייסט עס, דער קינסטלער איז קינסטלער דערפאַר, ווייל ער לעבט נישט נאָר מיט זיין אייגן לעבן, נאָר ווייל ער לעבט אַסך לעבנס אין זיין איינציק לעבן. ער קען אין זיך דערזען אַנדערע און אין אַנדערע — זיך. ווי וווּנדערבאַר פּסיכאָלאָגיש איז דער תּלמודישער פּאַראַדאָקס: „דער אמתער צדיק — דער שעפּערישער מענטש — איז גאָטס שותּף אין דער גאַנצער יצירה".

און דאָך, נישט קוקנדיק אויף אָט דער הויפּט-מדה פונם אמתן קינסטלער — צו זיין אין שותּפות מיט גאָט און וועלט, — איז ער דאָך מענטשלעך, און בלייבט אין אַלע זיינע שעפּערישע גילגולים געטריי זיך אַליין און זיין אייגענעם כאַראַקטער.

צווישן אונז איז דער קינסטלער אַ וועלט; אין דער העכערער וועלט, אין דעם עולם היצירה איז ער אַליין אַ „טיפּ". אַ טיפּ פון אַ קינסטלער.

שילדערנדיק פאַר אונז אַ גאַנצע גאַלעריע טיפּן און כאַראַקטערן, טוט ער עס נאָר לויט זיין אייגענעם טעמפּעראַמענט און כאַראַקטער.

אויף אַלע זיינע טיפּן און פיגורן, וועלכע ער האָט געפונען אין לעבן און מיט זיי מיטגעלעבט, לאָזט ער איבער אַ הויך, אַ אָטעם פון זיין אייגענער נשמה. און ווען מיר נעמען צונויף אָט די פּערזענלעכע הויכן און אָטעמס פונם קינסטלער, וועלכע דעקן ווי אַ גאָלדענער שטויב צו אַלע זיינע ווערק, וועט זיך פאַר אונזערע אויגן שאַפן דער פּערזענלעכער כאַראַקטער פונם קינסטלער — זיין אייגענער טיפּ.

און דאָס איז, דאַכט זיך, די אינטערעסאַנטסטע אויפגאַבע פונם קריטיקער: אַרויסצוגעפינען פון קינסטלערישע ווערק דעם פערזענלעכן, דעם עצם כאַראַקטער פונם קינסטלער.

ס'איז דאָ אַ שיינע יידישע לעגענדע: יעדעס פאָלק האָט אַ שר (אַ מין העכערן אַמבאַסאַדאָר) אין הימל. מאָדערן-ראַציאָנאַליסטיש אויסגעטייטשט קען עס הייסן: יעדעס פאָלק האָט זיך זיין נאַציאָנאַלן זשעני אין דער שעפערישער וועלט, אינם עולם היצירה. איך וואָלט נאָך ווייטער געגאַנגען און געזאָגט: נישט נאָר יעדעס פאָלק, נאָר אויך יעדער קלאַס מענטשן, יעדער מענטשלעכער כאַראַקטער, פונם שענסטן ביזן געמיינסטן, האָט זיך זיין שר אין הימל, דאָס הייסט זיין זשעני אין דער שעפערישער וועלט. אויב איר מיינט דער זשעני קומט נאָר אַרויס פון „די הויכע פענצטער", אַז דער גאון איז בלויז פון זייד-געוועב, אַ „טלית שכולו תכלת", מאַכט איר אַ טעות. יעדער מענטשלעכער כאַראַקטער האָט זיך זיין פאָרשטייער, זיין זשעני אין דער וועלט פון קונסט און ליטעראַטור, נישט אייגעם, וואָס שילדערט אים בלויז, נאָר זיין גייסטיקן און פיזישן פּראָטאָטיפּ. עס זעט אויס, ווי די נאַטור וואָלט קיין מענטשלעכן מין נישט גע-וואָלט באַליידיקן, און וואָלט באַוויזן, אַז דורך תשובה קען דער נידריקסטער כאַראַקטער קומען צו דער העכסטער מדרגה — אַ שותף ווערן צו גאָט.

אפילו דער טיפּ פאַרברעכער האָט זיך זיין שר אין הימל, זיין גאון. פאַרשטייט זיך, אַז אין עולם היצירה גייט אָט דער שר נישט אַרום און פּרעדיקט נישט קיין פאַרברעכן — ער רעפּרעזענטירט נאָר אין דער דיכטערישער וועלט אָט די אומגליקלעכע מענטשן, וועלכע לעבן צווישן אונז באַהאַלטן ווי אין אַ פינצטערן וואַלד, גע-טריבן פון די פּרימיטיוווסטע אינסטינקטן.

זייער זשעני — דער הייליקער פאַרברעכער! — גייט אַרום רע-

וואָקטירנד דאָרטן אין דער שעפערישער וועלט צווישן די זאַטע, צופרידענע צדיקים, קינסטלער און דיכטער; ער יאָגט זיך אַרום ברוגז, ווי אַ וואָלקן געוויסן און איז גרייט אַ גאָלדענעם פוס אויס-צוברעכן פון גאָטס שטול אַליין, פונם כסא הכבוד, ווייל די וועלט מיט אירע געזעצן איז פאַר אים צו ענג, און דער גרויסער זין, דער שכל פון דער יצירה, וויל זיך נישט באַווייזן.

ס'זענען דאָ גוטע גאונים און שלעכטע, קאַרגע און פזרנים; אויסגעלאַסענע און צניעותדיקע, און, ווי געזאָגט, אַפילו פאַרברעכער— הייליקע פאַרברעכער.

און זיי זענען אַלע גלייך גרויס, ווייל אַלע האָבן זיי זייערע גוטע אָדער שלעכטע מדות אין זיך גובר געווען און זיך שעפעריש באַהאָפטן אין גרויס צער און ליבע מיט אַנדערע לעבנס — מיטן וועלט און קאָסמאָס.

אַ פּאָר ביישפּילן:

ס'זענען דאָ אַזעלכע זשעניען, ווי דאָסטאָיעווסקי, צום ביישפּיל, מיט וועלכע איך וואָלט מורא געהאַט צו זיין אונטער איין דאַך. איך וואָלט דאַכט זיך נישט געקענט איבערטראָגן די געדיכטקייט, די אָנ-געלאָדנקייט פון זיין ווײ און פון זיין ליבע.

ניטשע האָט געזאָגט אויפן גרויסן דראַמאַטורג איבסען, אַז „ער האָט אַ נשמה פון אַן אַלטער מויד"... עס איז אפשר אמת און עס מינערט גאָרנישט איבסענס גרויסקייט.

טאָלסטאָי איז געבליבן אַ בייזער פריץ אַפילו אויף דער עלטער, ווען ער האָט תשובה געטאָן און האָט אַלץ אַוועקגעגעבן צו אָרעמע.

טאָמאַס האַרדי שטעלט זיך מיר פאָר ווי אַ קפדן מלמד, אַ אכזר, אַ „סקול מאַסטער", וועלכער צווינגט די העלדן פון זיינע ראָמאַנען ווי תלמידים אויסטרינקען דעם פאַטאַלן סם פון לעבן ביזן סוף און חזרט מיט זיי אָן אַן אויפהער דעם ביטערן „לעסאָן": דער בלינדער צופאַל שפּילט אינם מענטשלעכן לעבן די ערשטע פידל און ס'העלפן נישט קיין חכמות און נישט קיין טרערן.

ווען אַוואַנטוריסטן און „גענגסטערס" וואָלטן געדאַרפט אויס-ווײלן אַן אייגענעם גאון, וואָלטן זיי זיכער אויסגעקליבן „בענוועניטאַ טשעליני", דעם גרויסן יובילירער פונם איטאַליענישן רענעסאַנס,

וועלכער איז אַליין בטבע געווען אַ מין „גענגסטער". און ווער רע־פּרעזענטירט אַזוי געניאַל די נשמה פונם גרויען אַלוועלטלעכן קלאַרק (פּריקאַשטשיק), סיוויל סערוויסניק, ווי דער ליבער, טרויעריק־שמייכלענדיקער אַנטאָן טשעכאָוו! טשעכאָוו איז געווען אַ דאָקטאָר־מעדיצין פּראָפעסיאָנעל, אָבער נישט קוקנדיק דערויף שטעלט זיך מיר פאָר, אַז ער איז געווען אַ פּאָסט־אָנגעשטעלטער ערגעץ אין אַ פאַר־שנייעטער רוסישער גובערניע... און ער איז געזעסן דאָרטן און דער־ציילט טרויעריק־שמייכלענדיק זיינע שטילע מענטשלעכע מעשיות. אַפילו דער טיפּ מעקלער האָט שוין זיין שליח־צבור אין דער וועלט פון קונסט און ליטעראַטור: איז אונזער שלום־עליכם נישט געווען אַליין בטבע אַ מנחם־מענדל, נאָר אַ געניאַלער מנחם־מענדל!

דער „דענדי" אין דער אייראָפּעישער ליטעראַטור איז, דאַכט מיר, אָסקאַר ווײַלד.

דער דענדי איז אַ באַזונדער טיפּ געווען — איצט ווערט ער דאַכט זיך פאַרשווונדן אָדער פאַרביטן — אין דער הויכער געזעלשאַפט פונם לעצטן יאָרהונדערט. ער איז נישט אַזוי אַריסטאָקראַט ווי עלעגאַנט. ער קליידט זיך פּערפעקט און איז אַליין אַ מאָדע־מאַכער. ער, דער אמתער דענדי, גיט עס דעם טאָן אין הלכות הלבשה און מאַנערן אין דעם אַריסטאָקראַטישן סאַלאָן. נאָר דער דענדי ווייסט, וואָס פאַר אַ גרויסע ווערט אַזאַ קלייניקייט ווי אַ שניפּס האָט; און ווען און וואָס פאַר אַ רויז מען קען אַריינשטעקן אין לאַץ.

דער דענדי איז דורך און דורך קולטיווירט. אויסערלעך ווי אינערלעך. אין זיין שפּאַצירן אויף די בולוואַרן, ווי אין זיין רעדן אין געזעלשאַפט. זיין קולטיווירטקייט איז שוין זיין נאַטירלעכקייט. פּראָסט, פּשוט עפּעס זאָגן איז שוין נישט נאַטירלעך פאַרן דענדי.

ער שפּילט זיך מיט ווערטער און מיט געפילן גלייך ווי זיי וואָלטן געווען רינגען אויף זיינע לאַנגע פינגער מיט די מאַניקירטע נעגל.

דער דענדי איז אַליין אַ פּראָדוקט פון קולטור און קונסט און נישט פון לעבן, דאַכט זיך.

און ווען איך זאָג אָסקאַר אויילד איז דער דענדי אין דער אייראָפּעישער ליטעראַטור, איז עס נישט בלויז דערפאַר, ווייל אָט דער דיכטער איז געווען אַ דענדי, דער עלעגאַנטער אָפּגאָט פון די בולווארן און סאַלאָנען, אין זיינע גוטע יאָרן פאַר זיין טראַגישער ירידה. אויך אין זיין קונסט איז ער געווען און איז עד היום דער דענדי. אַפילו אין זיין „דע פּראָפונדיס" איז אָסקאַר אויילד געבליבן דער דענדי.

אָסקאַר אויילד האָט געשריבן פּונקט ווי ער וואָלט אַרומגעגאַנגען אין אַ רייכן העל-באַלויכטענעם סאַלאָן, אָדער אויף אַ בולוואַר, ווו אַלע ווייסן און טייטן: אָסקאַר אויילד גייט!

און אָסקאַר אויילד היט זיך צו שטעלן אַ געוויינלעכן טראָט: זיינע ווערטער מוזן זיין עלעגאַנט, אָבער צו דער זעלבער צייט גענוג פּאַראַדאָקסאַל; זיי זאָלן ציען אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט; מען זאָל זיי באַכרעדן. ער מוז זיין שיין און דרייסט. ס'שאַדט נישט אפילו צו שאָקירן מיט צופיל ראַפינירטקייט.

דאָס לעבן האָט דאָך גאַרנישט די ווערט אָן דעם ביסל אויסגערעכנטער עלעגאַנץ, דווקא געשמינקטער שיינקייט.

שרייבט אָסקאַר אויילד שפּילנדיק זיך און שפּילט זיך שרייבנדיק. דאָס גרויסע אייביקע און וואָכנדיק לעבן האָט פאַר אים נור אַ ווערט, ווען ער קען דאָרטן געפינען אַ מאָטיוו פאַר אַ אָרנאַמענט; און דעם אָרנאַמענט סטיליזירט ער און פּוצט אַזוי לאַנג ביז ער פאַרלירט וועלכע עס איז ענלעכקייט מיטן וווּלגאַרן „מיאוסען" לעבעדיקן מוסטער.

שפּילט ער זיך מיט ווערטער ווי מיט פאַרביקע פאַטשערקעס, שרייבט מעשהלעך, וואָס זאָלן אויסזען ווי יאַפּאַנעזישע פאָכערס...

און רייסט זיך אַרויס פון זיי אַ לעבעדיקער מוסר־השכּל איז ער, דער דענדי, נישט שולדיק, נור דער גרויסער קינסטלער, וועלכער איז אים אַליין גובר.

עדגאַר אַלאַן פּאָ שרייבט אַ מעשהלע אויף צוויי־דריי זייטלעך, נעמט אָסקאַר אוײַלד דעם זעלבן מאָטיוו און מאַכט דערפון „דאָס בילד פון דאָריאַן גרעי" — אַ גאַנצע רייע עלעגאַנטע און ריין־דעקאָראַטיווע פּרעסקעס, ווו די העלדן פּאָזירן מיט זשעסטן, ווערטער, אַפּאָריזמען, ווי זיי וואָלטן געווען אויסגעשטעלט אין אַ קליינעם קולטיווירטן מוזעום, אָדער אין אַ פּאַרפומירטן אונטער־געשוירענעם פּאַרק.

דער גרויסער מייסטער פלאָבער, פון וועלכן אָסקאַר אוײַלד האָט זייער פיל געלערנט, שרייבט זיין היסטאָרישן ראָמאַן „סאַלאַמבאָ"; פלאָבער האָרעוועט אויף דעם ראָמאַן, לאָזט נישט דורך דעם מינדסטן היסטאָרישן מאַטעריאַל פאַר זיין מייסטערווערק. אָסקאַר אוײַלד שפּילט זיך, שרייבנדיק זיין באַרימטע דראַמע „סאַלאָמע": קלויבט ווערטער ווי פאַרביקע שטיינדלעך פאַר אַ מאָזאַיק. ער זוכט באַוווסטזיניק נישט־געטריישאַפט צו געשיכטע, נור עקזאָטישע פאַרביקייט. מיט די שטאַרקסטע מזרח־בשמים און פאַרפומען ווירצט ער דאָס ווערק. לעזנדיק „סאַלאָמע" פילט איר זיך ווי אין אַ גלעזערנער אָראַנזשעריע מיט אַ געמאַכטער הויכער טעמפּעראַטור און איר ווערט שיכּור פון די ווילד־שיינע מזרח־בלומען און שטאַרקע עקזאָטישע ריחות, וועלכע זענען אין דער אָראַנזשעריע אַרטיפיציעל ביים לעבן אויפגעהאַלטן. אין דער צייט ווען לייענענדיק „סאַלאַמבאָ" זעט איר ווי אַ גרויסער פּאָעט און אַרכיטעקטאָר האָט אַן אַלטע ווערק פאַר אייך אויפגעשטעלט און איר אָטעמט מיט פרייע לופט אונטערן גרויסן פרייען הימל.

און דאָך איז „סאַלאַמבאָ" קיינמאָל נישט געווען אַזוי פּאָפּולער און באַרימט ווי „סאַלאָמע", הגם עס ווערט שוין איצט קלאָר, אַז „סאַלאַמבאָ" וועט די לעצטע איבערלעבן.

דער עכטער דענדי שפּילט זיך, פאַרשטייט זיך, נישט נאָר מיט ווערטער, זשעסטן און פאַרבן. ער שפּילט זיך אויך מיט זיינע באַטירלעכע געפילן און אינסטינקטן — ער שפּילט זיך מיט זיין לעבן, ווי מיט אַ רויז און אָפטמאָל ווי מיט אַ קינסטלערישער רויז.

דער דענדי מוז ליב האָבן ביי אַ שפּיגל — נישט ווי אַ דיכ־טער, וועלכער אַנאַליזירט זיך שטענדיק, וועלכער איז מיטן אַנאַטאָ־מישן מעסער שטענדיק גרייט דאָס אייגענע האַרץ צושניידן — נאָר ווי איינער, וועלכער מוז שטענדיק פּאָזירן נישט צו זינדיקן חלילה קעגן דער אַלערהעכסטער עלעגאַנץ און ווערן באַנאַל, כמעט לעכערלעך.

אַלץ וואָס ער טוט ווערט ביים דענדי אַ קולט — עסן, טרינקען; נישט ווייניקער — ליבע. דרייט ער זיך אַרום דער אידעאַלער דענדי, ווי אַ כהן אין אַ בית־המקדש פון בלויז שפּיגלען. ער קאָקעטירט מיט זיינע געליבטע, מיט זיינע פאַרערער און נאָך מער מיט זיך אַליין.

ער ווייסט, אַז מען דערוואַרט פון אים אַ נייעם ראַפינירטן מופת, אַז נישט, וועט מען אַנטלויפן צו אַן אַנדערן כהן; שאַרפט ער זיין זשעסט און פּאַראַדאָקס ביז זיי ווערן—אויב נישט שאַרזשן איז ראַפינירטע אַבסורדן.

שפּילט ער זיך אַזוי לאַנג מיט זיינע געפילן און סטיליזירט אַזוי לאַנג זיינע אינסטינקטן ביז דאָס גרויסע אַכזריותדיק „נישט קינסטלעריש" לעבן נעמט נקמה פון אים.

און אָסקאַר אויילדס עסטעטיק איז די עסטעטיק פונם דענדי־קינסטלער:

„קונסט איז נוצלאָז". דער אמתער דענדי קען נישט פאַרשטיין, ווי קען אַ שיינע זאַך זיין נוצלעך און אַ נוצלעכע זאַך — שיין. אַלץ וואָס איז נוצלעך איז וווּלגאַר אין זיינע אויגן; אַלץ וואָס איז מיאוס און נישט אינטערעסאַנט. שיין איז דאָס אַרטיפיציעלע, דאָס אויסגעחלומטע, גלייך ווי מען קען חלומען פון דעם וואָס עקזיסטירט נישט אין לעבן.

אַז דאָס אויפריכטיקע איז דאָס אמת־שיינע — קען דער דענדי־עסטעט נישט משיג זיין, וויל נישט פאַרשטיין.

„קונסט פאַר קונסט"; קונסט איבער אַלעם.

ער איז אַזוי איינגעלעבט אין דער אַטמאָספערע פון קונסט, פון „אַרט", אַז ס׳דאַכט זיך אים, אַז אַפילו די נאַטור מאַכט נאָך דעם קינסטלער.

די זון סטאַרעט זיך אונטערצוגיין פונקט ווי דער ענגלישער

מאָלער טערנער האָט איר געהייסן; די נאַטור מאָלט פּאָרטרעטן אַלאַ מאַנע, צי וועלכער ס'איז אַנדערער קינסטלער.

דער דענדי-עסטעט זעט שוין נישט, אַז מיט דעם בשעתו־גלענצנדן פּאַראַדאָקס האָט ער זיך און זיין „עסטעטיק" אינגאַנצן פאַרניכטעט: ער זעט שוין נישט נאַטור און לעבן, ער זעט שוין בלויז קונסט. ער דרייט זיך אַרום אינם גרויסן לעבן ווי אין אַ קונסט-גאַלעריע. אַלץ וואָס ער זעט, זעט ער פּאַרטיק אין אַ עסטעטישן שאַבלאָן — מיט פרעמדע קינסטלערישע אויגן.

ווי באַנאַל — זאָגט דער דענדי-עסטעט — איז דאָס לעבן אין פאַרגלייך מיט קונסט, אין דער צייט ווען קונסט-ווערק זענען גרויס נאָר ווען ס'איז אין זיי פאַראַן לעבן. (לעבן און נישט „רעאַליזם" דווקא.)

אָבער דער דענדי-עסטעט אָסקאַר אויילד האָט געמוזט אַזוי דענקען צוגלייך מיט זיינע חברים פּאָעטן פון יענער צייט אין ענג־לאַנד און פראַנקרייך.

עס איז געווען די צייט פון שקיעה, פון דעקאַדאַנס, פאַר דער אייראָפּעישער איבעראַפינירטער קולטור. די עסטעטישע אייראָפּע האָט געליטן פון „ספּלין" און דענדיזם.

אָסקאַר אויילד איז געווען דער גרויסער פּאָעט-דענדי. דער טיף קינסטלער האָט ביז אים געפעלט אין דער אייראָפּעישער ליטע־ראַטור. האָט אָסקאַר אויילד דערפאַר זיין שליחות דערפילט.

אָן אַ בשׂורה

(וועגן טאָמאַס האַרדי)

און טאָמאַס האַרדי האָט טאַקע די נאָבל־פּריז פאַר ליטעראַטור נישט געקראָגן. אמת די שוועדישע אַקאַדעמיע איז נישט דווקא דער אַלהעכסטער טריבונאַל פאַר אומשטערבלעכקייט. ווי יעדע אַקאַדעמיע, קען אויך די אַקאַדעמיע, וואָס טיילט אויס די נאָבל־פּריזן, מאַכן טעותים. נישט יעדער נאָבל־פּריז־געווינער—אויף אַלע שאַפונגס־געביטן — איז אומשטערבלעך, און אַסך גרויסע, אמת גרויסע, האָבן געלעבט, און לעבן, וואָס האָבן דווקא נישט געווונען די נאָבעלע נאָבל־פּריז. די שוועדישע אַקאַדעמיע איז מיט איר גאַנצן אידעאַליזם דאָך נישט מער ווי אַ מענטשלעכע און צייטלעכע אינסטיטוציע. און גרויסע ווערק זענען זעלטן ווען ריכטיק אָפּגעשאַצט געוואָרן אין דעם דור, ווען זיי זענען געשאַפן געוואָרן. מיר, צום ביישפּיל, האַלטן, אַז פלוני בן פלוני איז אַ גרויסער דיכטער, אַ גרויסער קינסטלער, וועלן אָבער קומען די שפּעטערע דורות מיט דער נויטיקער פּערספּעקטיוו און פּסקענען אפשר פאַרקערט, און וועלן אפשר נאָך אונז זאָגן: אין אייער צייט האָט געלעבט און געשאַפן איינער, וועלכן איר האָט נישט באַמערקט, וועלכן איר האָט איגנאָרירט און ער איז גאָר דער גרעסטער פון אייער צייט.

עס קען זיך אַזוי מאַכן מיט אונזערע איצטיקע אויסוואַלן, פּונקט ווי ס׳האָט זיך אַזוי געמאַכט אַסך מאָל פריער אין דער געשיכטע פון שאַפן און קריטיק. פּאַנטיאַוס פּילאַטוס — ווי ער ווערט

געשילדערט אין אַנאַטאָל פראַנס' ווונדערבאַר מעשהלע — איז געווען אַן עכט געבילדעטער רוימער. ער האָט זיכער געמיינט, אַז ער האָט דעם שליסל צו אומשטערבלעכקייט, אַז ער ווייסט וועלכער פון די צעזאָרן און דיכטער פון זיין צייט וועלן זיין אומשטערבלעך, מיט וועמען פון זיי די געשיכטע וועט זיך שטאַרק באַשעפטיקן. אָבער ווען זיין פריינט האָט אים דערמאַנט אָן דעם „עקזאַלטירטן יידן", וועלכן ער האָט אליין געלאָזט קרייציקן, ווען ער האָט געהערשט איבער „דזשודעאַ", האָט פּאָנטיאוס פּילאַטוס זיך געריבן און געריבן דעם שטערן און בשום-אופן זיך נישט געקענט דערמאָנען דעם נאָמען און דאָס אויסזען פון דעם „געקרייציקטן".

און איצט, מיט צוויי טויזנט יאָר שפּעטער, ווייסן מיר, אַז דער „עקזאַלטירטער ייד" האָט מער „געמאַכט געשיכטע" ווי אַלע צעזאַרס צוזאַמען...

עס איז דעריבער זייער מעגלעך, אַז נישט איין ראָמאַן, וואָס איז געקרוינט געוואָרן מיט דעם נאָבעל-פּריז, וועט פאַרגעסן ווערן אין אַ פּאָר דורות אַרום, און ס'וועלן דווקא געלייענט ווערן אַזעלכע ראָמאַנען, וואָס האָבן דעם גרויסן כּבֿוד ביי זייער לעבן נישט געהאַט.

איך האָב געמאַכט די לאַנגע הקדמה, ווייל דאָס באַווייזט אַזוי בולט, אַז דער קינסטלערישער און ליטעראַרישער קאָנטינענט איז אַזוי טראַגיש שפּעט צו אָנערקענען האַרדיס גרויסקייט. און די סיבות אָדער די הויפּט-סיבה, פאַרוואָס האַרדי איז נישט אַזוי באַרימט אויפן קאָנטינענט, איז אויך לויט מיין מיינונג די הויפּט-כאַראַקטעריסטיק פון האַרדיס שאַפן, פון האַרדין אַלס דיכטער.

פאַרשטייט זיך, אַז אויך האַרדין קען מען אויסער ענגלאַנד. זיינע ווערק ווערן געלייענט אויך אין אַנדערע אייראָפּעישע שפּראַכן. באַזונדערס אין די לעצטע יאָרן האָט מען אָנגעהויבן בעסער קענען אָט דעם גרויסן ענגלישן טראַגיש-איינזאַמען דיכטער. אָבער קענען

צו קענען איז נישט גלייך. אין פאַרגלייך מיט בערנאַרד שאָוס, וועלס, קיפּלינגס און אַפילו גאַלסוואָרטיס וועלט-רום איז טאָמאַס האַרדי כמעט אומבאַדייטנדיק.

פאַרוואָס איז דאָס? פאַרוואָס איז טאָמאַס האַרדי אַזוי נישט פּאָפּולער אויסער ענגלאַנד?

ס׳רוב וויל מען דערקלערן האַרדיס נישט-פּאָפּולאַריטעט אויסער ענגלאַנד דערמיט, וואָס ער איז אַזוי „עכט ענגליש". אַזוי „נאַציאָנאַל ענגליש".

טאָמאַס האַרדי, וויל מען גלויבן, געהערט צו די נביאים, וואָס מען אנערקענט זיי ס׳רוב דווקא נאָר אין זייערע אייגענע לענדער. דאָס דייטשע וואָרט „ווילסטו דעם דיכטער פאַרשטיין, מוזטו אין זיין לאַנד גיין" איז, ווייזט אויס, ווי צוגעמאָסטן צו האַרדין. ס׳זענען דאָ ווידער דיכטער, וואָס זייער גורל איז אַ פאַרקערטער: ענגלענדער וווּנדערן זיך עד-היום, פאַרוואָס בייראָן איז אַזוי וועלט-באַרימט; אין דער צייט, ווען זיי האָבן אינדערהיים, לויט זייער מיינונג, פיל גרעסערע דיכטער פון אים. און די וועלט קען זיי און ליבט זיי פיל ווייניקער ווי בייראָנען. אָסקאַר ווײַלד, למשל, איז פיל מער באַרימט און געשעצט אויסער ענגלאַנד. בערנאַרד שאָו איז באַרימט אין ענגלאַנד. אמת, אָבער האַלטן האַלט מען פון אים אויסער ענגלאַנד פיל מער. אַזעלכע ביישפּילן קען מען ברענגען אַסך פון אַנדערע וועלט-ליטעראַטורן. היינע, למשל, ווערט פיל מער געלייענט און געשעצט אויסער דייטשלאַנד. אין דייטשלאַנד האַלט מען אים אין איין „אַראָפּרייסן". אויסער די גרענעצן פון זיין פאָטערלאַנד קריגט ער עד-היום תהילות ותשבחות.

פונקט ווי ס׳זענען דאָ נביאים, וואָס מען אנערקענט זיי נאָר אין פרעמדע לענדער און זייערע אייגענע פעלקער פאַרשטיינערן זיי, אַזוי זענען דאָ אַזעלכע דיכטער, וואָס מען קען זיי נאָר אין זייער אייגן לאַנד. איצט איז די פראַגע: שטאַמט טאַקע האַרדיס נישט-פּאָפּולאַריטעט אויפן קאָנטינענט דערפון, וואָס ער איז, ווי מען זאָגט, אַזוי „עכט ענגליש", אַזוי „נאַציאָנאַל ענגליש"?

איך גלויב, אַז ס׳איז נישט אינגאַנצן ריכטיק: טאָמאַס האַרדי איז נישט אַזוי נאַציאָנאַל ענגליש ווי אַנדערע מער וועלט-באַרימטע

ענגלישע דיכטער. רודיאַרד קיפּלינג, צום ביישפּיל, אין פיל נאַציאָ־נאַלער ווי האַרדי. רודיאַרד קיפּלינג ווערט אַפילו גערעכנט אַצינד אַלס דער נאַציאָנאַלער ענגלישער דיכטער. איך וואָלט געזאָגט, אַז ער, קיפּלינג, איז דער בריטיש - אימפּעריאַלער דיכטער. טאָמאַס האַרדי איז נישט נאָר נישט דער נאַציאָנאַלער ענגלישער דיכטער, נאָר ער איז אפשר דער אוניווערסאַלסטער, דער אַלמענטשלעכסטער, אַזוי צו זאָגן, פון די געגנוואַרטיקע ענגלישע דיכטער. ער באַזינגט נישט די ענגלישע עפּיק, די ענגלישע גלאָריע און געשיכטע, ווי עס טאָן ס'רוב נאַציאָנאַלע פּאָעטן; זיינע מאָטיוון זענען ריין-מענטשלעכע; דעם מענטשן און זיין בלינדן גורל שילדערט ער ס'רוב אין זיינע ראָמאַנען; דעם מענטשלעכן פאַטאַלן צער; דער מוז פון לעבן און ליידן—דאָס איז דער הויפּט-מאָטיוו פון זיינע ווערק. מיט איין וואָרט, דאָס ריין מענטשלעכע, דאָס, וואָס קען און דאַרף אינטערעסירן אַלע מענטשן פון אַלע פעלקער און ראַסן, איז האַרדיס לייט-מאָטיוו.

און דאָך איז האַרדי נישט אַזוי פּאָפּולער אויסער ענגלאַנד, ווי ער פאַרדינט צוליב זיין ריינער מענטשלעכקייט.

אמת, האַרדי שילדערט נישט דאָס גרויסשטעטישע לעבן, וואָס איז איבעראַל מער אָדער ווייניקער קאָסמאָפּאָליטיש. דער גרויסער אונטערגרונט פאַר זיינע טראַגיש-מענטשלעכע העלדן און ראָמאַנען איז די ענגלישע קאַונטרי, די ענגלישע ערד. טאָמאַס האַרדי איז אפשר דער גרעסטער ענגלישער לאַנדשאַפט-מאָלער, „לענדסקעפּ פּיינטער". קיינער ווי ער האָט אַזוי מייסטערהאַפט און געטריי נישט געשילדערט דעם ענגלישן פּייזאַזש. ס'איז שוין אַפילו דאָ אַזאַ באַגריף אין ענגלאַנד ווי „האַרדי קאַונטרי" (די וועסעקס געגנט). אַ האַרדי-לאַנד־שאַפט דערקענט דאָ שוין יעדער, און אָט די באַדן-ענגלישקייט, אָט די אָרגאַנישקייט איז דאָך דווקא אַ סגולה צו ווערן אוניווערסאַל און נישט אַ חיסרון, ווי מען קען מיינען.

דאָסטאָיעווסקי איז דאָך געוועזן אַזוי נאַציאָנאַל-רוסיש און דערביי איז ער דער אוניווערסאַלסטער רוסישער דיכטער.

אויך האַרדי איז אַזוי נאַציאָנאַל אין אומגעבונג און אונטער־גרונט און דאָך דער אוניווערסאַלסטער, דער מענטשלעכסטער פון די איצטיקע ענגלישע ראָמאַניסטן.

דאָס נאַציאָנאַלע איז דאָך ביי גרויסע קינסטלער נאָר דער באָדן, דער אָרגאַנישער אונטערגרונט, פון וועלכן ס'וואַקסן אויס גרויסע קונסט-ווערק, גרויסע מענטשלעכקייט.

איך האָב געפרוווט באַווייזן, אַז טאָמאַס האַרדי איז דער מענטשלעכסטער אפשר, דער אוניווערסאַלסטער פון די היינטיקע ענגלישע דיכטער און די עפיטעטן „עכט ענגליש", „נאַציאָנאַל ענגליש" קען מען צו אים נישט צומעסטן.

פאַרוואָס-זשע נעמט אים די וועלט נישט אויף, כאָטש ער איז אַזוי אַלמענטשלעך און האָט געשריבן ראָמאַנען, וועלכע קענען אַוועקגעשטעלט ווערן אין איין ריי מיט די רעאַליסטישע ווערק פון די גרויסע רוסן? אַגב, זענען דאָך אַנדערע געוויינער פון דעם נאָבל-פּריז נאָך וויניקער פּאָפּולער אויסער זייער לאַנד ווי האַרדי אויסער ענגלאַנד.

פאַרוואָס?

איך מיין, אַז די אמתע סיבה פון האַרדיס נישט-פּאָפּולאַריטעט, פון האַרדיס נישט-באַליבטקייט אין דער גרויסער וועלט איז — זיין פּעסימיזם. אָט דער ספּעציעלער האַרדי-פּעסימיזם, וועלכער הויערט אין אַלע זיינע ווערק.

פּעסימיזם איז די גרויסע טרויעריקע בלינדע נשמה פון אַלע האַרדיס שאַפונגען. כמעט אַלע זיינע העלדן, אַלע זיינע מייסטער-האַפטע לעבעדיקע מענטשן לעבן אין דער גרויסער נישט פאַרשטענדלעכער נעץ, וואָס ווערט אָנגערופן שיקזאַל. אין האַרדיס וועלט איז נישטאָ קיין גאָט, דאַכט זיך, נאָר „פעיט" הענגט אין דער לופט, ווי אַ צוויי-שאַרפיקע שווערד אין די ריזיקע הענט פון אַ גרויזאַמער בלינדער ווילנלאָזיק־יט און פאַכעט און פאָכעט... און האַקט אונטער לעבנס, פאַרפלאָנטערט לעבנס, פירט זיי קיינמאָל נישט אין אַ גלייכער ליניע און דירעקט צו אַ באַשטימטן ציל, נאָר צום תהום פון טראַגעדיע און אומגליק. און וועקט זיך ביי אַ מענטשן אַ שיין געפיל, אַ געפיל פון ליבע, קומט דער בלינדער צופאַל און שיט אַרויף אויף דעם שיינעם געפיל אַ באַרג פון שווערע שטעכיקע און האַרטע

שטיינער. האַרדי האָט, אַז מענטשן זענען דווקא סימפּאַטיש און זיינע העלדן זענען אָפט איינגעהילט אין אַ אידעאַליזם, ווי אין אַ שיינעם זוניקן נעפּל, אָבער דער שיקזאַל שלאָפט נישט און דרימלט נישט, מישט זיך אַריין, און ס׳מאַכט זיך שוין ביי האַרדין, אַז דאָס ביסל אידעאַליזם ווערט דערטרונקען אין גרויען צווייפל...

ווער ס׳האָט געלייענט האַרדין, האָט געמוזט באַמערקן, וואָס פאַר אַ געוואַלטיקע ראָלע דער צופאַל שפּילט אין דעם לעבן פון זיינע מענטשן. און ער האָט דאָך באַשאַפן אַ וועלט מיט מענטשן! כמעט אין אַלע זיינע ווערק פירט דער בלינדער צופאַל אַוועק זיינע העלדן פון דעם ביסעלע גליק, וואָס זיי וואָלטן אפשר דערגרייכט... דער צופאַל צעשיידט דעם געליבטן פון דער געליבטער, דער צופאַל ברענגט זיי צוזאַמען מיט זיי זיך צו רייצן, זיי צו באַווייזן, ווי פאַרפירט זיי זענען געווען... און דער צופאַל ברענגט זיי צו דער העכסטער אָדער נידעריקסטער שטופע פון טראַגעדיע...

אָפט רעוואָלטירט דער לעזער קעגן האַרדין — עס ווילט זיך אים אויסשרייען צום דיכטער: וואָס פייניקסטו אונז אַזוי און דיינע מענטשן? פאַרקוק אַביסל דעם צופאַל, שענק דעם בלינדן צופאַל אַביסל זעעוודיקן גוטן ווילן; און לאָזן דיינע מענטשן האָבן אַביסעלע גליק... איין ביסעלע גליק... אָבער דער גרויסער דיכטער באַזיגט די מרידה פונם לעזער... „דאָס לעבן איז דאָך אַזוי", גיט זיך אונטער דער לעזער. און האַרדי טוט זיך דאָס זייניקע: ער שילדערט דאָס לעבן. ער בויט ווי אַן אַרכיטעקט מיט זיינע ווירעס און צירקלען איין שטאָק נאָכן אַנדערן פון זיין ראָמאַן... אָט איז דער הויפּט-אַריינגאַנג, דורך וועלכן עס גייען אַריין זיינע העלדן מיט אַזוי פיל גוטע האָפענונגען... און אָט זענען נאָך טירן און די פענצטער... האַרדי דער אַרכיטעקטאָר האָט אַזוי ליב גרויסע פענצטער, דורך וועלכע ער קאָן ווייזן אַזוי פיל וואונדערבאַרע לאַנדשאַפטן. אָט אַזוי בויט ער פּלאַנמעסיק איין שטאָק נאָכן אַנדערן, ביז דאָס הויז, דער מיטלאַלטערלעכער שלאָס, איז פאַרטיק, אָבער דער שיקזאַל גייט אייך נאָך אויף די טרעפּ, פון שטאָק צו שטאָק, פון צימער צו צימער, ווי אַ גרויער גייסט, ווי דער נישט-גוטער אַליין...

און קומט איר אַרויף אויפן דאַך-שטיבל, ווייזט ער אייך דורך אַ קליין פענצטערל די אַלע וווּנדער פון דער נאַטור אַרום—וועלדער, פעלדער, טייכן...

און אַט זעט דאָרטן, דאָרטן אַ... תּליה... אומגליק... טויט...

אַט דער פּאַטאַליזם האַרדיס, גלויב איך, איז די איינציקע אמתע שטערונג, צוליב וועלכער די גרויסע וועלט וויל האַרדין נישט אויפנעמען, ווי ער פאַרדינט, לויט זיינע ריזיקע קונסט-ווערק. ס'זענען געווען אין דער וועלט-ליטעראַטור גרעסערע טראַגיקער ווי האַרדי, אָבער מאָלנדיק דעם צער אין מוז פון לעבן, האָבן זיי אויך געקעמפט קעגן אים און געהאָפט. אָבער נישט האַרדי: ער קעמפט נישט. האַרדי האָט זיך אונטערגעגעבן פון אַלע זיינע ווערק וויינט אַרויס אַ טרוקענע פאַרצווייפלטע שטימע: עס וועט אייך נישט העלפן. ער זעט אויך די סאָציאַלע אומרעכטן, וועלכע העלפן ווי צו דעם גרויען „פעיט”, אָבער די זענען פאַר אים נישט וויכטיק. וואָרים וואָס פאַר אַ ווערט האָבן די אַלע מענטשלעכע גוטע אָדער שלעכטע געזעצן און אינסטיטוציעס, ווען הינטער אונזערע פלייצעס שטייט דער אמתער נישט-באַזיגבאַרער שונא — דער אומבאַגרייפלעכער שונא, דער שיקזאַל און זיין הויפּט-לייטענאַנט – דער בלינדער צופאַל...

און וואָס קען מען טאָן קעגן זיי:

דאָס איז, דאַכט זיך, דער מוסר-השׂכּל פון אַלע זיינע ווערק, דאָס איז טאָמאַס האַרדיס שווערער פאַרצווייפלטער „מעסעדזש”.

דאָסטאָיעווסקי האָט שרעקלעכערע מענטשלעכע ליידן געוויזן ווי טאָמאַס האַרדי. אָבער דאָסטאָיעווסקי האָט געטראָגן אַ פאַקל, ווען ער האָט געוואַנדערט אין די שוואַרצע תּהומען פון דער מענטשלעכער נשמה. אינם גיהנום פון לעבן האָט דאָסטאָיעווסקי געטראָגן אַ ליכט. די ליכט פון גלויבן, פון ליבע, פון אומענדלעכן שמערצלעכן רחמנות... דאָסטאָיעווסקי האָט זיך געראַנגלט מיטן שטן אַליין און אים שיער

בייגעקומען... אויך טאָלסטאָי איז אפשר געווען אַ שאַרפערער אַנאַטאָם פון דעם מענטשנס נאַטור, אָבער ער האָט געפּאַלמעסט און געפונען אַ גלויבן, ווייל ער האָט אים ליידנשאַפטלעך געזוכט. ווייל ער האָט אָן אים נישט געקענט לעבן...

נאָר איין טאָמאַס האַרדי האָט זיך, ווייזט אויס, אונטער־געגעבן... וואָרים מענטשן זענען גאָרנישט אַזוי שלעכט, לויט זיין מיינונג, ווען נישט דער שיקזאַל, וועלכער שפּילט מיט זיי אכזריותדיק אין באַהעלטעניש. ווען מען גלייבט אין מענטשלעכער בחירה, אינם מענטשלעכן ווילן, קען מען זיך אויפבויען אידעאַלן, די שענסטע געטער־חלומות. דער העכסטער אויסדרוק פון אָפּטימיזם איז אידעאַליזם. דער רעאַליסט קען נישט זיין אַן אידעאַליסט, סיידן ער אַנטלויפט פון זיין רעאַליזם. דער פאַטאַליסט קען נישט זיין אַן אָפּטימיסט מיט זיין גאַנצער ליבע און סימפּאַטיע צו מענטשן. און האַרדי האָט זיך אַליין פאַרמשפּט און פאַרשלאָסן אין אַן אַלטן שלאָס אָן גייסטער. און די אמתע גרויסע נביאים, קינסטלער און דיכטער — פון אַלע צייטן — אָט די אַלגעפאַלס, וואָס די גרויסע וועלט האָט אַלס אַזעלכע אנערקענט, זענען געווען די, וואָס האָבן געהאַט אידעאַלן, וואָס האָבן דער מענטשהייט געבראַכט מוט און האָפענונג ווייטער צו לעבן.

ווען איר לייענט שעקספּירן, הערט איר פון אַלע זיינע ווערק אַ מעכטיקן רוף צום לעבן. (נעמט זיינע סאָנעטן.) ווען איר לייענט געטען, ווערט איר געפּאַנצערט מיט מוט, מיט לעבנס־ענערגיע. און אַזוי יעדן איינעם פון די גרויסע, וואָס די וועלט, וואָס די מענטש־הייט האָט געקרוינט מיט אומשטערבלעכקייט.

דער סימן פון גרויסע דיכטער איז, ווייזט אויס, נישט נאָר ליבע צו מענטשן, ווי אַנאַטאָל פראַנס האָט פּאָרמודירט, און אויך נישט ערלעכקייט אַליין, ווי קאַרלייל האָט געוואָלט.

ערלעכקייט און מיטלייד צו מענטשן זענען נאָך נישט אַלע מעלות, וואָס מיר געפינען אינם גאון: ער מוז נאָך האָבן אַ דריטן עלעמענט: גלויבן, אידעאַליזם. מיט איין וואָרט: אָפּטימיזם. די מענטשהייט וויל, פאָדערט פון די אויסדערוויילטע מוט צום לעבן, ענערגיע, האָפענונג און גלויבן.

אינם „הבל הבלים” איז אפשר דאָ מער אמת ווי אין אַלע

אונזערע אידעאַלן, אָבער מיט הבל הבלים לעבט מען נישט; מיט הבל הבלים אויף די ליפּן און אין האַרצן — שטאַרבט מען... און די מענטשהייט וויל נישט שטאַרבן. דערפאַר האָבן קלוג געטאָן די חכמים, וועלכע האָבן צוגעשטעלט דעם רעליגיעז־אָפּטימיסטישן סוף־פּסוק צו איוב און קהלת... ווען נישט, וואָלטן די צוויי געניאַלע ווערק נישט קאַנאָניזירט געוואָרן, זיי וואָלטן געוואָרן ספרים חיצונים; די מענטשהייט וואָלט זיי נישט אָנגענומען...

ווייל די מענטשהייט וויל לעבן און מוז לעבן...

— — — — — — — — — — — — — — —

ער האָט געזען דעם צער פון לעבן און מענטשן מיט דער אַכזריות פון אַ גאָט.

נאָר אַ ליכטיקע בשורה האָט ער נישט געפונען, נישט פאַר זיך און נישט פאַר אונז.

און די מענטשהייט וואַרט שטענדיק, אין אַלע צייטן און דורות, אויף בשורות פון האָפענונג און פרייד.

די מענטשהייט וויל לעבן און מוז לעבן!

לאָרד בײראָן

אין אײראָפּע, אױסער ענגלאַנד, איז לאָרד בײראָן דער גרעסטער און פּאָפּולערסטער ע נ ג ל י ש ע ר פּאָעט נאָך שעקספּירן; אָבער אין ענגלאַנד גופא װערט לאָרד בײראָן צוגערעכנט צו די דריט-קלאַסיקע פּאָעטן. אין אַ קלאַסיש-ענגלישער אַנטאָלאָגיע פאַר פּאָעזיע פאַרנעמט קיעטס דרײ-און-צװאַנציק זײטן, שעלי—נײַנצן און בײראָן נאָר זעקס. און װאָס פאַר אַן ענגלישער ליטעראַטור-קענער װעט עס נישט זאָגן אַ גרױסן להבדיל, װען איר װעט בײראָנס נאָמען אױסקשטעלן לעבן מילטאָנס אָדער װאָרדסװאָירטס?

און דאָך קען אײראָפּע בכלל קוים די לעצטע גרױסע ענגלישע פּאָעטן, און אַפילו שעליס פּאָפּולאַריטעט אין אײראָפּע אין פאַרגלײך מיט בײראָנס איז װי די ליכט פון אַ שטערן קעגן דער זון.

און ס'איז גענוג צו פאַרגלײכן, װי אַזױ ענגלאַנד פײַערט איצט לאָרד בײראָנס הונדערט-יעריקן יאָרצײַט און װי אַזױ אײראָפּע בכלל טוט עס, מען זאָל דערזען פאַר זיך כמעט צװײ באַזונדערע בײראָנס, אַן אײראָפּעישן און אַן ענגלישן, אַן אינטערנאַציאָנאַלן און אַ נאַציאָנאַלן.

אײראָפּע, די װעלט בכלל, הײליקט איצט דעם נאָמען פון אײנעם פון אירע גרעסטע רעװאָלוציאָנערע און שעפערישע גײסטער. די קלײנע פעלקער (באַזונדערס גריכנלאַנד) פײַערן דעם גרױסן מבשר און קעמפער פאַר זײער פרײהײט; די אינטעלעקטועלער פון דער גאַנצער װעלט דערמאָנען איצט מיט ליבע אָט דעם הײליקן דעמאָן, דעם „פּילגרים פון אײביקײט” (װי זײַן פרײַנט שעלי האָט אים גערופן), װעלכער האָט

געוואָגט מורד צו זיין קעגן דעם „בעל כּרחך", קעגן דעם הימל זעלבסט, פון וועלכן ער איז אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן, ווי די לעגענ-דאַרע בני-אלהים אין די בראשית-טעג.

און אין ענגלאַנד, זיין פאָטערלאַנד, פייערט מען איצט לאָרד בייראָנס הונדערטסטן יאָרצייט כּמעט ווי נישטווילנדיק, און אויך פּאָ-ליטיש צוליב גריכנלאַנד. עס קען זיין, ווען אייראָפּע וואָלט לאָרד בייראָנען נישט פאַרגעטערט אַזוי, וואָלט מען איצט אין ענגלאַנד דעם יובילעום כּמעט פאַרשוויגן. אָבער אַזוי ווי עס איז, קען מען עס נישט טאָן, און דערצו האָבן די ענגלישע ביכער-פאַרלאַגן איצט אַזאַ אינטערעסאַנטע און פּיקאַנטע סחורה אַרויסצוואַרפן אויפן ביכער-מאַרק—לאָרד בייראָן און זיינע ראָמאַנטישע חטאים. און אין ענגלאַנד איז מען איצט ס'רוב טאַקע באַשעפטיקט מיט לאָרד בייראָנס חטאים. ווער עס פּרוּווט זיי ריינוואַשן און ווער נאָך רויטער און זינדיקער מאַכן. די ראַדיקאַלישע ענגלישע אינטעליגענץ שטעלט אים אויפן הויכן פּעדעסטאַל אַלס גרעסטן פּאָעט. דאָס קאָנסערוואַטיווערע ענג-לאַנד (וועלכע באַהאַלט זיך אָפּט, ווי איבעראַל, אינם מאַנטל פון „ריינער פּאָעזיע") רייסט אים, ווי דער שטייגער איז, אַרונטער. און לעבן דעם אייראָפּעישן גיגאַנט בייראָן וואַקסט אויס פאַר אייערע אויגן אַ דעגענערירטער ענגלישער לאָרד, וועלכער איז באַליידיקט געוואָרן פון דער נאַטור (געהונקען אויף אַ פוס), פון זיינע אייגענע דעגענערירטע און כאַראַקטערלאָזע עלטערן און פון דעם ענגלישן נאָבלטום, וועלכער האָט אים אין דער יוגנט איגנאָרירט, הגם ער האָט אויך קעניגלעך בלוט געהאַט אין זיינע אָדערן. און צוליב די אַלע באַליידיקונגען איז אין אים אויסגעוואַקסן די דעמאָנישע דורשט נאָך נקמה—נקמה פון זיין פאָטערלאַנד, פון דער הויכער געזעלשאַפט און פון די אדעליקע פרויען, וועלכע זענען נאָך אים נאָכגעלאָפן. נקמה צוליב נקמה ביז ער האָט זיין גרויסן טאַלאַנט (אַפילו זיינע שונאים גיבן עס צו) פאַרזינדיקט און פאַרדאָרבן מיט זיין גראָבער, ברוטאַלער רעטאָריק א. אַז. וו.

צוויי בייראָנס — אַן ענגלישער און אַן אַלמענטשלעכער. דער ענגלענדער פאַרשטייט נישט עד-היום, פאַרוואָס אייראָפּע בכלל איז אַזוי באַצויבערט פון אַ לאָרד בייראָן, אין דער צייט, ווען זיי האָבן

אייניקע פיל בעסערע און אמתערע פּאָעטן. און דער נישט-ענגלישער שטוינט ממש פון דער ענגלישער ענגהאַרציקייט, וועלכע קען נישט באַגרייפן אָט דעם הימלישן לוציפער, וועמעס צעבראָכענע פליגלען עס פאָכען נאָך איצט מעכטיק איבער אונזער געזעלשאַפט, וועלכע איז נאָך פול מיט דעם שעפערישן מרידה-גייסט, מיט „בייראָניזם".

הגם די בולטסטע און שטאַרקסטע איז אָבער אָט די בייראָן-צווייִקייט נישט די איינציקע אין דער וועלט-ליטעראַטור. אַן ענלעכער שיקזאַל איז באַשערט אונזער היינע: היינע אין זיין פאָטער-לאַנד, דייטשלאַנד, און היינע אין אייראָפּע ליידט כמעט פון דער זעלבער נישט פּראָפּאָרציאָנעלער פאַרגעטערונג און פאַרשוועכונג, ווי לאָרד בייראָן אין ענגלאַנד און אין אייראָפּע. אין פראַנקרייך, ענגלאַנד, רוסלאַנד און אין אַנדערע לענדער איז היינריך היינע זייער פּאָפּולער און באַליבט און מען שטעלט אים אין די לענדער אָפט באַלד נאָך געטען און שילערן. אין דייטשלאַנד אָבער, און ביי די דייטשע ליטעראַטור-קריטיקער און היסטאָריקער פאַרנעמט ער אַ פיל, פיל נידעריקן אָרט. אין אייראָפּע, אויסער דייטשלאַנד, איז מען עד-היום פאַרליבט אין היינעס פּראָזע. מען רעכנט אים פאַרן שאַפער פונם מאָדערנעם פעליעטאָן, פון דער מאָדערנער פּאָעטישער פּראָזע און אויך פאַרן פאָרגענגער פון באָדלער און ווערלען (אגב איז ער, ווי אַלע גרויסע פּאָעטן, שטאַרק באַאיינפלוסט געווען פון בייראָנען). אָבער אין דייטשלאַנד וועט אייך יעדער ליטעראַטור-פאָרשער כמעט זאָגן, אַז „דער ייד היינע מיט זיין כאַראַקטער-שוואַכקייט און גאַליקייט האָט צעברעקלט זיין גרויסן לירישן טאַלאַנט" א. אַז. וו.

ענלעך אין דעם פּרט איז די אָפּשאַצונג און די ווערט פון אָסקאַר אויילד אויסער ענגלאַנד און אין ענגלאַנד, הגם ער איז אפשר אַ פיל קלענערער פּאָעט ווי די דערמאנטע צוויי — בייראָן און היינע. אַלע געדענקען נאָך דעם געוואַלדיקן דערפאָלג, וואָס אָסקאַר אויילד

האָט געהאַט אין פראַנקרייך, דייטשלאַנד און רוסלאַנד. מען קען זאָגן אַפילו, אַז עס איז געווען זאָגאַר אַ מין אָסקאַר אויילד-קולט אין אייראָפּע. אָבער אין ענגלאַנד האָט מען אים אַפילו אין זיינע גליקלעכע צייטן צו ערנסט נישט גענומען. אָסקאַר אויילדס אַפּאָריזמען, שיינע מעשהלעך, זיין „סאַלאָמע" און „דאָריאַן גרעי" האָבן קיינמאָל נישט אויסגענומען אין ענגלאַנד, הגם די אייראָפּעישע יוגנט בכלל האָט זיך מיט זיי אַ שטיק צייט געקוויקט און געצירט — צום דער שטויינונג פון די ענגלישע ליטעראַטור-קענער און קריטיקער.

נאָך אַסך ביישפּילן וואָלט מען געקענט ברענגען פון פּאָעטן און קינסטלער, וועלכע פאַרנעמען אַ פּיל קלענערן פּלאַץ אין זייערע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן, הגם אַ זייער וויכטיקן אין דער אוניווערסאַלער ליטעראַטור.

נאָר דער פאַל מיט בייראָנען איז, ווי געזאָגט, דער בולטסטער און ווירקט, ווי דער פּאָעט זעלבסט, אמת, פענאָמענאַל. אַסך ענגלישע קריטיקער און שריפטשטעלער האָבן געפּרווּוט דערקלערן אָט דעם פענאָמען פון בייראָנס גרויס אין דער וועלט-ליטעראַטור און „קליינקייט" אין דער ענגלישער. ענגלענדער שטוינען נאָך עד-היום, ווען זיי דערמאָנען זיך, אַז אַזעלכע אמת גרויסע פּאָעטן ווי וואָרדסוואָירט, קיעטס און אַנדערע, זענען פּיל וויניקער איבערגעזעצט און פּאָפּולער אין אַנדערע שפּראַכן ווי לאָרד בייראָן.

אַ טייל דערקלערן עס דערמיט, וואָס פיינערע און אמתערע פּאָעטן איז פּיל שווערער צו איבערזעצן, זיי זאָלן דערביי נישט פאַרלירן (פּאַרוואָס, קען מען פרעגן, איז שעקספּיר יאָ איבערגעזעצט אין אַלע שפּראַכן און איז נאָך מער באַרימט ווי בייראָן?), בייראָנס שפּראַך, זאָגן זיי, איז אַ גראָבע, פול מיט וווּלגאַרע רעטאָריק, און געווינט נאָך מאַנכע מאָל אין איבערזעצונגען... אַנדערע דערקלערן, ווידער, בייראָנס געוואַלדיקע פּאָפּולאַריטעט מיט זיין ראָמאַנטישער, סקאַנדאַליעזער קאַריערע (דאָס זעלבע ווערט אָבער אויך געזאָגט וועגן היינע און אָסקאַר אויילד) און דער עיקר מיט זיין ראָמאַנטישן און העראָישן טויט פאַר דער באַפרייונג פון גריכנלאַנד.

מיט זייערע לעבנס-סענסאַציעס, קומט אויס, לויט די השערות, האָבן זיי פּאָפּולער געמאַכט זייערע פּאָעטישע ווערק, וועלכע וואָלטן

פאַר זיך זעלבסט, צוליב זייער אייגענער ווערט, נישט אַזוי באַרימט געוואָרן. געוויינלעך, טראָפּנס אמת זענען אפשר דאָ אין די דער-קלערונגען, אָבער זיי זענען צו ענגהאַרציק און צו קורצזיכטיק. זיי זאָלן דערקלערן ווירקלעך, פאַרוואָס דער אָדער אַן אַנדער פּאָעט רעדט צום האַרצן פון אַלע פעלקער, נור נישט צו זיין אייגן פאָלק, און מאַנכעס מאָל אויך פאַרקערט.

עס זענען דאָ אַזעלכע גרויסע פּאָעטן (אפשר טאַקע פון די גרעסטע?), וועלכע זענען די נאַציאָנאַלסטע און צו דער זעלבער צייט די אוניווערסאַלסטע.

ביי וועלכן דייטש איר זאָלט נישט אַ פרעג טאָן: „ווער איז דער גרעסטער ד י ט ש ע ר דיכטער?" וועט ער אייך ענטפערן: „פאַרשטייט זיך, געטע". און צו דער זעלבער צייט וועט קיינער נישט לייקענען, אַז געטע איז אויך דער אוניווערסאַלסטער און אַלמענטשלעכסטער דייטשער גאון; דער רוסישער דאָסטאָיעווסקי איז, דאַכט זיך, דער נאַציאָנאַלסטער רוסישער ראָמאַניסט און צו דער זעלבער צייט איינער פון די פּאָפּולערסטע אין אייראָפּע און אַמעריקע. און נאָך צענדליקער גרויסע פּאָעטן קען מען אָנרופן, וועלכע זענען אוניווערסאַל און אין דער זעלבער מאָס נאַציאָנאַל.

נאָך מער באַקאַנט איז די קאַטעגאָריע פּאָעטן און קינסטלער, וועלכע זענען זייער באַליבט ביי זייערע אייגענע פעלקער, נאַציאָנאַלע העלדן ממש, און צו דער מענטשהייט בכלל אַפּעלירט זייער פּאָעזיע אַזוי ווייניק. דער גאַנצער מענטשהייט זאָגן זיי כמעט גאָרנישט. עס קען זיין, אַז אַזאַ ענגלישער פּאָעט איז וואָרדסוואָירט; עס קען זיין, אַז צו דער קאַטעגאָריע פון גרויסע נאַציאָנאַלע פּאָעטן, וועלכע האָבן קנאַפּ וואָס צו זאָגן פאַר אַנדערע פעלקער, געהערן אויך אונזער ביאַליק און שלום-עליכם. זיי זענען גרויס אין זייערע נאַציאָנאַלע פּראָווינצן, אַזוי צו זאָגן. דער נאַציאָנאַלער עפּאָס, דער נאַציאָנאַלער „ביט" אָדער ס'רוב זייער נאַציאָנאַלע טראַגעדיע האָבן זיי און זייערע גרויסע שעפערישע כוחות איינגאַנצן פאַרשלונגען. זייערע אייגענע פעלקער זענען פול צו זיי מיט דאַנקבאַרקייט, פאַרגעטערן זיי, שטעלן זיי די גרעסטע נאַציאָנאַלע מאָנומענטן און די זעלבע פעלקער, וועלכע זענען אַזוי שטאָלץ מיט „זייערע פּאָעטן", שטוינען און פיקן

זיך טיף באַליידיקט, נישט פאַרשטייענדיק פאַרוואָס די גרויסע וועלט וויל זייערע גרויסע נאַציאָנאַלע פּאָעטן נישט אנערקענען. און מען טרייסט זיך מיט אַזעלכע תירוצים, אַז עס איז זיי שווער איבער־צוזעצן, אַז די אַלע רייכע ניואַנסן פאַרלירן זיך אין אַנדערע שפּראַכן, א. אַז. וו.

לאָרד בייראָן, ווי היינריך היינע, און אפשר אַנדערע, געהערן, ווידער, צו די נביאים, וועלכע ווערן נישט אנערקענט און אָפּטמאָל אויך פאַרשטיינערט אין זייערע אייגענע לענדער, פון זייערע אייגענע פעלקער. (אויך אייניקע פון די יידישע נביאים, ווי עס איז באַוווּסט, זענען געווען נאָר נאַציאָנאַלע און נאָר אוניווערסאַלע.)

נישט נאָר ווייל זיי האָבן „פאַרראָטן" זייערע אייגענע פעלקער און זיי צו שאַרף קריטיקירט, געזידלט און געשטראָפט (ווי עס איז אויך דער פאַל געווען מיט בייראָנען און היינען, וואָס די ענגלענדער און די דייטשן קענען זיי עס עד־היום נישט מוחל זיין). דאָס איז נור איין שטריך אפשר פון זייער גאַנצן שטאַרק פערזענלעכן כאַראַק־טער. הויפּטזאַכלעך זענען זיי אוניווערסאַל, אַלמענטשלעך אויפן חשבון פון זייער נאַציע, אויב מען קען אַזוי זאָגן. ווייל זיי זענען געקומען אין אַ צייט נישט פון נאַציאָנאַלע, נאָר אינטערנאַציאָנאַלע גרויסע געשעענישן און עמאָציעס, און מיט זייער כאַראַקטער און טעמפּע־ראַמענט, מיט אַלע זייערע חושים (פאַרשטייט זיך, אַז אויך קליינ־לעכע מאָטיוון, ווי פערזענלעכע באַליידיקונגען און קריוודעס, קענען אויך ווירקן אויפן שאַפן פון אַ גאון) זענען זיי געווען מסוגל זיך אָפּצורופן אויף דעם שטורעם פון ווייטן און איגנאָרירן מיט פאַראַכ־טונג די „אידילישע גריל" אונטער דעם אייגענעם אויוון... די סינ־טעטישע רו און האַרמאָניע האָט זיי געפעלט... עקסטרעמע ליידנ־שאַפטן איז די הויפּט־קראַפט פון אַ בייראָן... די לעצטע מעכטיקע אָפּקלאַנגען, עכאָס פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָבן

נאָך אָפּגעדונערט אין אייראָפּע. נאַפּאָליעאָנס גייסט (אָט דער פאַלשער משיח פון אייראָפּע) האָט נאָך געוועלטיקט איבעראַל. און די הויכע געזעלשאַפט האָט געפּראַוועט אירע לעצטע וואַקכאַנאַליעס. (זי האָט געמיינט, אַז דאָס זענען די לעצטע.) איז דען נישט סטיכיש בויט־וועדיק אַפילו געווען ס'זאָל קומען אַ בייראָן — איבערן קאָפּ פון זיין פאָלק און לאַנד — און זאָל שטורעמען מיט גאַל און פאַראַכטונג אָט די אין פּאַניק־אַנטרונענע און באַפּעסטיקטע, זאַטע צופרידנהייט און זאָל וועקן, אויפמונטערן דעם איינדרעמלענדן מרידה־ און פריי־הייט־דורשט פון די אונטערגעדריקטע, קליינע, אָרעמע מענטשן און קליינע פעלקער?...

פונקט ווי דער נאַציאָנאַלער פּאָעט פאַר עקסעלאַנס שפּייזט זיך און ציט זיין שעפערישע יניקה בלויז פון זיין נאַציאָנאַלן לעבן און רעדט און ווערט פאַרשטאַנען ס'רוב נור פון זיין אייגן פאָלק, אַזוי שפּייזט זיך דער אויסגעשפּראָכענער אוניווערסאַלער פּאָעט, פון אַ בייראָן־ און היינע־מדרגה, בלויז מיט די אַלמענטשלעכע (וועלכע זענען פונקט ווי נאַציאָנאַלע אויך אָפטמאָל פאַרבייגייענדע) סאָציאַלע קאַטאַקליזמען און רעוואָלוציעס, און ווערן דעריבער פאַרשטאַנען פון אַלע אַנדערע פעלקער מער ווי פון זייער אייגן פאָלק.

זייער רוף איז צו אַלעמען איבער די קעפּ פון די אייגענע און פון די נאָענטסטע.

און ס'איז דעריבער אפשר גאָר קיין סתירה נישטאָ צווישן דעם קליינעם בייראָן, וועמעס הונדערט־יעריקער יאָרצייט עס איז געפייערט געוואָרן אין ענגלאַנד און דעם גרויסן בייראָן, וועמעס נאָמען עס ווערט איצט מיט אַ באַנייטער באַגייסטערונג דערמאָנט אין אייראָפּע בכלל.

אָט די צוויי באַזונדערע שטאַנדפּונקטן מאַכן נור פּלאַסטישער און פאָלקאָמענער די פיגור. ווייל מען סינטעטיש אָפּשאַצן אָט דעם גרויסן פּאָעט, מוז מען קענען בייראָנען און זיין פאַרשוועכונג אין ענגלאַנד און זיין פאַרגעטערונג אין אייראָפּע.

זיין בילד ווערט נור קלאָרער, ווען מען זעט אים פון דער נאָענט און פון דער ווייטן.

דער בונד, דער ציוניזם און די יידישע ליטעראַטור

מען האָט דאָ נישט לאַנג אין דער יידישער וועלט געפייערט צוויי גרויסע יובילעומס: די דרייסיק־יאָריקע עקזיסטענץ פון די צוויי גרעסטע יידישע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען — די ציוניסטישע און די בונדיסטישע.

אין איין און דער זעלבער צייט זענען די צוויי גרויסע נאַציאָנאַלע יידישע באַוועגונגען געשאַפן געוואָרן. מיט דרייסיק יאָר צוריק איז דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס פאַררופן געוואָרן; מיט דרייסיק יאָר צוריק האָט זיך דער בונד דערקלערט אַלס אַ זעלבשטענדיקע יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. ס'איז נישט קיין בלינדער צופאַל, וואָס אָט די צוויי עקסטרעמע יידישע פּאַרטייען זענען אין איין צייט געבוירן געוואָרן; אויך נישט אויס קאָנקורענץ אָדער רעאַקציע צו דער ערשטער איז די צווייטע פּאַרטיי געשאַפן געוואָרן.

פאָלקס־באַוועגונגען ווערן צופעליק נישט באַשאַפן. און זיי זענען אויך נישט קיין פאַנטאַזיעס און קאַפּריזן פון פּאָליטיקער און כלל־טוער, ווי פעיק די לעצטע זאָלן נישט זיין.

ביידע, אי דער בונד אי דער ציוניזם, זענען לייבלעכע טעכ־טער, אַזוי צו זאָגן, פון דער גרויסער השכלה־עפּאָכע אינעם יידנטום.

די פלאַטאָנישע און אַבסטראַקטע אידעאַלן פון דער השכלה־עפּאָכע וועגן מענטשלעכקייט און ברידערלעכקייט — די שיינע ירושה פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע—האָבן דעמאָלט געהאַט באַנקראָטירט.

די פּאָגראָמען אין די אַכציקער יאָרן האָבן אויסגעניכטערט די יידישע אינטעליגענץ אין מזרח-אייראָפּע, אָבער אַפילו אָן די פּאָגראָמען וואָלט די אויסניכטערונג געקומען פון דעם אַבסטראַקטן משכּילישן הומאַניטאַריזם.

מיט דרייסיק יאָר צוריק איז גאַנץ אייראָפּע נאַציאָנאַליסטיש געוואָרן. מיט דרייסיק יאָר צוריק האָבן שוין אָנגעהויבן ווירקן אָט די נאַציאָנאַליסטישע און שאָוויניסטישע פאַקטאָרן און סענטימענטן, וועלכע האָבן געבראַכט צו דער וועלט-מלחמה, וועלכע איז דער טראַגישער אַפּאָטעאָז פונם אייראָפּעישן נאַציאָנאַליזם.

אַפילו מיר יידן אַלס פאָלק לעבן נישט אָפּגעשיידט פון אייראָפּע און אירע סאָציאַלע אידעען און רעאַקציעס.

מיט דרייסיק יאָר צוריק האָט זיך אייראָפּע גענומען נאַציאָנאַליזירן. מען האָט נישט גערעדט מער פון אַ באַפרייטער מענטשהייט, אָדער פונם באַפרייטן יחיד, נור פון באַפרייטע פעלקער. אָדער פון פעלקער, וואָס דאַרפן באַפרייט ווערן.

קאָשטשיושקאָ, גאַריבאַלדי און מאַזיני—זענען געווען די העלדן פון אייראָפּע, וועלכע איז נאַציאָנאַל-ראָמאַנטיש געוואָרן... און פון דער צווייטער זייט זענען מטגלעך געוואָרן די אַכציקער פּאָגראָמען... די דרייפוס-אַפערע... און ווי עס אייראָפּעיזירט זיך, אַזוי יידלט זיך... די גאַנצע וועלט איז געוואָרן נאַציאָנאַליסטיש און אויך די יידישע גאַס.

יידישע משכּילים האָבן דערזען, אַז ס'איז נוצלאָז צו זינגען און פּרעדיקן „זיי אַ מענטש צו מענטשן גלייך" און זיי האָבן אָנגעהויבן פּרעדיקן „זיי אַ פאָלק צו פעלקער גלייך". די בורזשואַזערע משכּילים אונזערע זענען געוואָרן עקסטרעמע נאַציאָנאַליסטן און געשאַפן די ציוניסטישע באַוועגונג.

די ווידער פון אונזערע משכּילים, וועלכע זענען ביז דאַן געווען אין קאָנטאַקט מיט די רוסישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, האָבן געשאַפן דעם יידישן אַרבעטער-„בונד".

האָט מען ביי אונז געפּייערט די צוויי גרויסע יובילעומס, די צוויי פּיינטלעכע אָבער לייבלעכע שוועסטער פונם מאָדערנעם יידישן נאַציאָנאַליזם. יעדע פון די צוויי פּאַרטייען האָט פאַר זיך אויסגע־טרומייטערט אירע זינען, אירע דערגרייכונגען און האָפענונגען אויף אַ נאָך בעסערע צוקונפט. זייער אַלגעמיינעם יחוס אָבער און דעם אַל־געמיינעם גורל זייערן ווי אויך זייער ביידנס שווערן קריזיס, וואָס זיי לעבן איצט איבער — האָט מען ס'רוב מורא געהאַט צו דערמאנען.

אָבער נישט וועגן די צוויי יובילעומס איז אַצינד די רייד. איך האָב זיי נור דערמאנט, ווייל ס'איז נויטיק געווען פאַר מיין היינטיקער טעמע „דער יידישער אַרבעטער און די יידישע ליטע־ראַטור".

ווייל מיט דרייסיק יאָר צוריק זענען נישט נור די ציוניסטישע און בונדיסטישע פּאַרטייען געשאַפן געוואָרן, נור אויך די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור האָט מיט אַן ערך דרייסיק יאָר צוריק אָנגעהויבן ווערן אַ זעלבשטענדיקע יידישע ליטעראַטור; מיט דרייסיק יאָר צוריק לפי ערך האָבן יידישע שרייבער אָנגעהויבן ביסלעכווייז קוקן אויף זייער אַרבעט, אויף יידיש און אויף יידישע ליטעראַטור ווי אויף ווערטן פאַר זיך אליין און נישט בלויז ווי אויף מיטלען צו בילדן „די פינצטערע מאַסן אין די יידישע געטאָס".

דאָס הייסט, מיט דרייסיק יאָר צוריק איז די יידישע ליטעראַ־טור געוואָרן אַ נאַציאָנאַלע ליטעראַטור, אָדער אָנגעהויבן ווערן אַ נאַציאָנאַלע ליטעראַטור מיט אַלע ליטעראַטורן גלייך.

אמת נאָך פריער האָבן מיר געהאַט אונזערע קלאַסיקער—מענ־דעלען, פּרצן און שלום־עליכמען... אָבער אויך די דערמאָנטע דריי גרויסע יידישע שרייבער האָבן ערשט אין די לעצטע דריי צענדליק יאָר אויפגעהערט קוקן אויף יידיש ווי אויף אַ זשאַרגאָן און אויף זייער שרייבן נור ווי אויף אויפקלערונגס־אַרבעט, ביז זייערע לעזער וועלן זיך אויסלערנען אַ „לייטישע" שפּראַך.

די יידישע שרייבער (און אויך די העברעישע) פלעגן קוקן אויף זיך ווי אויף משכילים־לערער און נישט ווי אויף קינסטלער. זיי האָבן אפילו מורא געהאַט צו טראַכטן, אַז זייער ליטעראַטור האָט אַ דויערנדיקע און נישט בלויז אַ צייטווייליקע ווערט.

ערשט אין די לעצטע דריי צענדליק יאָר, ווען די גאַנצע יידישע גאַס—פון לינקס און פון רעכטס—איז באַוווסטזיניק נאַציאָנאַל געוואָרן, האָבן די יידישע שרייבער אָנגעהויבן שרייבן לשמה און לשם קינסט.

יידישע דיכטער און שרייבער האָבן אויך אויפגעהערט אָפּלאַכן פון יידישקייט און חסידישקייט. פאַרקערט, מען האָט זיי אָנגעהויבן אידעאַליזירן. ס'איז מעגלעך געוואָרן פּרצס נעאָ-חסידיזם; ס'איז ווידערגעבוירן די נאַציאָנאַלע ראָמאַנטיק אונזערע.

מיט איין וואָרט, די יידישע ליטעראַטור איז געוואָרן אויס בריקל צו אַסימילאַציע און מענטשלעכקייט. זי איז געוואָרן אַ פּאַלאַץ פאַר זיך... נישט אַזאַ רייכער פּאַלאַץ אַפילו, אָבער דערפאַר אַן אייגענער.

אַלזאָ זעען מיר, אַז מיט דעם אַנטשטיין פונם נאַציאָנאַל-פּאָליטישן ציוניזם און נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישן „בונד", איז אויך די יידישע ליטעראַטור געוואָרן דאָס וואָס זי איז, אַ יידישע ליטעראַטור.

מיט זייער גאַנצן אַנטאַגאָניזם זענען די דריי דערשיינונגען געקנופּט און געבונדן צווישן זיך. כמעט איינס אין איין שפּיגל זענען זיי, נור באַזונדערע אָפּגעשפּיגלטע ווינקלען. און נאָך בולטער וועט מען עס דערזען, ווען מיר וועלן באַטראַכטן די פראַגע, וועלכע פון די צוויי דערמאנטע גרויסע יידישע פּאַרטייען האָט מער געהאָלפן דעם וווקס פון דער מאָדערנעד יידישער ליטעראַטור — דער „בונד" צי דער ציוניזם? און אויף וועלכע פון די צוויי נאַציאָנאַלע יידישע שיכטן בויט די יידישע ליטעראַטור — אין איר איצטיקן קריזיס, — אירע האָפענונגען אויף דער צוקונפט? (אויב זי האָט אַ צוקונפט...) וועלכע פון די צוויי דערמאנטע יידיש-נאַציאָנאַלע פּאַרטייען האָבן מער באַאיינפלוסט די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור אין די לעצטע דריי צענטליק יאָר.

ס'איז אַ זייער אינטערעסאַנטע פראַגע, וועלכע ווי מיר דוכט די יידישע ליטעראַטור-קריטיק האָט נאָך אפילו זיך נישט געשטעלט.

איך וועל זי פּרווון אַצינד פאַרענטפערן. מיר דאַכט זיך, גאַנץ אָביעקטיוו זייענדיק, אַז דער יידישער אַרבעטער-„בונד" — איך רעד

פונם „בונד" נישט אינם ענג־פּאַרטייִשן זין — איז מער קרוביש געווען צו דער יונגער יידישער ליטעראַטור און אירע שרייבער ווי די ציוניסטישע באַוועגונג.

געוויינלעך האָבן זיי ביידע — אי דער ציוניזם אי דער „בונד" — סטימולירט די נייע יידישע ליטעראַטור, פּונקט ווי די יידישע שרייבער, די יידישע ליטעראַטור האָט געהאָלפן אויפבויען די צוויי באַוועגונגען.

אָבער דער „בונד" איז דירעקטער און שטאַרקער געווען פאַרוואַנדט מיט דער יידישער ליטעראַטור ווי אונזער עקסטרעמער נאַציאָנאַליזם — דער ציוניזם.

מען זאָל נעמען אויסרעכענען די באַדייטנדסטע יידישע שרייבער וועט מען זען, אַז נישט זייענדיק פּאַרטייִש זענען זיי דאָך אינם גרויסן רוב געשטאַנען נעענטער צום לינקן ייד. נאַציאָנאַליזם — צום „בונד". מענדעלע איז נישט געווען קיין ציוניסט. אידעיש איז ער גיכער געווען פאַרוואַנדט מיטן „בונד" אָדער מיט דער שפּעטערער מער „בורזשואַזער" פאָרמירונג „פאָלקיזם".

דובנאָוו — דער איינציקער כמעט יידישער היסטאָריקער איז אין אַ געוויסן זין דער גייסטיקער פאָטער פונם „בונד", אָט ווי אחד־העם איז פונם מאָדערנעם פּאָליטישן ציוניזם.

פּרץ איז פיל נעענטער געשטאַנען צום „בונד" ווי צום ציוניזם.

שלום־עליכם איז אפשר דער איינציקער פון אונזערע קלאַסיקער, וועלכער איז געווען אַ ציוניסט.

מאָריס ראָזענפעלד, שלום אַש, רייזען, נאָמבערג, ווייסענבערג, איינהאָרן, בערגעלסאָן... אַלע זענען זיי נעענטער געווען צום „בונד" — מער אָדער ווייניקער — ווי צום ציוניזם.

פון די יינגערע שפּעטערע יידישע שרייבער, ווי משה נאַדיר, ליוויק, היילפּערין, מאַרקיש, האָפשטיין און צענדליקער אַנדערע איז שוין אָפגערעדט, אַז זיי זענען נעענטער צו דעם אידעען־ און שטימונגס־קרייז פון „בונד", פונם רעוואָלוציאָנער־פּראָלעטאַרישן נאַציאָנאַליזם, ווי פונם ציוניזם.

געוויינלעך זענען דאָ אויסנאַמען. און אויך איינציקע פון די אויס־

געדעכנטע יידישע קינסטלער זענען מאָמענטנווייז אויך ציוניסטיש געווען געשטימט.

און ס'איז דאָך נאַטירלעך, ווייל סוף-כל-סוף זענען דער ציוניזם און דער „בונד" גאָרנישט אַזוי ווייט איינער פונם אַנדערן. זיי זענען סוף-כל-סוף נאָר די צוויי זייטן פון איין און דער זעלבער נאַציאָנאַלער יידישער מטבע.

אָבער דאָך קען קיין ספק נישט זיין, אַז די בונדיסטישע אָריענטאַציע איז געווען די מער-דאָמינירנדע אין דער נייער יידישער ליטעראַטור.

פאַרוואָס איז דאָס?

צוליב איייניקע סיבות:

ערשטנס, טאָרן מיר נישט פאַרגעסן, אַז דער רוב יידישע שרייבער, אַלטע און נייע, זענען אָריגינעל געווען משכילים. (אַסך זענען עס נאָך געבליבן.) די השכלה האָט זיי אויפגעבראַכט אויף די אַלמענטשלעכע אידעאַלן פון דער השכלה-עפּאָכע האָבן זיי נישט אינגאַנצן פאַרוואָרפן אפילו ווען זיי האָבן זיך אַנטוישט און זיי זענען נאַציאָנאַל געוואָרן.

דערפאַר איז נאַטירלעך געווען זיי זאָלן זיך נענטער שטעלן צו דער יידישער באַוועגונג, וועלכע האָט פאַרטראָטן דעם מינימום נאַציאָנאַליזם און דעם מאַקסימום אינטערנאַציאָנאַליזם אין דער יידישער גאַס.

דער „בונד" איז דאָך נישט אַזוי פאַרניינט און פּעסימיסטיש בנוגע אַ אַלמענטשלעכער צוקונפט ווי דער ציוניזם, וועלכער בויט זיך כמעט אינגאַנצן אויף פּעסימיזם און גלויבט גאָרנישט כמעט אין אַלמענטשלעכע אידעאַלן.

דאָס איז איין סיבה.

די צווייטע, פאַרוואָס דער רוב יידישע שרייבער איז נענטער געשטאַנען צום „בונד" ווי צום ציוניזם, איז די העברעישע שפּראַך.

די עקסטרעמע נאַציאָנאַליסטן אונזערע האָבן געטראַכט, אַז אומקערן זיך צו זיך און ווערן אַ פאָלק צו פעלקער גלייך איז מיט אַלע פּישטשעווקעס. יידיש איז נישט גענוג גוט פאַר אַזעלכע שטרענגע

נאַציאָנאַליסטן; דווקא דער אוראַלטער העברעיש איז נויטיק פאַר אַ נאַציאָנאַלער אויפלעבונג.

אַט דאָס איינשפאַרן זיך אויף העברעיש דווקא האָט אַסך גורם געווען דעם רוב יידישע שרייבער, וועלכע האָבן געשריבן יידיש, ווייל זייער געזונטער אינסטינקט האָט זיי דיקטירט צו שרייבן אין אַ לעבעדיקער שפּראַך, צו דערווייטערן זיך פונם ציוניזם.

ווייטער — די פון די יידישע שרייבער געוועזענע משכילים, וועלכע זענען מער ציוניסטיש געשטימט געווען, זענען זיי געוואָרן העברעישע שרייבער. מיר טאָרן אָבער אויך נישט פאַרגעסן, אַז אייניקע פון די ערשטע בונדיסטישע סאָציאַליסטישע משכילים האָבן אויך געשריבן אין העברעיש. ווי אויך, אַז אייניקע פון די באַוווּסטע העברעישע שרייבער זענען נישט קיין ציוניסטן. העברעיש איז פאַר זיי נור אַ חשובער טייל פון זייער נאַציאָנאַלער ראָמאַנטיק געווען אַט ווי למשל דער נעאָ-חסידיזם.

עס מוז אויך באַמערקט ווערן, אַז די גרענעצן צווישן די צוויי שפּראַכן זענען אָפט נישט געווען אַזוי שאַרף אָפּגעטיילט. עס זענען געווען ביי אונז שרייבער, וועלכע האָבן סינטעטיש געקוקט אויף דער שפּראַכן-פראַגע און אַזוי צו זאָגן ניוּאַנסירט, ווייכער און האַרמאָנישער געמאַכט דעם איבערגאַנג פון איין שפּראַך צו דער אַנדערער. פונקט ווי אין אונזער נאַציאָנאַלער געזעלשאַפטלעכקייט זענען געווען פאַרטייען און פאַרטייעלעך, די פ״צ, וואָזראָזשדענצעס, ס״ס א. אַז. וו., וועלכע זענען געווען ווי בריקן צווישן דעם ציוניזם און דעם „בונד״.

אָבער די וויכטיקסטע סיבה פאַרוואָס די יידישע שרייבער זענען אידעיש און אין שטימונג נענטער געווען צום „בונד״—איז דער יידישער אַרבייטער-לעזער...

ווייל מיר טאָרן נישט פאַרגעסן, אַז אַ שרייבער פאַלט נישט אַראָפּ פון הימל און אַז ער קען נישט זיין אָפּגעשיידט פון גאַס און באָדן.

די בעסערע העלפט פונם שרייבער איז דער לעזער; אָן דעם לעזער קען דער בעסטער שרייבער נישט זיין פרוכטבאַר, ווי גרויס זיין טאַלאַנט זאָל נישט זיין.

די אמתע און איבערגעגעבנסטע יידישע לעזער זענען געווען

די יידישע ארבייטער. זיי האָבן די יידישע ליטעראַטור געלעזן, גע־לערנט און געזונגען.

מיט דרייסיק יאָר צוריק לפי ערך האָבן זיך אָנגעהויבן מערן די יידישע אַרבייטער־קרייזן (בונדיסטישע ס׳רוב), ווו מען פלעגט גייסטיק לעבן מיט די שאַפונגען פון די נייע יידישע שרייבער.

אַסך פון אונז געדענקען מיט וואָס פאַר אַ התלהבות מען פלעגט אין די יידישע אַרבייטער־קרוזשאָקעס אין רוסלאַנד, אין פוילן און אין אַמעריקע פאָרלעזן פרצעס דערציילונגען, שלום־עליכמען, אַשן, רייזענען און אַלע אַנדערע יינגערע און עלטערע יידישע דיכטער. ווער פלעגט זינגען די יידישע לידער? דער יידישער אַרבייטער! ווער פלעגט לייענען און אַריינלייגן טויזנטער רעוואָלוציאָנערע כוונות אין יעדער סקיצע פרצעס? דער יידישער אַרבייטער!

אינם יידישן אַרבייטער האָט דער יידישער שרייבער געפונען זיין בעסטן און איבערגעגעבנסטן לעזער און צוהערער! און דער יידישער אַרבייטער פלעגט דאָס יידישע ביכל, דאָס יידישע וואָרט האַלטן טייער און הייליק ביז מסירת־נפש כמעט.

געוויינלעך האָבן אויך די באַלעבאַטישע ציוניסטישע לעזער גע־לעזן אַסך יידיש; אויך אויף ציוניסטישע אָוונטן פלעגט מען פאָר־לעזן יידישע שאַפונגען (באַזונדער אין די יונגע און לינקע ציוניס־טישע קרייזן), אָבער ס׳האָט דאָרטן נישט געהערשט די זעלבע אָרגאַנישקייט, די זעלבע התלהבות, וואָס אין די יידישע אַרבייטער־קרייזן.

ביי דעם ציוניסטישן באַלעבאַטישן לעזער הערשט נאָך עד־היום אַ מישמאַש פון שפּראַכן. העברעיש האָט ער ווייניק פאַרשטאַנען, רוסיש גערעדט און „זשאַרגאָן״ אין בעסטן פאַל טאָלערירט.

דער רוסיש־יידישער פאָעט פרוג איז זיי נענטער געווען אַפילו ווי ביאַליק, וועלכן זיי האָבן ס׳רוב געלייענט אין איבערזעצונג... דער באַלעבאַטישער ציוניסטישער לעזער איז אַ ליבהאָבער פון לשון, פון ליטעראַטור... ער קויפט אַ ביכל ווי אַ שקל, אָבער אַ אָרגאַנישער לעבעדיקער לעזער איז געווען דער יידישער אַרבעטער.

ס׳איז דעריבער גאָר קיין וווּנדער נישט, וואָס דער יידישער שרייבער, דער שרייבער אין יידיש, האָט זיך געקערט מער צו דער

באַוועגונג אין דער יידישער גאַס, וועלכער האָט אָממייסטן אויסגע־דריקט און איבערגעגעבן די שטימונגען און האָפענונגען פון דעם יידישן אַרבעטער — דעם בעסטן יידישן לעזער.

ס'הייסט נישט, אַז דער יידישער שרייבער האָט זיך אָראָפּגע־לאָזט צום יידישן אַרבעטער; ער האָט אין אים, אינם יידישן אַרבע־טער, דעם נויטיקן מיטשאַפער פון דער יידישער ליטעראַטור געפונען.

און איצט קומען מיר צו דער האַרבערער פראַגע: וועט דער יידישער אַרבעטער אַרויסראַטעווען די יידישע ליטעראַטור פון איר איצטיקן געפעדלעכן קריזיס? וועט דער יידישער אַרבעטער, וועלכער האָט די יידישע ליטעראַטור געהאָלפן שאַפן, אַצינד אין איר קרי־זיס זי נישט פאַרלאָזן?

נור פריער מוזן געזאָגט ווערן אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם קריזיס אין דער יידישער ליטעראַטור: וואָס איז דאָס פאַר אַ קריזיס? און וועלכע סיבות האָבן אים גורם געווען?

קיינמאָל האָבן מיר נישט געהאַט אַזויפיל גוטע שרייבער, אַזאַ צעוואַקסענע פּרעסע און אַזאַ יידישן ביכער־מאַרק ווי אַצינד — און דאָך הערשט איצט אַ טיפער יאוש צווישן די מוטיקסטע יידישע שרייבער און דיכטער. פון וואַנען נעמט זיך אָט דער פּעסימיזם? איך האָב פריער געזאָגט, אַז צוזאַמען מיטן אַנטשטיין פונם פּאָלי־טישן ציוניזם און פונם „בונד" איז אויך די יידישע ליטעראַטור גע־וואָרן אַ נאַציאָנאַלע ליטעראַטור פאַר זיך.

איצט וויל איך זאָגן, אַז דער קריזיס, וואָס די יידישע ליטע־ראַטור מאַכט אַצינד דורך, לעבן אויך אַצינד איבער די ציוניסטישע באַוועגונג און אויך דער „בונד". אין תוך גענומען לעבן זיי אַלע דריי אַצינד איבער דעם זעלבן קריזיס.

און אויך דער ציוניזם און דער „בונד" האָבן קיינמאָל נישט געהאַט אַזוי פיל גלענצנדע דערגרייכונגען צו פאַרצייכענען ווי

אצינד. און דאָך עסט אַ טיפער פעסימיזם אויף אַצינד די אויפריכ־טיקסטע ציוניסטן און בונדיסטן.

פון וואַנען שטאַמט דער פעסימיזם, וועלכער איז מבטל די אַלע דערגרייכונגען פון די דריי מעכטיקע נאַציאָנאַלע יידישע באַוועגונגען?

איך מיין, אַז דער פעסימיזם אין דער נאַציאָנאַל־יידישער גאַס (נישט קוקנדיק אויף אַלע אונזערע נאַציאָנאַלע דערגרייכונגען) איז נישט קיין איזאָלירטער. און אַז די נאַציאָנאַלע אידעע איז איצט בכלל און איבעראַל דיסקרעדיטירט. די וועלט־מלחמה, האָב איך געזאָגט, איז געווען דער אַפּאָטעאָז פון דער נאַציאָנאַלער אידעע, אָבער זי האָט אויך האָפנונגלאָז צעשמעטערט די נאַציאָנאַלע אידעע.

די וועלט־מלחמה האָט יאָקבי באַפרייט די קליינע פעלקער, אָבער די קליינע פעלקער הייבן שוין אָן זען, ווי טראַגיש און נישט ממשותדיק זייער נאַציאָנאַלע באַפרייונג איז. די בויענדע קלאַסן און שיכטן ביי אַלע פעלקער האָבן זיך אויפגעהערט באַגייסטערן מיט נאַציאָנאַלע זיגן, ווייל די נאַציאָנאַלע זיגן האָבן די מענטשהייט געבראַכט צום זעלבן שוואַרצן אָפּגרונט. צוריק מיט דרייסיק יאָר איז דער אינטעלעקטועלער אוואַנגאַרד ביי אַלע פעלקער געוואָרן נאַציאָ־נאַלער. איצט ווערט ער אינטערנאַציאָנאַלער. די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט אַרויסגערופן די מעכטיקע השכלה־באַוועגונג אין גאַנץ אייראָפּע און אויך ביי אונז יידן. איצט האָט עס אויפגעטאָן — אַרויסגערופן די רוסישע רעוואָלוציע. כאָטש איר השכלה און הומאַ־ניזם זענען ווייניקער פלאַטאָניש און מער קאָנקרעט.

דיסקרעדיטירן די נאַציאָנאַלע אידעע האָט אַ סך געהאָלפן אויך דער גוואַלדיקער וויסנשאַפטלעכער און טעכנישער פּראָגרעס פון די לעצטע יאָרן.

צוליבן אַנטוויקלטן פאַרקער איז די וועלט קלענער געוואָרן און די אינטערעסן פון פעלקער מוזן ווערן געמיינזאַמער, אינטער־נאַציאָנאַלער, אויב זיי ווילן נישט אונטערגיין.

אַלע ליטעראַטור־פאָרמען אין אַלע שפּראַכן שטייען אַצינד אפשר ערב אַ גרויסן נסיון אַדאַנק אַזעלכע דערפינדונגען ווי ראַדיאָ, קינאָ, און אַזוי ווייטער. די זענען די גרונט־סיבות פון דעם

איצטיקן קריזיס אין דער יידישער ליטעראַטור: די יידישע ליטע־ראַטור איז יונג; נאָך אַלץ אין אַ פּיאָנערן־שטופּע. און די אידעאַליס־טישע באַגייסטערונג פאַר נאַציאָנאַלע פאָרמען ווי פאַר נאַציאָנאַלער אַרבעט איז שוין אַצינד נישטאָ.

און איצט וועגן די מער דירעקטע סיבות פון דעם איצטיקן קריזיס אין דער יידישער ליטעראַטור:

די יידישע באַלעבאַטישע מאַסן זענען קיינמאָל קיין איבעריק באַגייסטערטע יידישע לעזער נישט געווען. זיי זענען צו קאָנסער־וואַטיוו דערצו. ווייטער טאָרן מיר נישט פאַרגעסן, אַז דער יידישער קליינבירגער איז פּסיכאָלאָגיש דער גינסטיקער עלעמענט פאַר דער אַזוי־גערופענער אַסימילאַציע. ער אַרבעט זיך שטענדיק אַרויף און בייטן אַ שפּראַך איז פאַר אים אַ קלייניקייט... לשון־קודש וועט מען רעדן אין ארץ־ישראל, אַז משיח וועט קומען, טראַכט ער ציניש און פּראַקטיש, אָבער דערווייל דאַרף מען מאַכן אַ לעבן אין ענגליש צי אין פּויליש...

די באַלעבאַטישע יידישע מאַסן, וועלכע האָבן זיך נאָך נישט אַרויפגעאַרבעט, נאָך נישט אויסגעגרינט, זענען דער רוב לעזער פון דער יידישער פּרעסע אין אַמעריקע און פּוילן. דערפאַר ווערט די יידישע פּרעסע אַלץ קאָנסערוואַטיווער און נישט שעפעריש.

בלייבט אַצינד די האַרבע פראַגע, צי דער יידישער אַרבעטער וועט אידעיש און מאַטעריעל קענען צו ווייטערדיקן פּראָגרעס פירן די יידישע ליטעראַטור, וועלכע האָט זיך אַזוי צעוואַקסן פאַר די לעצטע דריי צענדליק יאָר און וועלכע דאַרף אַצינד האָבן ברייטערע פּלייצעס שוין ווי אַמאָל?

די הויפּט־מעלה פונם יידישן אַרבעטער איז, וואָס ער איז פּסיכאָלאָגיש דויערהאַפטער, נישט אַזוי ווינטיק, ווי דער יידישער קליינבירגער.

אים ליגט נישט אין זינען אַזוי אַרויפאַרבעטן זיך, בייטן זיך, ווי דעם יידישן באַלעבאַס.

כאָטש דער יידישער אַרבעטער איז פּראָגרעסיווער און ראַדי־קאַלער ווי דער יידישער קלייטניק, וועט ער גיכער שיקן זיינע קינדער

אין אַ יידישער נאַציאָנאַלער שולע, און גיכער קויפן אַ יידיש ביכל לשמה.

אמת, דער יידישער אַרבעטער איז נאָך נישט דער אידעאַלער אַרבעטער. ער האָט נאָך אַסך קליינבירגערלעכס אין זיין פסיכיק און אין זיין אָנשויונג.

אָבער דאָך איז ער סטאַבילער און דויערהאַפטער, און דערפאַר קוקן יידישע שרייבער נאָך אַלץ צום יידישן אַרבעטער ווי צו אַ „לעצטע האָפענונג".

אָבער דער פּליוס האָט אויך אַ מינוס.

פּסיכאָלאָגיש איז דער יידישער אַרבעטער נישט אַזוי גיך גע־נויגט צו אַנטלויפן פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס ער האָט גע־האָלפן אויפבויען. אָבער אידעיש ווערט ער לעצטנס, ווי אַלע פּראָ־גרעסיווע עלעמענטן, אַלץ אינטערנאַציאָנאַלער.

דער „בונד" ווערט אַפילו נאַציאָנאַלער, אָבער דערפאַר עקזיסטירט אין רוסלאַנד נישט קיין „בונד". און אין דעם באַשטייט אַגב זיין זיין אינערלעכער גייסטיקער קריזיס.

איך האָב געפּרווט אַצינד אָנווייזן אויף די כוחות, וועלכע האָבן געהאָלפן אויפבויען די נייע יידישע ליטעראַטור און אַנאַליזירן די הויפּט־סיבות פון דעם איצטיקן קריזיס אין דער יידישער ליטע־ראַטור. אָבער אַ באַשטימטן ענטפער אויף דער פראַגע, צי דער יידישער אַרבעטער וועט דעם קריזיס לעזן? — קען מען נישט גיבן. און מיר דאַכט זיך, אַז דערווייל קען קיינער די פראַגע נישט פאַרענטפערן.

און הויפּטזאַכלעך דערפאַר, ווייל די גאַנצע מענטשהייט, אַלע פעלקער שטייען איצט אויף אַ טראַגישן שייד־וועג...

די אַלטע עקאָנאָמישע און אידעישע פאַקטאָרן ווירקן נאָך און די נייע געזעלשאַפטלעכע און קינסטלערישע פאָרמען האָבן זיך נאָך נישט אויסגעקריסטאַליזירט.

דאָס אַלטע און דאָס נייע קעמפן נאָך און שטייען אפשר אַצינד ערב אַ פאַטאַלן אַנטשיידנעם קאַמף.

דער גורל פון דער גאַנצער מענטשהייט און פון אַלע פעלקער געפינט זיך איצט אין אַ טראַגישער נישט-באַשטימטקייט, אין אַ ספקותדיקער טונקלקייט.

און אַלעמענס גורל איז אונזער יידישער גורל.

פאַרוואָס ס׳איז שווער צו לייענען די קלאַסיקער

לעצטנס האָט מען אויך ביי אונז, אין אונזער יונגער יידישער ליטעראַטור, אָנגעהויבן „אַרונטערצורייסן" די קלאַסיקער. פון צייט צו צייט ווערט געמאַכט אַ דרייסטע אַטאַקע אויף די פון אונזערע עלטערע שרייבער, וועלכע זײַנען שוין ביי אונז לאַנג פאַרצייכנט אַלס „גרויסע שרייבער", העכסטנס ווערן באַטראַכט אַלס די זיילן פון אונזער ליטעראַטור.

אַממייסטן האָט געליטן פון די ווי פלוצלימדיקע קריטישע איבערשאַצונגען י. ל. פרץ; און אפילו מענדעלע מוכר-ספרים, אָט דעם עלטסטן און קלאַסישסטן יידישן שרייבער, האָט מען לעצטן אויך געוואַגט אויפצוועקן מיט אַ קריטיש וואָרט פון זיין „אייביקער רו".

ס׳איז אין אַלגעמיין אַ גוטער סימן, וואָס מען האָט אויך ביי אונז אויפגעהערט מורא צו האָבן פאַר ליטעראַרישע רעפּוטאַציעס, פאַר די טראַדיציאָנעלע גרויסע נעמען.

דער איינציקער יידישער קלאַסיקער, וועלכן מען האָט דערווייל נישט געטשעפּעט, איז שלום-עליכם. פאַרקערט: זיין ווערט אַלס שרייבער איז אינעם לעצטן צענדליק יאָר ביי אונז שטאַרק געשטיגן. עס הערשט ביי אונז אפילו אַ מין שלום-עליכם-קולט. אָבער אויך אַ שלום-עליכם-רעאַקציע וועט מסתמא קומען... עס וואָלט נישט באַטירלעך געווען אַ נייער דור מיט נייע שטימונגען און ליטעראַרישע מאָסן זאָל נישט וועלן רעווידירן אויך שלום-עליכמס שאַפן.

קיין קלאַסיקער איז נישט זיכער פון חיבוט-הקבר. און אפשר

איז עס אַ גליק פאַר זיי, פאַר די קלאַסיקער, וואָס מען רייסט זיי פון צייט צו צייט אַרונטער. פיל בעסער ווי אײַנגאַנצן פאַרגעסן ווערן.

צי מען מעג אַרונטעררייסן קלאַסיקער, די באַרימטע גרויסע שרייבער און קינסטלער פון אַמאָל — דאַרף גאָר קיין פראַגע נישט זיין. אַז אָך און ווי איז אַ ליטעראַטור, וועלכע פאַרהייליקט אירע גרויסע מייסטער און לאָזט זיי נישט קריטיקירן. אַזאַ ליטעראַטור איז טויט אָדער האַלט ביים שטאַרבן.

ווען מען הייבט אָן גרויסע דיכטער פאַרהייליקן, קאַנאָניזירן, וואַקסן אויס סידורים און מחזורים — טויטע ליטעראַרישע אַנטאָלאָגיעס.

פונקט ווי אַלטע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און טראַדיציעס, דאַרפן אויך די קלאַסיקער פון צייט צו צייט רעווידירט און קריטיקירט ווערן.

ס'איז אַ געזונטע און נאָרמאַלע ערשיינונג. און ס'איז ווי געזאָגט איינע פון די פריילעכע סימפּטאָמען-ערשיינונגען אין אונזער ליטעראַטור, וואָס מען האָט לעצטנס אויפגעהערט מורא האָבן פאַר די גרויסע נעמען. ווייל ס'באַווייזט, אַז מיר לעבן און אַנטוויקלען זיך.

אָבער איך וואָלט געוואָלט אַצינד אָנווייזן אויף אַ פעלער, וואָס אונזערע קריטיקער, און אויך די קריטיקער אין אַנדערע ליטעראַטורן, מאַכן אָפט ווילנדיק און נישט ווילנדיק, ווען זיי שאַצן איבער אַ קלאַסיקער, אַ גרויסן שרייבער פון אַמאָל.

זיי פאַרלירן אָפט די פּערספּעקטיוו, זיי פאַרגעסן צו רעכענען זיך מיט דער צייט-ווייטקייט, מיט דער עפּאָכע אין וועלכער דער קריטיקירטער קלאַסיקער האָט געלעבט און געשאַפן; און זיי מעסטן דעם קלאַסיקער בלויז מיט זייער סוביעקטיוון געשמאַק, מיט די עסטעטישע אָנשויונגען פון זייער אייגענער צייט און עפּאָכע.

פאַרשטייט זיך, אַז ס'איז נאַטירלעך יעדער קריטיקער זאָל קריטיקירן, אַרויסגייענדיק פון זיין אייגענעם ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט און פון די אידעען און אַנשויונגען פון זיין צייט, אָבער ער מוז אויך אין זינען האָבן די צייט און די אַנשויונגען פון דער עפּאָכע אין וועלכער דער קריטיקירטער אַלטער מייסטער האָט געלעבט, אויב ער וויל פון אים, פון זיינע פעיקייטן געבן אַ גאַנצע און אָביעקטיווע אָפּשאַצונג.

עס ווערט אָבער אָפט אַזוי געטאָן: דער קריטישער לעזער נעמט לייענען אַ קלאַסיקער, דערזעט ער באַלד, אַז ער איז לאַנגווייליק און טויטלעך אין זיין סטיל און אין די טיפּן, וואָס ער שילדערט, פאַרהאַקט ער די טאָוולען פון בוך און שרייט אויס: „סטייטש, אונזערע זיידעס זענען געווען אייזלען, האָבן גאָר קיין געשמאַק נישט געהאַט; אָט דער און דער גרויסער קלאַסיקער זייערער האָט דאָך קוים-קוים אַ שטיקל טאַלאַנט". זייער אָפט הערן מיר לעצטנס אַזעלכע געווייטלטע טעמפּעראַמענט-פולע קריטישע אורטיילן. און פיל מער ווי אין אונזער יידישער ליטעראַטור אין די גרויסע אייראָפּעישע ליטעראַטורן.

זייער פיל פון פּרצס ווערק קען מען שוין אַצינד נישט לייענען; מענדעלע איז אפשר נאָך ווייניקער צוגעפּאַסט פאַר דעם מאָדערנעם געשמאַק... צו רעטאָריש און נאַציאָנאַליסטיש מליצהדיק זעט אַצינד אויס ביאַליק... דאָס איז אין אונזער ליטעראַרישן וועלטל.

אין די גרויסע אייראָפּעישע ליטעראַטורן זענען די קלאַסישע חורבות נאָך גרעסער און פון פיל גרעסערע שרייבער-רעפּוטאַציעס — פון די אמתע קלאַסיקער.

דאַכט זיך צוריק מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט איז דיקענס געווען איינער פון די גרעסטע שרייבער אין דער וועלט-ליטעראַטור און וויפל אינטעליגענטע ענגלענדער מוטשען זיך אַצינד מיט געוואַלד עפּעס פון אים צו לייענען.

ווער קען עס אַצינד לייענען אַ וואַלטער סקאָט-ראָמאַן, זשאָרזש עליאָטס ראָמאַנען און נאָך אַנדערע קלאַסישע נעמען, וועלכע האָבן צוריק מיט עטלעכע צענדליק יאָר פאַרנומען מיט זייער ליכט דעם

ליטעראַרישן הימל? ווי שווער איז אַצינד צו לייענען אַזאַ גרויס פּאָעטיש ווערק, ווי דער „פאַרלוירענער גן-עדן" פון מילטאָן?

און דער אייגענער ביטערער מזל איז באַפאַלן די גרויסע קלאַסיקער אין דער פראַנצויזישער, דייטשער, רוסישער און אַנדערע ליטעראַטורן.

שול-קינדער קענען נאָך לייענען די ראָמאַנען פון וויקטאָר הוגאָ; די גרויסע פראַנצויזישע רעאַליסטן-ראָמאַניסטן: פלאָבער, זאָלאַ, מאָפּאַסאַן א. א. זענען שוין צו טעמפּ פאַר אונזער עכט פאַרשאַרפטן רעאַליסטישן געשמאַק...

מיר קענען זיך נישט פאָרשטעלן ווי אַזוי און מיט וואָס די דערמאָנטע רעאַליסטן האָבן איבערגעשראָקן די באַשיידנקייט און אָנשטענדיקייט פון אונזערע עלטערן און זיידעס און אפילו אונזערע אייגענע יונגע יאָרן... סטודענטן פון ליטעראַטור לערנען אַצינד דאָס אומשטערבלעכע ווערק „פאַוסט" פון געטע. אָבער לייענען מיט פאַרגעניגן ווי מען לייענט אַ ניי ווערק מיט נייע איבערלעבונגען, לייענט מען שוין נישט „פאַוסט", ווי אַנדערע אַזעלכע גרויסע ווערק.

ניינציק פראָצענט פון די בעסערע מאָדערנע לעזער וועלן זיך שעמען מודה זיין, אַז אַפילו אַזאַ ריז ווי שעקספּיר האָט זיי שוין געלאַנגווייליקט און אַז זיי האָבן אים—ווי אַנדערע שוין גאָר גרויסע וועלט-דיכטער — געלייענט, ווייל „ס'איז נישט שיין זיי נישט צו לייענען, פון זיי נישט באַגייסטערט זיין".

איך האָב גענוג דאָכט זיך ביישפּילן געגעבן, און יעדער איינער קען צוגעבן נאָך צענדליקער ביישפּילן פון באַרימטע קלאַסיקער, וועלכע האָבן אים געלאַנגווייליקט, וועלכע ס'איז שווער צו לייענען, כאָטש ער שעמט זיך עס אָפּט אויסזאָגן, טאָמער מען וועט אויף אים זאָגן, אַז ער איז נישט גענוג אינטעליגענט און געבילדעט...

אָבער קען מען פון דעם דרינגען, אַז די גרויסע קלאַסיקער זענען גאָרנישט אַזוי גרויס, ווי מען האָט אונז געוואָלט איינרעדן אין אונזערע שולען? אַז היינטיקע שרייבער זענען גרעסערע טאַלאַנטן פון זיי?

נאַטירלעך ווערן נישט אַלע קלאַסיקער אינם לויף פון איין באַשטימטער צייט אַלט און לאַנגווייליק. אייניקע ווערן גיכער אַלט, און אַנדערע — זעלטענערע — האַלטן אויף לענגער זייער לעבעדיקע פרישקייט און אינטערעס ביי די שפּעטערע לעזער.

ביי גאָר גרויסע שרייבער, אָט די וואָס לעבן לאַנג, איז דאָס צייטווייליקע אויפן צווייטן אָדער דריטן פּלאַן אין זייערע שילדערונגען; דאָס אַלגעמיין-מענטשלעכע, דאָס אייביק-מענטשלעכע איז דער הויפּט-מאָטיוו אין זייערע ווערק. דערפאַר וואַקסן זיי איבער די גרענעצן פון עפּאָכן און לענדער. דערפאַר זאָגט מען מיט רעכט אויף די גאָר גרויסע דיכטער און קינסטלער, אַז „זיי געהערן צו אַלע צייטן און פעלקער". דערפאַר לעבן זיי לענגער ווי די קלענערע דיכטער אין וועמענס ווערק עס ווערן הויפּטזאַכלעך געשילדערט נאַציאָנאַלע און צייט-מאָטיוון, וועלכע בייטן זיך אַזוי גיך. דעם מענטשנס נאַטור און די נאַטור זעלבסט בייטן זיך זייער-זייער לאַנגזאַם; זיי זענען פּיל דויערנדער ווי די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע באַדינגונגען אין וועלכע מענטשן לעבן.

דערפאַר לעבן לענגער אַזוי צו זאָגן די אמת גרויסע קינסטלער, אָט די, וואָס האָבן געזען און געוויזן אין זייערע ווערק דאָס אייביקע, דאָס מענטשלעכסטע.

אָבער מיר טאָרן נישט פאַרגעסן, אַז אַפילו די גרעסטע קינסטלער און דיכטער זענען קינדער פון זייער צייט און אַז דאָס צייטווייליקע שפּילט דאָך אַ גרויסע ראָלע אַפילו אין זייערע מענטשלעכסטע ווערק.

אַפילו די גרעסטע קינסטלער רעדן אין דער שפּראַך פון זייער צייט און זייערע אייביקע מענטשלעכע כאַראַקטערן מוזן זיי דאָך שילדערן אין די קאָסטיומען און דעם „ביט", לעבנס-שטייגער פון זייער עפּאָכע. דערפאַר קענען אויך די גאָר גרויסע נישט אויסמיידן אַ געוויסע פאַרעלטערטקייט... אַפילו זייערע אייביקע מענטשלעכע אמתן קענען דערפאַר נישט האָבן דעם לעבעדיקן צאַפּלדיקן אָנהאַלט אויפן לעזער, וואָס אַ גרויס מאָדערן ווערק האָט.

אָבער די הויפּט-סיבה, פאַרוואָס די קלאַסיקער אינטערעסירן שוין נישט דעם רוב מאָדערנע לעזער איז, ווייל מיר האָבן זיי געלייענט נישט געלייענטערהייט, אַזוי צו זאָגן.

די גרויסע קלאַסישע ווערק זענען שוין לאַנג פאַרדייעט אפילו פון די צאָלרייכע לעזער, וואָס האָבן זייערע ווערק קיינמאָל אין די הענט נישט גענומען אַפילו.

זייערע אידעען און געשטאַלטן לעבן שוין לאַנג אין אונז אַדאַנק די דורות שרייבער און דיכטער, וואָס האָבן די קלאַסיקער געירשנט, וואָס זענען פון די קלאַסיקער באַאיינפלוסט געווען.

נאָך איידער דער נייער יידישער לעזער נעמט אין די הענט מענדעלעס ווערק, האָט ער זיי שוין „געלייענט" אַזוי צו זאָגן אין די מאָדערנע ווערק פון מענדעלעס אייניקלעך...

ווען מיר לייענען שלום-עליכמען, ווען מיר לייענען אַשן, וויסענבערגן און אַנד. יידישע שרייבער לייענען מיר שוין אינאיינ-וועגס אויך מענדעלעס ווערק, מענדעלעס אַרבעט אויף דער יידישער שפּראַך... און אָפטמאָל דעם געלייטערטן מענדעלע, זיין עסענץ געפינען מיר אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור.

וויאַזוי-זשע זאָלן מיר קענען אַצינד לייענען דעם זיידנס ווערק, ווען מען האָט שוין זיין תורה, זיין חכמה און זיין סטיל געלערנט פון די אייניקלעך.

דאָס אייגענע און מיט דער זעלבער רעכט קען געזאָגט ווערן אויף די טיילן פון פּרצעס ווערק, וועלכע זענען שוין אויס אַלט און אויסגעדראָשן...

זיי זענען „אַלט און אויסגעדראָשן", ווייל זיי זענען שוין לאַנג פאַרקערפּערט אין די שפּעטערע ווערק פון די יינגערע יידישע דיכטער.

און נאָך אמתער און שטאַרקער איז עס אָנגעמאָסטן צו די גרויסע קלאַסיקער פון דער וועלט-ליטעראַטור: ס'איז אַצינד זייער שווער צו לייענען די ווערק פון אַ דיקענס, אַ וויקטאָר הוגאָ און אַ זאָלאַ, ווייל זייער איינפלוס, זייערע אידעען און קינסטלערישע פאָרמען, זייער עסענץ האָבן מיר שוין לאַנג געפונען ביי זייערע נאָכפאָלגער...

דערפאַר איז אַצינד שווער צו לייענען אפילו אַזאַ אייביק-מענטשלעך ווערק ווי „דאָן קיכאָט": דעם גרויסן און אייביק-מענטשלעכן

כאַראַקטער האָבן הונדערטער שפּעטערע קינסטלער שוין צעלייגט אויף הונדערטער קינסטלערישע טעלערלעך. דערפאַר געפינט דער מאָדערנער לעזער שוין אַזוי ווייניק „נייעס", ווען ער נעמט דעם אָריגינאַל, ווען ער נעמט לייענען „דאָן קיכאָט" אַליין.

דערפאַר זעט אויס אַ שעקספּיר אַזוי „אַלט" און באַקאַנט, ווען אַ מאָדערנער לעזער נעמט אים דאָס ערשטע מאָל לייענען.

די מאָדערנע קולטור האָט שעקספּירן ווי אַנדערע קלאַסיקער שוין לאַנג פאַרדייעט, אויפגעגעסן. זיי לעבן שוין לאַנג אין אונז...

איר ווייסט דאָך דעם וויץ: מען האָט איינעם, וואָס האָט דאָס ערשטע מאָל געזען שעקספּירס פּיעסע אויף דער בינע, געפרעגט, ווי אים געפעלט עס? „יאָ, האָט ער געענטפערט, ער איז נישט שלעכט, אָבער ער ציטירט צופיל אַנדערע שרייבער".

ווער עס לייענט היינט דאָס ערשטע מאָל היינעס לידער, דאַכט זיך אים, אַז ער, היינע, מאַכט נאָך די מאָדערנע יידישע דיכטער...

פאַרשטייט זיך, אַז ספּעציאַליסטן — ליטעראַטור־היסטאָריקער, פאָרשער און אויך שרייבער — מוזן זיך באַקענען מיט די קלאַסיקער, לייענענדיק זייערע ווערק, ווי שווער ס'זאָל אַפילו זיי, די ספּעציאַ־ליסטן, נישט אָנקומען.

אָבער פונם גרויסן עולם לעזער קען מען עס נישט פאָדערן; און ווען מען פאָדערט עס ביי זיי, וואָלט עס אויך נישט געהאָלפן.

די קלאַסיקער זענען שוין לאַנגווייליק, אַלט; ס'איז זיי שווער צו לייענען... יאָ, אמת. אָבער נישט דערפאַר, ווייל זיי זענען נישט געווען קיין גרויסע שרייבער, נור ווייל מיר האָבן זיי געלייענט נישט לייענענדיקערהייט... ווייל די קלאַסיקער לעבן אין דער אמתן אין דער מאָדערנער ליטעראַטור, ווייל זיי זענען אָן אונזער וויסן שוין לאַנג אין אונזער בלוט און אין אונזער קולטור.

השכלה, נאַציאָנאַלע ראָמאַנטיק, פּאָרמיזם און ווידער השכלה

I

די יידישע פּלאַסטיק איז לפי ערך אַזוי יונג ווי די יידישע ליטעראַטור, און האָט אויך דורכגעמאַכט כמעט דעם זעלבן קרייז פון אידעישע און קינסטלערישע רעוואָלוציעס.

די ערשטע יידישע בילד-קינסטלער, פּונקט ווי די ערשטע יידישע וואָרט-קינסטלער, זענען געווען משכּילים. דער דראַנג זיך צו בילדן און דאָס פּאָלק צו בילדן האָט אַרויסגערופן די נייע יידישע ליטעראַטור און די יידישע פּלאַסטיק.

אַנטאָקאָלסקי איז געווען מער משכיל ווי קינסטלער. אגב, זענען די רוסישע „פּערעדוויזשניקעס" אויך געווען משכּילים. זייער קינסטלערישער אידעאַל איז געווען צו בילדן דאָס רוסישע פּאָלק, שילדערנדיק זייער לעבן, „באַלייכטנדיק זיי דורך קונסט און שיינקייט". אין די „פּערעדוויזשניקעס" האָט געלעבט דער גייסט פון די רוסישע „נאַראָדניקעס", וועלכע זענען געגאַנגען אין פּאָלק. די „פּערעדוויזשניקעס" זענען געווען בשעתּם ראַדיקאַלן, אויף וועלכע דאָס דעמאָלטיקע אָפיציעלע רוסלאַנד האָט געקוקט קרום. און אַנטאָקאָלסקי, וועלכער האָט צוזאַמען מיט רעפּינען אָנגעפירט די באַוועגונג, איז געווען אפשר דער גרעסטער משכיל צווישן זיינע רוסישע חברים-קינסטלער פון יענער צייט, ווי צווישן די אַלע יידישע פּלאַסטיקער, וועלכע האָבן זיך שפּעטער געוואָרעמט אין זיין רום.

יעדע סקולפטור, וואָס ער האָט געשאַפן, איז געווען מיט דער כוונה צו בילדן דאָס פאָלק. פאַרשטייט זיך, מיט דעם מתנגדישן סנאָביזם, מיט דער מלמדותדיקער קפדנות, מיט וועלכע ס'האָבן זיך אויסגעצייכנט די ערשטע גרויסע משכּילים.

די רוסישע „פּערעדוויזשניטשעסטוואָ" איז אָבער נישט געווען קיין ריין סלאַווישע קונסט־ריכטונג. פּונקט ווי די רוסישע נאַראָדניקעס זענען באַאיינפלוסט געוואָרן פון די אידעען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, אַזוי זענען די רוסישע „פּערעדוויזשניקעס" אומדירעקט אפשר באַאיינפלוסט געוואָרן פון דעם רעאַליזם, וועלכער האָט צו יענער צייט אַזוי רעוואָלוציאָנער זיך באַוויזן אין דער אייראָפּעישער מאָלעריי. אין פראַנקרייך – קורבע, קאָראָ, מילע. אין דייטשלאַנד – מענצעל. אין האָלאַנד – יוסף איזראַעלס. עס האָט זיך פאַרפונדעוועט אין אייראָפּע אַ האַלב־דעמאָקראַטישע בורזשואַזיע, וועלכע האָט זיך נישט געקאָנט שוין קוויקן מיט דעם אַקאַדעמישן קלאַסיציזם. דער בורזשואַ האָט געוואָלט זען פאָרטרעטירט זיך און דאָס לעבן, וואָס ער קען, – נישט די מיטאָלאָגיע, – און ס'איז אַנטשטאַנען דער רעאַליזם אין דער אייראָפּעישער קונסט.

אין פילאָזאָפיע און וויסנשאַפט – ראַציאָנאַליזם; אין קונסט – רעאַליזם. דער רעאַליזם האָט געדינט אַ פּאָפּולערערן און לעבעדיקערן געשמאַק, ווי דער פאַלשער קלאַסיציזם ביז אים. די רוסישע „פּערעדוויזשניקעס" זענען, הייסט עס, אין דער אמתן געווען מערב־לייט, „זאַפּאַדניקעס": דעם רעאַליזם האָבן זיי פון אייראָפּע איבערגעפלאַנצט אויפן רוסישן באָדן. דער אייראָפּעישער רעאַליזם איז פיל קינסטלערישער, ווערטפולער פון דער רוסישער „פּערעדוויזשניטשעסטוואָ", ווייל דער אייראָפּעישער רעאַליסט האָט געהאַט אָן עָרך גרעסערע קינסטלערישע קולטור און שולונג. אין רוסלאַנד האָט די פּלאַסטיק אין יענער צייט נאָך קיין קולטור און טראַדיציעס נישט געהאַט. דערפאַר איז אויך יוסף א י ז ר אַ ע ל ס אַסך ווערטפולער פאַר אַנטאָקאָלסקין, כאָטש זיי זענען ביידע געווען רעאַליסטן און משכּילים (נישט אינם ענגן זין פון וואָרט). יוסף איזראַעלס איז געווען אַ גרויסער פּאָעט־מאָלער; אַנטאָקאָלסקי—בלויז משכּיל און דערצו בטבע אַ טרוקענער מתנגד. זיינע סקולפּטורן זענען פּובליציסטישע מאמרים.

II

אָבער אין דער השכלה גופא זענען שוין געווען באַהאַלטן די זוימען פון דער נאַציאָנאַלער ראָמאַנטיק, וועלכע האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון דער השכלה סיי אין דער יידישער ליטעראַטור, סיי אין אונזער פּלאַסטיק. מען איז געוווינט ביי אונז צו זאָגן, אַז די נאַציאָ-נאַל-ראָמאַנטישע אידעען און באַוועגונגען זענען ביי אונז אַנטשטאַנען דערפאַר, ווייל די השכלה און די עמאַנציפּאַציע האָבן אָפּגענאַרט; מען זאָגט: די פּאָגראָמען, אַנטיסעמיטיזם א. אַז. וו. אָבער אין דער אמתן וואָלט די נאַציאָנאַלע ראָמאַנטיק אויפגעבליט אָן אָט די א ו י ס ע ר ל ע כ ע סיבות, הגם די לעצטע האָבן געהאַט זייער גרויסע ווירקונג אויך. וואָרים פון נעגאַציע קומט מען אָפט צו אידעאַליזאַציע; פון „שלא לשמה" — „לשמה": די משכילים האָבן געלאַכט, „קריטי-קירט" זייער פאָלק, דאָס פּשוטע פאָלק, ביז זיי האָבן זיך פאַרליבט אינם פאָלק.

אויך פון זיך, אָן די דערמאָנטע אויסערלעכע פאַקטאָרן, וואָלט דער איבערגאַנג פאָרגעקומען. (דער פּראָצעס איז דאָך, אגב, אויך פאָרגעקומען מיט יידיש: פון מיטל צו ציל; פון פאַראַכטונג צו ליבע.)

אַפילו ביי די משכילים אונזערע, וועלכע זענען געבליבן משכילים, באַמערקט זיך דער נאַטירלעכער איבערגאַנג. איר באַמערקט עס, למשל, ביי מענדעלען: אין זיינע ערשטע ווערק איז ער בלויז משכּיליש-סאַטיריש-קריטיש; אין זיינע לעצטערע זינגט ער — שוין אָפט — נישט-ווילנדיק... אַנטאָקאָלסקי חלומט צום סוף פון זיינע יאָרן אָן „אינקוויזיציע" צו מאָדעלירן...

אין פּרצן און אַשן דערגרייכט די נאַציאָנאַלע ראָמאַנטיק אין דער יידישער ליטעראַטור די העכסטע טענער.

אין דער יידישער פּלאַסטיק—מאָריץ גאָטליב, שמואל הירשענ-בערג, דער סקולפּטאָר גליצענשטיין, ליליען און צענדליקער אַנדערע. טעכניש געהערן די לעצטע קינסטלער אפשר צו פאַרשידענע קינסט-לערישע שולן און ריכטונגען; לויטן טעמפּעראַמענט און לויט די פעיקייטן זענען זיי אויך פאַרשידן, אָבער הצד השוה שבהם — זיי

זענען אַלע נאַציאָנאַלע ראָמאַנטיקער. די נאַציאָנאַלע ראָמאַנטיק, וועלכע האָט דאָס גאַנצע יידישע לעבן באַהערשט, האָט נישט אויס־געמיטן אַפילו די יידישע פּלאַסטיקער, וועלכע זענען צוליב פאַרשי־דענע סיבות אָפּט געבליבן אויסער אונזער נאַציאָנאַלן תּחום. זיי האָבן עס געמוזט טאָן, ווייל גאַנץ אייראָפּע איז שוין געווען נאַציאָנאַ־ליסטיש. און דער צייט־גייסט רעדט פון זייערע ווערק. ווילנדיק, נישט־ווילנדיק — יידיש, יידישע טעמעס. דעם יידישן עפּאָס, דעם יידישן צער און די יידישע האָפענונגען האָבן זיי באַזונגען.

איינער בעסער, איינער ערגער. איינער קינסטלערישער, דער אַנדערער — אילוסטראַטיווער. קרבנות פונם צייט־גייסט אָדער זיינע באַהערשער. אַ פאַקט אָבער איז, אַז אויפן געביט פון בילדנדיקער קונסט האָבן זיי געשאַפן אַ באַזונדערן סטיל, אַריינגעטראָגן באַזונדערע ניואַנסן און — ווי זאָגט מען עס — געשאַפן אַן „עפּאָכע".

III

דערנאָך זענען געקומען די פאָרמיסטן. מיטן נאָמען פאָרמיסטן וועל איך זיך דערלויבן פון באַקוועמלעכקייט וועגן אָנרופן די אַלע קינסטלער, וועלכע האָבן קיין שום טענדענצן נישט געהאַט אַחוץ די אַזוי גערופענע „ריין־קינסטלערישע", אָנהייבנדיק פונם דעקאַדענטישן, ווײַלדערישן עסטעטיזם און געזונטערן פראַנצויזישן אימפּרעסיאָניזם און ענדיקנדיק מיטן פוטוריזם, עקספּרעסיאָניזם א. אַז. וו.

אַט די אַלע ריין־קינסטלערישע שולן און ריכטונגען קאָן מען באַצייכענען מיטן באַגריף פ אָ ר מ י ז ם. קונסט לשם קונסט; פאָרם לשם פאָרם. דאָס זענען געווען די לאָזונגען, וואָס האָבן געהערשט צווישן די יינגערע יידישע קינסטלער און דיכטער אין די לעצטע פופצן יאָר. אָנגעהויבן,—מער באַוווסטזיניק ווי ערגעץ אַנדערש, דאַכט זיך, — האָט זיך דער פאָרמיזם אין אונזער ליטעראַטור אין אַמעריקע,

ווען די דעמאָלסטיקע „יונגע" האָבן זיך גענומען גרופּירן אַרום זייערע ערשטע זאַמלביכער.

געוויינלעך, האָבן זיך אַסך פון זיי דעמאָלט — און נאָך איצט — נישט באַפרייט פון דער שוין אַלט ווערנדיקער נאַציאָנאַלער ראָמאַנטיק. אָבער דער עיקר האָבן זיי געזוכט און געהיטן די פאָרם. און דאָס אייגענע איז געשען אין די אַנדערע יידישע ליטעראַרישע צענטערן. דער יידישער שרייבער איז געוואָרן — דער יידישער קינסטלער. און אַסך אמתע מייסטער־ווערק זענען געשאַפן געוואָרן אין דער יידישער ליטעראַטור אין דעם לעצטן פּאָרמיסטישן פּעריאָד. קינסטלעריש געשולט איז דער יידישער שרייבער קיינמאָל נישט געווען אַזוי ווי לעצטנס. אַזעלכע פאָרם־פולקומענע דערציילונגען און לידער, ווי אונזערע פּאָרמיסטן שרייבן, האָבן אונזערע קלאַסיקער נישט געקאָנט. אָבער דאָס איז דרך אגב.

אָבער נאָך פיל גרעסער אין צאָל (און אין איכות?) זענען אונזערע פּלאַסטיקער־פּאָרמיסטן, צו וועלכער שול אָדער ריכטונג זיי זאָלן נישט געהערן.

נישט רעדנדיק שוין פון די פּאָר גלאַנצנדיקע און באמת גרויסע אימפּרעסיאָניסטן, וואָס מיר האָבן (די אימפּרעסיאָניסטישע איז דאָך געווען די ערשטע „ריין־קינסטלערישע" שול אין דער קונסט פון די מאָדערנע צייטן), ווי דער פראַנצויזישער ייד קאַמעל פּיסאַראָ און דער דייטשער ייד מאַקס ליבערמאַן, שווימלען דאָך ממש די גרויסע צענטערן פון אייראָפּע און אַמעריקע מיט צענדליקער יידן־קינסטלער (אַ טייל פון זיי זענען אַקטיוו אויך צווישן יידן), וועמענס קינסטלערישע קולטור איז באמת הויך און וועלכע באַצירן מיט זייערע ווערק די בעסטע פון די אייראָפּעישע קונסט־אויסשטעלונגען.

ס'איז אפשר איצט אויפן אָרט צו דערמאנען נאָכאַמאָל דעם חוב, וואָס די יידישע וועלט איז זיך אַליין שולדיק, זיך צו באַקענען אַביסל כאָטש נעענטער מיט אונזער אייגענעם דור יידישע פּלאַסטיקער, וועלכער געפינט זיך אין די אַוואַנגאַרד־רייען פון דער מאָדערנער קונסט. מיר ווייסן אַפילו נישט זייער צאָל. און ס'איז שווער זיך אַפילו משער צו זיין די געוואַלטיק גרויסע סומע פאָלקס־ענערגיע און גרויסע קינסטלערישע קולטור, וואָס וואַלט זיך פאַר אונז

באַוויזן, ווען מיר וואָלטן דורך אַ נס געקאָנט צוזאַמענגעמען די ווערק פון די צענדליקער אַלטמאַנס, קיסלינגס און עפשטיינס אין איין מוזעום אָדער אויף איין קאָלעקטיווער אויסשטעלונג.

IV

די לעצטע פּאָר צענדליק יאָר זענען די אינטערעסאַנטסטע אפשר אין דער קונסט־געשיכטע בכלל. צי די נייע פאָרמען, וואָס מען האָט געזוכט, זענען געפונען געוואָרן, צי נישט — אָבער קיינמאָל נאָך אין דער געשיכטע האָט דער קינסטלער אַזויפיל נישט עקספּערימענטירט און געלערנט, און דער נייער דור יידישע פּלאַסטיקער האָט דורכגעמאַכט די אַלע עקספּערימענטן.

וואָס־זשע ווייטער? — דערווייל זעט אויס, ווי די אייראָפּעישע קונסט איז מיד געוואָרן פון זוכן און עקספּערימענטירן. איז דאָס פּשוט מידקייט? איז דאָס אַ צייטווייליקער, מאָמענטאַלער שטילשטאַנד? אָדער איז עס אפשר אַן אַנטוישונג: דאָס לעבן לאָזט אויף זיך נישט אַרויפצווינגען קיין טעאָרעטישע נייע קונסט־פאָרמולעס.

וואַקסן נייע קונסט־אויסדריקן, וועלכע וועלן פאַרבייטן די אַלטע, ווי, למשל, דער קינעמאַטאָגראַף? אָדער זענען גערעכט די נביאים, וועלכע זאָגן פאָראויס, אַז גאָר אינגיכן וועט די וויסנשאַפט אינגאַנצן אַרויסשטויסן די קונסטן און דער דיכטער וועט שרייבן „לידער” וועגן כעמישע שטאָפן און פאָרמולעס אָדער בויען הענגענדיקע בריקן? ווי עס זאָל נישט זיין — אַ שטילשטאַנד איז געקומען. דאָס נייע לעבן איז נאָך נישטאָ; דאָס אַלטע איז נאָך דאָ. רוען זיך דערווייל פּיקאַסאָ און זיין חברייא אויפן קלאַסיציזם,—אויף ענגערס, וועלכן מען האָט צוריק מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר געוואָלט פאַר־ברענען פון שנאה.

צוריק? האָט זיך דער עוואָלוציע־קרייז געענדיקט, באַגעגנדיק זיך מיטן אָנפאַנג?..

נאָר אין נייער לאָזונג הערט זיך יאָ. פון רוסלאַנד. פון אייביק ווידערשפעניקן רוסלאַנד. „פּראָלעט-קולט". דאָס הייסט: צוריק צום פאָלק. צו די האָרעפּאַשניקעס. און מען וויל, הייסט עס, ווידער השכלה. פּראָלעטאַרישע השכלה. קלאַסן-באַוווסטע השכלה. נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע איז געקומען אַ בורזשואַז-פּלאַטאָנישע השכלה; איצט, נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע — אַ קלאַסן-באַוווסטע פּראָלעט-השכלה...

וועט איירָאָפּע פאָלגן רוסלאַנד, ווי רוסלאַנד האָט אַמאָל גע-פאָלגט איירָאָפּע? דאָס וועט מען זען. נאָר אין דער יידישער ליטע-ראַטור און קונסט האָט דער נייער לאָזונג געפונען, דאַכט זיך, שוין אַ לעבעדיקן אָפּקלאַנג.

דעם חדר געענדיקט! און די געטשקע: „ריינע קונסט, אַבסאָ-לוטע פאָרמען" איז מען שוין, דאַכט זיך, גרייט צו צעברעכן. דינען, דינען די מאַסן! מען מעג! מען מעג! מען מעג שוין אפילו זיין — ליטעראַריש. אָט איז ש אַ ג אַ ל ליטעראַריש, פאָלקסטימלעך און דער-ציילעריש, און איז אַ גרויסער קינסטלער! אָט איז ש ל ו ם - ע ל י כ ם ליטעראַריש, פאָלקסטימלעך און דערציילעריש און איז דער גרעסטער. זענען ד אָ מ י ע, ג אָ י אַ און ג ר ע ק אָ נישט געווען ליטעראַריש?

דינען! דער אמתער קינסטלער ווינט נישט אויפן פּאַרנאַס, נאָר אינם שוואַרצאַפּל פונם לעבן. מען מוז זיין געקניפּט צו מאַסע און צו באָדן, פונוואַנען מען וואַקסט. אָפּגעריסענערהייט וואַקסט מען נישט, נאָר מען וויאַנעט אין אַ בורזשואַזער סאַלאָן-וואַזע.

די נאַציאָנאַלע ראָמאַנטיק, וועלכע האָט באַנקראָטירט בכלל, איז געקומען צו שפּעט און אָן מאַכט צו אונז. די אַלטע בורזשואַזע השכלה האָט נישט געטויגט. אפשר וועט די נייע פּראָלעט-השכלה אין דער קונסט צו עפּעס ברענגען? עס זאָל נאָר נישט געשען אויפן חשבון פון אונזער אייגנאַרטיקייט.

פון השכלה האָט זיך עס אָנגעהויבן. צו השכלה קערט זיך עס אום צוריק. צו פּראָלעט-השכלה...

די ראָד האָט זיך פאַרקייַלעכיקט.

פינף פסעוודאָנימען

דאַכט זיך, וואָס איז אַ נאָמען? מענטשן און זייערע ווערק זענען דאָך דער עיקר. און פאָרט קליידט יעדן מענטשן זיין נאָמען. נאָך מער ווי דער מלבוש דעם גוף, די הענטשקע דער האַנט. נור מענטשן, וואָס איר קענט נישט, אַרט אייך נישט, ווי זיי הייסן. זייערע נעמען וועלן אייך נישט איבעראַשן, ווייל נאָר, ווען איר דערקענט אַ מענטש, הויבט אָן זיין אינדיווידועלער נאָמען צו לעבן מיט אים צוזאַמען, כמעט ווי אַ באַשערטע זאַך.

און באַזונדער לעבעדיק און אינדיווידועל כאַראַקטעריסטיש זענען די נעמען פון קינסטלער און דער עיקר וואָרט-קינסטלער. ס׳זענען פאַראַן מזלדיקע און שלימזלדיקע נעמען. נעמען פשוטע, נעמען, וואָס כאַפּן דאָס אויער, דאָס אויג פון דעם לעזער, און נעמען, וואָס די שרייבער, די קינסטלער, וואָס טראָגן זיי — דאַרפן מער האָרעווען, זייערע נעמען זאָלן ווערן אַזוי צו זאָגן גילטיק און האַרמאָניש מיט זייער איך.

איך בין זיכער, אַז יעדער קען אָנווייזן צוויי גלייכע שרייבער מיט גלייכע טאַלאַנטן, וואָס איינער פון זיי איז ערפאָלגרייכער נאָר צוליב דעם, ווייל זיין נאָמען איז ווייכער, קלינגענדיקער, אָנגענעמענער.

אָט נעמט אונזער לייוויק און מ. ל. האַלפּערן צום ביישפּיל. ביידע הייסן אינדעראמתן האַלפּערן, און לייוויק האָט זיך אַ נאָמען געגעבן „לייוויק״, נאָר ווייל צוויי „שטערן״ קענען נישט טראָגן דעם

זעלבן נאָמען. און שוין דער שיינער, קיל־אָנגענעמער קלאַנג „רייוויק״ איז דער מער פאָפולערער נאָמען געוואָרן...

אָדער אפשר דאַכט עס זיך אונז נור אַזוי.

נאָר נאַטירלעך איז, קינסטלער און שרייבער זאָלן כמעט איבערגלויביק זיין בנוגע נעמען.

ס'זענען פאַראַן שרייבער, קינסטלער, וואָס זייערע נעמען גרייצן (פאַנעטיש) כאָטש זיי און זייערע ווערק זענען שטילע, רויקע און אפילו בנעימותדיקע. מיר זעען אָפט, ווי אַ שרייבער, אַ קינסטלער מוז האָרעוועען שווערער פאַר אַנדערע, נאָר ווייל ער מוז אַרויסראַטע־ווען זיין נאָמען, דעם קלאַנג אָדער די צופעליקע באַדייטונג פון זיין נאָמען פון עפּעס אַ חשד: ער איז מתקן זיין נאָמען פון אַ זינד פון דורות אָדער אומגעבונג.

און ווי ראַציאָנאַליסטיש און קריטיש מיר זאָלן נישט טראַכטן, קענען מיר פאַרשטיין די אומזיסטע און ווי נאַיווע קאָפּברעכענישן אין קינסטלער־קרייזן און הינטער די קוליסן, ווען מען וויל אַ נאָמען געבן אָדער משנה שם זיין אַ יונגן קינסטלער, וואָס ער דאַרף דאָס ערשטע מאָל אַרויסטרעטן פאַרן גרויסן עולם.

ווייל דער גרויסער עולם, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס מען וויל אונז איינרעדן דאָס פאַרקערטע, איז אָפט זייער ראַפינירט, און צוליב אַ ניואַנס — אַ גוטן אָדער אַ שלעכטן — וועט ער איין קינסטלער גיכער אָננעמען פונעם צווייטן.

דאַכט זיך, וואָס איז אַ נאָמען?

באַזונדערס אָבער אינטערעסאַנט איז פאַר אונז אַצינד דער גורל און דאָס אַנטשטיין פון פסעוודאָנימען. נו טאַקע דערפאַר, ווייל די וואָרט־קינסטלער זענען אַזוי עמפינדלעך און „איבערגלויביק״ בנוגע זייערע נעמען און נעמען בכלל, איז אין יעדער ליטעראַטור אַזאַ גערעטעניש אויף פסעוודאָנימען און באַרימטע פסעוודאָנימען אויך.

אַ טייל שרייבער קלויבן זיך אויס פּסעוודאָנימען, ווייל זיי רעוואָלטירן געגן זייערע, געירשנטע פון דורות, גרויע נעמען, אַנדערע קלויבן זיך פּסעוודאָנימען, ווייל זיי שיצן זייערע אייגענע נעמען, ווייל זיי זענען נישט זיכער מיט זייער ערפאָלג און זיי ווילן מיט אַ מעגלעכן דורכפאַל נישט פאַרפלעקן די פאַמיליע-נעמען, מיט וועלכע זיי זענען שטאָלץ.

(ס'קען טאַקע, אגב, ווונדערן, פאַרוואָס אַזאַ שטאָלצער אַריסטאָקראַט ווי טאָלסטאָי האָט נישט אָנגעהויבן צו שרייבן אונטער אַ פּסעוודאָנים. ער האָט זיך דאָך, ווי ס'איז באַקאַנט, געשעמט מיטן ליטעראַרישן פאַך. האָט ער עס געטון דערפאַר, ווייל ער האָט געוווּסט, אַז ער וועט ווערן אַ „גענעראַל פון ליטעראַטור"?)

פאַראַן שרייבער און קינסטלער, וואָס באַהאַלטן זיך אונטער זייערע פּסעוודאָנימען ווי אונטער „שפּאַנישע ווענטלעך" מיט אַ גרינגן געוויסן, דאָרט אָפּצוטאָן פאַרשידענע שטיקלעך. אַנדערע קלויבן אויס נעמען, ווייל זיי זענען שיין, אימפּאָזאַנט, קלינגענדיק. און אַסך פּסעוודאָנימען זענען געבוירן געוואָרן פון סתם צופאַלן אָדער קאַפּריזע איינפאַלן, נאָר די אינטערעסאַנטסטע פּסעוודאָנימען זענען, דאַכט מיר, די, וועלכע זענען אויסגעקליבן געוואָרן פון זייערע שרייבער, ווייל זיי האָבן מיט די נעמען געוואָלט — אפשר מער אינסטינקטיוו — אויסדריקן זייער מהות, דעם תמצית פון זייער שאַפן און פון זייערע פּערזענלעכקייטן. אַזעלכע גליקלעך-צוגעמאָסטענע און צוגעטראָפענע פּסעוודאָנימען זענען אין דעם נייעם מאָדערנעם יידישן שאַפן פאַראַן פינף: מענדעלע מוכר-ספרים, אחד-העם, שלום-עליכם, יהואש און משה נאַדיר.

און רעדן וויל איך איצט נאָר פון זייערע נעמען, נאָר פון די פינף פּסעוודאָנימען, זייער קלאַנג און די פּסיכיק פון זייער קלאַנג.

1. מענדעלע מוכר-ספרים

אונזער זיידע שלום-יעקב אַבראַמאָוויטש האָט מיט זיין אויסגעקליבענעם פּסעוודאָנים נישט געוואָלט זיך, זיין מהות, זיין כאַראַקטער

אין זיין ווערט פּאָזיטיוו אַנטפּלעקן; פאַרקערט, ער האָט זיך אונטער דעם פּסעוודאָנים געוואָלט באַהאַלטן. און אין זיין באַהאַלטנקייט האָט ער זיך אַנטפּלעקט, אַרויסגעוויזן. „במחתרת ימצא הקינסטלער"—וואָלט אפשר דער זיידע געזאָגט אויף זיין שטייגער.

קיינער פון די יידישע שרייבער — ביז די לעצטע — האָט אַזוי נישט פיינט געהאַט די יידישע געטאָ ווי אונזער שטאָלצער זיידע מענדעלע מוכר-ספרים. הערט, ווי שטאָלץ און קאַלט עס קלינגט דער נאָמען שלום-יעקב אַבראַמאָוויטש: שלאַנק, הויך, מיט אַ געהויבענעם קאָפּ און די נאָזלעכער בלאָזן זיך.

שלום-יעקב אַבראַמאָוויטש אַליין וואָלט נישט געוואָרן אַ יידישער שרייבער (אַפילו נישט קיין העברעישער). שלום-יעקב אַבראַמאָוויטש וואָלט אפשר געוואָרן אַ פּעטערבורגער אַדוואָקאַט, און אפשר אַפילו אַ פּראָקוראָר מיט מעדאַלן און וואָלט זייער זעלטן אַפילו געוואָלט פאַרטיידיקן זיינע אַמאָליקע „טונעיאַדעווקער"-לאַנדסלייט, פון וועלכע שלום-יעקב אַבראַמאָוויטש האָט געוואָלט אַנטלויפן, געדענקענדיק די מיאוסע (דער עיקר מיאוסע) צרות, וואָס ער האָט פון זיי און מיט זיי געהאַט אין דער יוגנט.

אין ערגסטן פאַל וואָלט שלום-יעקב אַבראַמאָוויטש געוואָרן אַ רוסישער שרייבער אַזוי ווי זיין פריינט מאַרגאָליס.

אָבער דער יידישער קינסטלער האָט גובר געווען און שלום-יעקב אַבראַמאָוויטש איז, במחילה, אַריינגעקראָכן אין דער בויד און האָט זיך פאַרשטעלט פאַר מענדעלע מוכר-ספרים. דער קינסטלער האָט גובר געווען דעם איך, דעם מענטשן, און געהאָלפן דערצו האָט אויך דער משכילישער ליבעראַליזם פון יענער צייט... שלום-יעקב אַבראַמאָוויטש איז געוואָרן מענדעלע מוכר-ספרים: מענדעלע מוכר-ספרים איז געוואָרן דער זיידע פון דער יידישער ליטעראַטור און שלום-יעקב אַבראַמאָוויטש האָט זיך אפשר געשעמט זיינע קינדער זאָלן לייענען זיינע יידישע ווערק.

מענדעלע מוכר-ספרים איז מיטן גוף נישט געווען אין דער יידישער ליטעראַטור. שלום-יעקב אַבראַמאָוויטש איז געבליבן ערגעץ אין פּעטערבורג (אַפילו נישט אין אָדעס) און ווען דער קינסטלער האָט אים אַ שלעפּ געטאָן אויף זיינע נסיעות, האָט זיך שלום-יעקב

מיט אַלע פּיטשעווקעס געמוזט פאַרשטעלן פאַר אַ מענדעלע מוכר-ספרים.

שלום-יעקב אַבראַמאָוויטש האָט געשפּילט דעם מענדעלע מוכר-ספרים, דעם יידישן פאָלקס-שרייבער, אָבער געשפּילט ווי אַן ערשט-קלאַסיקער קינסטלער. שיער נישט צו דערקענען, אַז אַן אַבראַמאָ-וויטש איז נאָך דאָ אין אים... מענדעלע זיצט אויף דער קעלניע און רעדט אַזוי האַרציק, דאַכט זיך, שילדערט און מאָלט אַזוי ליבלעך, דאַכט זיך... אָבער דער קאַלטער אַסימיליאַטאָרישער מתנגדישער סנאָב בורטשעט אונטער גאַווהדיק: זיי זענען פּאַסקודניאַקעס, דיינע יידעלעך... כ'וייס נישט, וואָס דו האָסט מיט זיי צו טאָן... און וואָס דו צווינגסט מיך אַראָפּ צו זיי... דו מיינסט נאָר, אַז דו האָסט זיי ליב, דו האָסט נאָר רחמנות אויף זיי.

דאָס איז אונז מגלה אַבראַמאָוויטשעס פּסעוודאָנים: מענדעלע מוכר-ספרים. און אין דעם פּסעוודאָנים וואָלט אונז געווען שווערער צו פאַרשטיין אַבראַמאָוויטשן — דעם „ברוגז-ליבלעכן" זיידן פון דער יידישער ליטעראַטור. דער קריטיקער דאַרף אים דאַנקבאַר זיין פאַר דעם פּסעוודאָנים.

2. אחד-העם

אַ קלאַסישער פּסעוודאָנים אין דער נייער העברעישער ליטע-ראַטור איז אחד-העם. (אחד-העמס, הגם נישט דירעקטע, השפּעה אויף אונזער יידישער ליטעראַטור איז גענוג גרויס, מען זאָל זיך דאַרפן מתנצל זיין, פאַרוואָס מען שרייבט וועגן אים אַ יידיש-ליטע-ראַרישן עסיי.)

מען האָט אַסך מאָל שוין איבערגעחזרט די חכמה: ער האָט אָנגעהויבן צו שרייבן ווי „איינער פון פאָלק" און ער איז געוואָרן „איינער אין פאָלק".

אָבער נישט דער צופאַל איז דער עיקר אין דעם פּסעוודאָנים „אחד-העם". די אמתע גרויסקייט פון דעם נאָמען „אחד-העם" איז

זיין פשוטקייט, שיינקייט און קלאָרקייט. שוין דער פסעוודאָנים „אחד-העם" אַליין שמעקט מיטן געזונטן, קלאָרן סטיל פון אַ קלאָרן, לאָגישן אייראָפּעישן מוח.

אונז גייט אַצינד נישט אָן דער אַזוי-גערופענער „אחד-העמיזם"; אויך נישט אחד-העמס נאַציאָנאַליזם. מיר רעדן אַצינד פון זיין נאָמען, וואָס אַנטפּלעקט דעם שריפטשטעלער-פאַכמאַן.

נאָר אַ מענטש, וואָס איז געוואָרן דער בעסטער פּובליציסט אין אונזערע ביידע נייע ליטעראַטורן, האָט געקענט אויסקלויבן אַזאַ ניכטער-שיינעם און פּיסנע סטיליסטישן פסעוודאָנים ווי — אחד-העם.

נישט זיין תורה איז גרויס, נאָר זיין שרייבן. צוליב דעם אחד-העמיזם האָט מען נישט געגוג אָפּגעשאַצט אפילו אין דער העברעישער ליטעראַטור אָט דעם מייסטער פון פּראָזע.

אַפילו דער גרויסער קעמפער מיט מליצה, דוד פרישמאַן, האָט נישט געקענט אָנשרייבן אַזאַ קלאָרן, נישט-מליצהדיקן אַרטיקל, ווי אחד-העם האָט געקענט.

מליצות, עפעקטן און עפעקטירטע שיינע ווערטלעך—דאָס זענען די גרעסטע שטרויכלונגען פאַר שרייבער און קינסטלער. און זעלטן ווען אַפילו גרויסע שרייבער קענען שטענדיק בייקומען די דאָזיקע נסיונות... די קינסטלערישע תאווה צו וואַרפן אַ שפּיל-וואָרט, אַ עפעקטל, אַ שיינעם שטריך איז אַזוי גרויס, אַז אפילו אמתע, גאָט-געבענטשטע קינסטלער קענען זי נישט גובר זיין.

אחד-העם האָט, מער ווי וועלכער ס'איז אַנדערער העברעישער צי יידישער שרייבער, די דאָזיקע תאווה גובר געווען. אַן אמתער כובש את יצרו.

ער איז דער מוסטער-פּובליציסט אונזערער: קלאָר און פשוט האָט ער געשריבן און זייער אָפט איבער פּראַגעס, וואָס וועגן זיי איז אַזוי שווער צו זיין נישט סענטימענטאַל און נישט אַפעקטירט.

אחד-העם האָט גערעדט און געשריבן ווי אַ סינטעטישער אחד-העם. ער איז געווען אַ גרויסער סטיליסט, ווייל ער האָט זיך געקענט אַזוי גוט אויסהיטן פון איבעריקע און פאַלש-בלישטשענדיקע ווערטער.

נישט לשם דעמאָקראַטיע האָט ער אויסגעקליבן דעם נאָמען

„איינער פון פאָלק״ (ער איז דאָך אויך נישט געווען קיין דעמאָ־קראַט), נאָר ווייל ער האָט געהאַט אַ געזונטן געשמאַק און ער האָט געהאַט די מעלה פון אמתע שרייבער: צו שרייבן און זאָגן נאָר דאָס, וואָס זיי מיינען און גלויבן. און ער האָט אויך פיינט געהאַט די ספּעציעלע פּאַטראָנוועס פאַרן מענטשלעכן גומען.

„איינער פון פאָלק״ — אויף יידיש — קלינגט פּרעטענציעזער ווי „אחד־העם״ אויף העברעיש. דער נגידישער יונגער רוסיש־יידישער משכיל איז שוין געווען אַן איינראָפּעער, ווען ער איז געווען דער חשובער איידעם אויף קעסט. ער האָט שוין דעמאָלט פון דער ענגלי־שער און דייטשישער ליטעראַטור געלערנט זיך סטיל. און ער האָט אונטערגעשריבן דעם אמת אונטער זיין ערשטן מאמר: אחד־העם.

און כאָטש מיר זענען געווינט וועגן אחד־העמען צו רעדן און טראַכטן ווי וועגן אַ פּראָפעסאָר פון אַ באַזונדערער נאַציאָנאַלער טעאָריע און ווי וועגן אַ עקסטרעמען נאַציאָנאַליסט, איז אָבער אחד־העם אַלס שריפטשטעלער געווען בלויז אייראָפּעער. דער איירא־פּעישסטער פּובליציסט אונזערער. ער האָט געוווּסט, וואָס אַ זאַץ איז, ער האָט דרך־ארץ געהאַט פאַר אַ וואָרט.

ער איז צו היגיעניש געווען פאַר מליצות און פאַר לירישע אויסגיסעכצן.

און טאַקע ווייל ער האָט אַזוי פאַרשטאַנען, וואָס אַ וואָרט איז און וואָס שרייבן איז, האָט ער געהאַט אַזאַ קילע, כמעט עסטעטישע איראָניע פאַר די פּראָפעסיאָנעלע קנאַקנדיקע שרייבער און איז גע־בליבן ביזן לעצטן טאָג — אחד־העם.

מיט דעם פאַלשן נאָמען „שרייבער״ האָט ער זיך געמיאוסט און מיט דעם אמת גרויסן נאָמען שרייבער האָט ער זיך פון גרויס דרך־ארץ פאַר דער קונסט פון שרייבן זיך אפשר געשעמט אָנצורופן.

און ער איז געבליבן אחד־העם.

3. שלום-עליכם

דער גליקלעכסטער און צוגעטראָפּנסטער פּסעוודאָנים אין אונ־זער ליטעראַטור (און אפשר אין אַלע ליטעראַטורן) איז: שלום-עליכם.

שלום-עליכם... איז שלום-עליכם. דער גאַנצער מהות פון דעם גרויסן יידישן הומאָריסט איז אַנטפּלעקט אין זיין נאָמען. וואָס פאַר אַ סאָרט הומאָר איז געווען שלום-עליכמס? דער ענטפער איז: אַ שלום־עליכמדיקער הומאָר. אַ פרידן-צו-אייך-הומאָר. נישט געביסן, נישט געריסן, מיט פרידן צו אונז, צו אייך אַלעמען האָט ער געלאַכט פון אונז און פון אייך אַלעמען.

און האָט ער אַמאָל געלאָזט אַ טרער, איז דאָס געווען נישט קיין ביטערע טרער און נישט צו געזאַלצענע, נאָר אַ פרידן-צו־אייך-טרער.

און האָט ער זיך אַמאָל צערעדט, צעלייגט און אפילו פאַרפלאָפּלט איז, אסור, אויב ס'האָט וועמען געשאַדט (אפילו דער הייליקער קונסט נישט); ס'איז געווען שלום-עליכמדיק.

איבער שלום-עליכמען קען מען אָנשרייבן די בעסטע און קורצסטע קריטישע אָפּהאַנדלונג. אַ קריטישער אַנאַליז פון שלום־עליכמען אין שלושה דברים — צוויי ווערטער:

„שלום-עליכם איז געווען שלום-עליכם".

אַ קינד וואָלט געקענט אָנשרייבן אַ קריטיק וועגן שלום-עליכמען. און מיר דאַכט זיך, אַז ס'וואָלט געווען די בעסטע קריטיק, וואָס איז ביי אונז געשריבן געוואָרן וועגן שלום-עליכמען.

אַזוי איז ער געקומען צו אונז מיט זיין ברייטן, פיינעם פריי־לעכן שלום-עליכם. זיך אונטערגעחתמעט, זיך פאַרגעשטעלט: שלום־עליכם. ער האָט אונז געדרייט ביים קנעפּל, געשנעלט אין דער נאָז, אָפּגעחוזקט פון אונז און אונז אָפּגעמשלט ווי קיין אַנדערער אפשר...

און נישט אַוועק פון אונז אָן אַ זיי געזונט.

מיט פרידן געקומען, אין פרידן אַוועק. און געבליבן איז מיט שלום-עליכם.

4. יהואש

כ׳ווייס נישט, — און ס׳איז דאַכט זיך איבערהויפּט נאָך נישט באַקאַנט — צי יהואש, ווען ער האָט אָנגעהויבן שרייבן און זיך דאָס ערשטע מאָל אונטערגעחתמעט יהואש, האָט שוין געוווּסט אָדער גע־פּלאַנעוועט אפילו אַמאָל איבערצוזעצן דעם תנ״ך. נאָר אויב אַפילו נישט, האָט עס אים אָפּגעגאָלטן און ער האָט צוגעטראָפן מיטן אויס־וואַל פון זיין פּסעוודאָנים. שוין דער נאָמען אַליין יהואש שמעקט מיט אַ קלאַסישער תנ״ך־איבערזעצונג אויף יידיש.

קען אַמאָל נישט זיין, אַז דער נאָמען יהואש אַליין, וואָס ער האָט זיך אויסגעקליבן, האָט אים געצוווּנגען דערצו, געפירט ווי אַ מין שם־המפורש צו זיין גרויסער אונטערנעמונג?

יאָ, יאָ, וואָס איז אַ נאָמען? אָבער דאַכט זיך נישט אָפּט עפּעס מיסטישס אין אַ נאָמען? עס שמעקט מיט דעם נישט שיינעם וואָרט „שיקזאַל״.

מיט אַזאַ נאָמען ווי יהואש קען מען נישט אויסלעבן די נישט־לאַנגע יאָרן און שרייבן בלויז יידישע לידער; מיט אַזאַ נאָמען ווי יהואש קען מען נישט אַריינפאַלן אין דער אַמעריקאַנער יידישער פּרעסע, ווי ס׳איז געשען מיט אַנדערע יידישע דיכטער אין אַמע־ריקע.

מיט אַזאַ נאָמען ווי יהואש מוז מען קומען צו אַ סאָליד־אַקאַ־דעמישער, הייליקער כמעט, אַרבעט, ווי יהואשס תנ״ך־איבערזעצונג.

יהואש איז אַ נאָמען, וואָס דערמאָנט אין אַן אַלטער זילבער־נער עטרה. מיט אַזעלכע נעמען ווי יהואש זענען אין מיטלאַלטער געלערנטע פּאַרזעסן געוואָרן אין די סכאָלאַסטישע קלויסטערס אָדער אויף די ספרי־קבלה אין אַלטע שולן פּירושים געבויט...

און אַזאַ פּסעוודאָנים, אַזאַ נאָמען ווי יהואש מוז לאַנג לעבן. לענגער אפשר ווי באַגאַבטערע און עכטערע יידישע דיכטער.

דער נאָמען יהואש שמעקט מיט עלטער און לאַנגע יאָרן אין דער צוקונפט אַריין. דער נאָמען יהואש דערמאָנט דעם קאָליר פון געלע אַלטע פּאַרמעטן, וואָס עלטערן זיך אין חשיבות און כבוד אינם שטויב פון ביבליאָטעקן און מוזעומס...

און אין אַ פּאָר הונדערט יאָר אַרום װעלן זיצן אַרכעאָלאָגן איבער יהואשעס תנ"ך און זיך װוּנדערן, װאָס אַט דער געלערנטער אָריענטאַליסט האָט געלעבט ערשט מיט צװײ הונדערט יאָר צוריק אינגאַנצן, און נישט פיל פריער.

און אַז זײ װעלן זיך נענטער מיט אים באַקענען, װעלן זײ זיך װוּנדערן, װיאַזױ האָט דער דאָזיקער מענטש געקענט אַרבעטן אויף אַזאַ װערק אינם רעשיקן הימל־קראַצערישן ניו־יאָרק. און אַז זײ װעלן זיך נאָך נענטער מיט אים באַקענען, װעלן זײ מוזן צוגעבן: יהואש האָט דאָך אויך פײַנע לידער געשריבן.

5. משה נאַדיר

דער פּסעוודאָנים „משה נאַדיר" זאָגט אַרויס פון חדר. עס קען זײַן, אַז אין זײַנע זעלטענע ערנסטע מינוטן זאָגט זיך אַלײן משה נאַדיר:

נו, האָסטו זיך, משה, אויסגעקליבן אַ פּסעוודאָנים, אַן אַנ־שיקעניש... װי אַזױ האָסטו אים געפּאַקט? ביסטו טאַקע אין דער יוגנט שױן אַזױ ציניש געװען?..

און ער דערמאָנט זיך באַלד אין זײַן בלײַכן „אמתן" נאָמען „יצחק רײַז" און ס'װערט אים נישט גוט אַזש... טאַקע אַ נאָמען: יצחק רײַז... אַ נאָמען פאַר אַ באַקאַליע־געשעפט אָדער גאַלאַנטעריע־מאַגאַזין... אָדער כאָטש פאַר אַ אָנשטענדיק פּאָעטל.

און ער זעצט זיך װײַטער רײַטנדיק אויף זײַן פּסעוודאָנים, װי אַ יונגער שד אויף אַ קאָטשערע, און גאַלאָפּירט אין דער יידישער פּרעסע, אין דער יידישער ליטעראַטור, פאַרשאַפנדיק פאַרגעניגן אַפילו זײַנע שונאים. געשלאָגענע און נישט געשלאָגענע...

דער פּסעוודאָנים משה נאַדיר איז אַ ברכה און אַ קללה צו־זאַמען... װי אַ מעשענע לצים־קרוין מיט גלעקלעך שװערט זי אויף דעם קאָפּ, װאָס אין אים װאָרפן זיך אָפט דורך גלענצנדע געדאַנק־לעך און בילדלעך...

און די גלעקלעך הערן דאָך נישט אויף צו קלינגען.

משה נאַדיר האָט זיך מיט זיין נאָמען אינגאַנצן אַרויסגעגעבן. דער נאָמען זיינער זאָגט אַרויס פון חדר.

אמת, אַמאָל אין דער יוגנט, ווען דער יונגער זייער פעיקער גאַליציאַנער איז אַראָפּגעקומען קיין אַמעריקע, איז דער פּסעוודאָנים „משה נאַדיר" געווען אַ גלענצנדער איינפאַל.

ווי אַלע יונגע פּאָעטן, האָט ער אויך דעמאָלט נישט געחלומט פון דעמאָקראַטיע פון די מאַסן... בלויז איבערמענטשלעך געווען. און מען קומט קיין אַמעריקע, אַ לעבן מאַכן דאַרף מען, און נאָך מער דאַרף מען האָבן, ווי אַהינצוטון די ברויזנדע פעיקייטן.. און „משה" הערשט אין דער גרין-געלער אַמעריקע. „משה" בלשון סגי-נהור. די דעמאָלטיקע יידישע אינטעליגענץ אין אַמעריקע געפינט זיך נישט קיין פּאַסיקן צונאָמען פאַר דעם מאַסן-מענטש, פאַר דעם עם-הארץ ווי משה — דער טראַדיציאָנעל-שענסטער יידישער נאָמען.

און דער יונגער גאַליציאַנער דיכטער יצחק רייז ווערט אַ ציני-קער. מען דאַרף אַרבעטן פאַר „משהן". ווילסט שטרוי, משה? ווילסט ווייצן?

— משה, נאַ דיר!

אַ זייער געלונגענער פּסעוודאָנים: משה נאַדיר. אָבער אויך אַ שרעקלעך געלונגענער. ער שטעלט אים אויס אַ צונג איצט, ווען ער איז געוואָרן אַן אמתער פּאַן-בראַט מיטן אָרעמען תמעוואַטן משה, מיט דעם מאַסן-משה, מיט משה דעם האָרעפּאַשניק.

אַ שרעקלעך-געלונגענער נאָמען: משה נאַדיר. אַפילו ווען ער ווערט ערנסט, לאַכט דער פּסעוודאָנים אים אין פּנים אַריין: ביסט אַ ציניקער, אַן אָפּלאַכער — עלעגאַנטער יצחק רייז; און פאַרדיכטעט ער זיך אַמאָל אויף אַן אמתן, קריכט פּלוצלינג אַרויס די לאַנגע צונג: משה נאַדיר.

איך שטעל זיך פאָר, אַז ער וויל צייטנווייז אַנטלויפן פון זיין גליקלעך-אומגליקלעכן פּסעוודאָנים. אָבער ער קען שוין נישט... דער פּסעוודאָנים גאַלאָפּירט אַזוי פּראַכטפול; דער נאָמען טראָגט אים אַזוי ווייט.

דער פּסעוודאָנים משה נאַדירס איז פלינק און פאַקטסימלעך ווי שלום-עליכמס, אָבער זיין מזל איז אַ נעגאַטיווער, ווי דער

באַמען מענדעלע מוכר־ספרים (איך פאַרגלייך נאָר די נעמען): זיי כאַראַקטעריזירן נעגאַטיוו.

און איך בין שטאַרק מסופק, צי ער וועט קענען אַמאָל ריכטיק בייטן זיין פסעוודאָנים (כאָטש ער פּרוווט לעצטנס אין איין און דעם זעלבן טאָג שרייבן אונטער עטלעכע אַנדערע פסעוודאָנימען), ווייל ער איז דאָך מיט משה נאַדירן אַזוי צוזאַמענגעוואַקסן, ווי אַ גלענצנדער רייטער מיט זיין פערד. און זיי פליען ווי די רוחות. אַ וואָלקן שטויב באַהאַלט זיי פון אויג.

מעמוארן

אין אונזער יידיש, ווי אין אלע אנדערע שפראכן, איז איצט א גרויס גערעטעניש אויף מעמוארן-ליטעראטור.

וואס פאר א צייטונג איר נעמט נישט אין האנט, ווארפן זיך אייך אין די אויגן מעמוארן. זכרונות, מעמוארן, בילדער פון אמאל, פון דער נאענטער פארגאנגענהייט א. אז. וו. אויך אויפן ביכער-מארק — אלגעמיינעם און יידישן — פארנעמען זכרונות אצינד א בכבודיקן ארט.

איז אט די גערעטעניש אויף מעמוארן א צופאל אדער א צייכן פון דער צייט?

איז אט די איצטיקע גערעטעניש אויף זכרונות א ליטעראַרישע רעאקציע קעגן די סקארבאָווע נאָוועלן און ראָמאַנען, אדער א סימן פון עלטער און מידקייט?

עס קען קיין ספק נישט זיין, אז מעמוארן האבן א באזונדער צויבער פארן לעזער, דעם צויבער פון אמת, וואלט איך געזאגט. מעמוארן פרעטענדירן דאך לכל־הפּחות אויף פאקטן, אויף אמתע פאַ־סירונגען, סיי אינם לעבן פונם יחיד, וועלכער שרייבט די זכרונות און סיי פון דעם לעבן פונם כלל, מיט וועמען דער יחיד האט געלעבט.

מעמוארן, זכרונות זענען דאך נישט קיין אויסגעטראכטע אדער קאמפאנירטע בילדער און טיפּן פון לעבן, מיט וועלכע מיר טרעפן זיך אין דעם גרויסן רוב נאוועלן און ראמאנען.

מען קען אפשר אויך זאגן, אז דער פרימיטיווער תמצית פון אלע אנדערע ליטעראטור-פארמען זענען די פערזענלעכע זכרונות פונם

שרייבער, ווי דער אינטערעס פונם דורכשניטלעכן לעזער צו דעם פערזענלעכן לעבן און איבערלעבן פון אַ מענטשן.

לאָמיר זיך פאָרשטעלן: וואָס האָט געשטויסן דעם ערשטן שרייבער אָדער דיכטער צו נעמען די פען און שרייבן אָדער זינגען? — זיינע פערזענלעכע איבערלעבונגען, די מענטשן און נאַטור-סצענעס, וואָס ער האָט געזען, די אויסטערלישע חידושים, אמתע און אויסגעחלומטע, מיט וועלכע ער האָט זיך באַגעגנט אין לעבן — אָט דאָס אַלץ וואָס קען אויך אָנגערופן ווערן מעמוארן האָט אים געגעבן דעם ערשטן און וויכטיקסטן שטויס צו שרייבן, רעדן אָדער זינגען פאַר אַנדערע. און וואָס איז געווען די ערשטע סיבה, וועלכע האָט געשאַפן, אַזוי צו זאָגן, די לעזער און צוהערער פון די אַמאָליקע (ערשטע) מעשיות און געזאַנגען?

ווידער אַמאָל: דער אינטערעס צו דעם, וואָס דער צווייטער מענטש האָט געהערט און געזען.

עס לעבט אין יעדן מענטשן דאָס געפיל, דער דראַנג „צו טיילן מיטן צווייטן", צו דערציילן דעם צווייטן די אויסערגעוויינלעכע, טשעקאַווע אָדער וואונדערלעכע פּאַסירונגען פון זיין לעבן. פּונקט ווי ס'לעבט אין יעדן מענטשן די נייגעריקייט אויסצוהערן אַ מעשה פון יענעמס לעבן, כּדי פונם צווייטנס איבערלעבונגען צו לערנען, ווי צו באַגעגענען די זעלבע פאַקטן און סיטואַציעס, ווען זיי וועלן אים טרעפן.

דער פּאָפּולערסטער אָנפאַנג פון יעדער ליטעראַטור-פאָרם, די ווערטער „עס איז אַמאָל געווען" שמעקן שוין מיט מעמוארן, מיט זכרונות. אויב נישט מיט אייגענע, איז מיט זכרונות פון זכרונות.

אַזוי-אַרום ווערן מעמוארן — די אינטערעסאַנטסטע און בעסטעאינם לויף פון דורות פאַרוואַנדלט אין געשיכטע, דיכטונג און לעגענדע.

די פּרימיטיווע מעמוארן (בעל-פּה ס'רוב) האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג. שוין דער הייל-מענטש האָט ליב געהאַט צו הערן טשעקאַווע

זאַכן און פּאַסירונגען, וואָס האָבן געטראָפן מיט די מער־דערפאַרענע מענטשן. און דער דערפאָלג האָט אַרויסגערופן ספּעציאַליסטן. אַלע מענטשן (אָן אויסנאַם) האָבן ליב צו דערציילן מעשיות, ס'רוב פון זייערע זכרונות. נאָר אייניקע, צוליב נאַטירלעכע איינגעבוירענע אייגנשאַפטן, דערציילן בעסער ווי די אַנדערע; זיי לעבן איבער שטאַרקער, זיי זען שאַרפער און האָבן אויך מער געזען. אַזוי־אַרום זענען מסתמא פון די ערשטע בעסערע מעמואַרן־דערציילער אָדער שרייבער געוואָרן קינסטלער־דיכטער, טרובאַדורן.

ביז פון די פרימיטיווע פאַקטן־דערציילער (און יעדער דער־ציילער טינקט די פאַקטן אין די פאַרבן פון זיין פאַנטאַזיע) זענען געוואָרן קינסטלער. דערציילן אַ מעשה איז געוואָרן אַ קונסט, און די קונסט אַליין האָט זיך צעצווייגט אין פאַרשידענע קונסטן, אין פאַרשידענע ליטעראַטור־פאָרמען.

און די קונסט איז הויפּטזאַכלעך באַשטאַנען אין דעם, צוצופּוצן פאַקטן און פּאַסירונגען, כדי זיי זאָלן בעסער אויסנעמען ביים עולם, וואָס האָט ליב אויסהערן אַ מעשה. און פּוצן הייסט אויך קאָמפּאָ־נירן: בלויז פאַקטן זענען צו טרוקן, און די אַלע מענטשן, וואָס מיר באַגעגענען, זענען נישט גענוג אינטערעסאַנט. דאַרף מען אַזוי קאָמ־פּאָנירן די געזעענע פאַקטן און מענטשן, ס'זאָל פון דעם גאַנצן גרויען מאַטעריאַל אַרויסקומען אינטערעסאַנטע מענטשלעכע כאַראַקטערן און שפּאַנענדע סיטואַציעס.

ביז מיר זענען אַזוי־אַרום געקומען צו די מאָדערנע נאָוועלן און ראָמאַנען, וועלכע זענען אין דער אמתן נאָר אַנטוויקלטע קינ־סטלערישע פאָרמען פון די פרימיטיווערע, פּשוטערע און אמתערע מעמואַרן — פּערזענלעכע זכרונות.

זאָל מען דעריבער זאָגן, אַז ס'איז איצט אַזאַ גערעטעניש אויף מעמואַרן, ווייל מענטשן איז נמאס געוואָרן די צו־קינסטלערישע,

צו-געפּוצטע נאָוועלן און ראָמאַנען און זיי האָבן זיך דערפאַר פאַרבענקט נאָך די זכרונות, אָט פּונקט ווי מען האָט זיך איצינד אויף אָנגעהויבן מער אינטערעסירן מיט „טרוקענער" געשיכטע?

כאָטש אין דער סברא איז דאָ אַ קערן אמת, גלויב איך אָבער נישט, אַז די איצטיקע מאָדע אויף מעמואַרן איז אַ מאַטעריאַליסטישע רעאַקציע קעגן קונסט.

מעמואַרן דערציילן טרוקענע פאַקטן, זאָגט מען. הלוואי אָבער וואָלט עס אַן אמת געווען. מאַנכע מעמואַרן און זכרונות זענען מער צוגעפּוצט און צוגעטראַכט, ווי ראָמאַנען און דערציילונגען. אַז אין גרויסע גוטע ראָמאַנען איז דאָ מער לעבעדיקער אמת, ווי אין הונ־דערטער ביכער מיט פּערזענלעכע זכרונות, איז נישטאָ וואָס צו רעדן.

דער אמת איז אויך, אַז דאָס רוב מעמואַרן־שרייבער זענען קינסטלער, אָדער זיי מיינען, אַז זיי זענען קינסטלער און זיי באַפּוצן זייערע באַבעס און זיידעס מיט די סאַמע העכסטע ראָמאַן־פאַרבן; און זיי לייגן אָן אויף די טרוקענע פאַקטן אַזעלכע פעטע סענטי־מענטן, אַז זיי הויבן אָן צו רינען מיט פאַנטאַזיעס.

דער אמת איז, אַז מעמואַרן צו שרייבן איז פיל שווערער ווי אַ ראָמאַן צו שרייבן. דערפאַר זען מיר, דאָס אין דער צייט, ווען די וועלט־ליטעראַטור פאַרמאָגט אַ היפּש ביסל גוטע ראָמאַנען, איז זי ווייט נישט אַזוי רייך מיט אמת גוטע מעמואַרן...

מיט וואָס־זשע דען דערקלערט זיך די איצטיקע מאָדע אויף מעמואַרן אין יידיש און אין אַנדערע שפּראַכן?

מיר דאַכט זיך, — דערמיט, וואָס מיר לעבן ביים סוף פון איין תקופה און ביים אָנפאַנג פון אַ נייער.

יוגנט שטרעבט צו נייע אומבאַקאַנטע האָריזאָנטן; די עלטער קוקט צוריק, דערמאָנט מען זיך די אַמאָליקע יאָרן — שרייבט מען זכרונות, מעמואַרן.

נאָך יעדער רעוואָלוציע, נאָך יעדער סאָציאַל־היסטאָרישער קאַ־טאַסטראָפע קומט אַ גערעטעניש אויף מעמואַרן.

די „קינדער פון שטורעם" ווילן דערציילן זייערע קינדער און קינדס־קינדער, וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט אין „די גרויסע טעג"ן אַזוי איז געווען נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע; אַזוי.

איז איצט, נאָך דער וועלט-מלחמה. און נאָך דער רוסישער רעוואָ-לוציע... און אַזוי איז אויך אין אונזער יידיש לעבן: אַן עפּאָכע (אַן הערשאָישע אפשר) גייט אַוועק, איילן זיך די לעצטע מיטשאַפער און עדות פון עפּאָכע אונז דערציילן פון זייערע ליידן און פריידן.

לאָמיר זיי דאַנקען דערפאַר, אָבער נאָך מער וועלן זיי דאַנקען די קומענדיקע היסטאָריקער פון דער עפּאָכע.

אָבער די יוגנט, די מיטבויער פון דער נייער עפּאָכע, וועט קומען און אַ נייע פּאָעזיע, אַ נייע קונסט מיט זיך ברענגען...

דזשעק לאָנדאָן

לעזנדיק דזשעק לאָנדאָנס דערציילונגען, דאַכט זיך אייך, אַז איר זיצט אין סינעמא, ווו פאַרשידענע בילדער, טיפן און לאַנדשאַפטן לויפן און שווינדלען פאַרביי אייערע אויגן.

ער איז אַ שוואַרץ-ווייס מאָלער, אויך אין דעם זין האָט ער עטוואָס סינעמאַטאָגראַפישס. נאָר ליכט און שאָטן, שוואַרץ און ווייס...

ס'בלענדט אייך שטענדיק די אויגן דער בלאַנק-ווייסער, שטיל-שווייגנדיקער שניי פון זיינע לאַנדשאַפטן. אַפילו דער צפון-שיין, וועדליק ער שילדערט, ווירקט אויף אייך ווי אַ שטיק ברענענדיקע ווייסקייט...

און אומעטום אַזאַ שוואַרצער אונטערגרונד אין זיינע ווערק... זיינע ווייסע, שעמערירנדיקע שנייען גיבן אַזאַ שוואַרצן, מרה-שחורה-דיקן קלאַנג אַרויס פון זיך און שוואַרצע אימהדיקע שאָטנס יאָגן נאָך אָדער לויפן פאַראויס זיינע ענערגישע, מוסקולעזע פישער-טיפן, גאָלד-זוכער, אינדיאַנער...

ער איז אַ דינאַמישער קינסטלער. שילדערן האָט ער ליב מענטש און חיה אין באַוועגונג. ווען ער טוט וואָס, ווען ער לויפט און שטרעבט ווו. הונגעריקע, האַלב-ווילדע הינט פאַרציקן דאָס צדה-לדרך פון אַ הייפעלע רייזנדע, אַ פישער-פּאַטרול פאַלט אָן אויף די ווילדע כינעזער-פּיראַטן. פאַרשידענע אַזאַרטע שפּילן האָט ער ליב צו מאָלן... אַפילו ווען איינער שלאָפט שוין ביי אים, כראַפּעט ער און וואַרפט זיך און פליגן זומשען און קלעבן זיך צו אים פון אַלע זייטן...

„אויך די שטערן אין הימל בלישטשען אין אזא שנעלער, שע־מערירנדיקער באוועגונג" שרייבט ער. און ס'דאכט זיך, אז זיינע בילדער מאָלט ער, נאָכלויפנדיק נאָך זיי.

דזשעק לאָנדאָן איז נישט קיין קאָלאָריסט. ער איז נישט אזוי רייך אין פארבן, אין פארשידענע ניואנסן. ער איז נישט פון די ראפינירטע קינסטלער, דיכטער, וועלכע קיצלען אויס יעדער שטריך, יעדע פראזע.

ער איז נישט פארביק. דערפאר אָבער איז ער אזא געזונטער, פאָרטרעפלעכער צייכענער, ער מאָלט אייך אזוי קלאָר און דייטלעך, מיט אזא ברייטן, שוווּנגפולן פינזל־שטריך דעם מענטשן ווי אזוי ער שטייט און גייט. זיינע פאָרטרעטן־טיפּן זענען פול כאראקטער און לעבן. איר קענט כמעט אָנטאפּן די פנימער, וואָס ער מאָלט; אזוינע שטרענגע, ביינעריקע, אמעריקאנישע פנימער, וועלכע אקערן מיט דער נאָז די ערד און זוכן עפּעס שטענדיק, און פאָרשן וואָס שטענדיק...

און דערביי האָט דזשעק לאָנדאָן עטוואָס פּלאסטישס, מאָנו־מענטאלס אין זיין באשרייבן, אין זיין שילדערן זיינע מענטשן, זיינע בילדער שפּאָרן אָפּט אויף אייך אָן מיט זייער גאנצער משא. עס איז פאר זיי קליין דער פּאָן פונם בילד, אויף וועלכן זיי פיגו־רירן — אזוי מאסיוו זענען זיי און באוועגלעך.

דזשעק לאָנדאָן איז דער דיכטער פאַרן סינעמא. זיינע קלענערע און גרעסערע דערציילונגען בעטן זיך אויף דעם שנעל־באוועגלעכן קינעמאטאָגראפישן ליינוואנט. און ס'וווּנדערט מיך, פארוואָס אָט די גרויסע אמעריקאנישע דערפינדונג האָט זיך נאָך נישט צוגעפּאסט צו אָט דעם גרויסן אמעריקאנישן דיכטער.*) ס'קען זיין, אז דער פאָטאָ־גראפישער אפּאראט איז נאָך טעכניש נישט גענוג פולקום נאָכצו־לויפן דעם גרויסן „וואָלפן־זון" מיטן גרויסן מענטשלעך הארץ, וואָס איז פול מיט ליבע און שרעק צוזאמען פאַר נאטור און לעבן...

ער איילט זיך און מיר הערן ווי זיין גרויס מענטשלעך הארץ קלאפּט אויף יעדן טריט און שריט, און וואָס ווייטער ער קומט אלץ שטארקער פּאָכט זיין הארץ. און אָט קומט ער צו א תהום, צום שיידוועג פון מענטשלעכער קולטור און ווילדקייט. דער שטיינערנער

*) דער ארטיקל איז געשריבן געוואָרן 1913.

און שטאָלענער יאָרהונדערטער באַגעגענען זיך און שלייפן זיך איינער איבער צווייטן און זיין האַרץ צעשפּרינגט שיער פון גדולה און אַנגסט.

דזשעק לאָנדאָן איז דער דיכטער פון סינעמא און דאָך האָט ער גאָרנישט סינעמאַטאָגראַפיש-ביליקס אין זיין שאַפן. אמת, אויף אַלע זיינע ווערק ליגט אַזאַ וואַכנדיקער שטויב צעשפּרייט... ער איז נישט קיין עסטעט, קיין איבערקלויבער... „אַזאַ שיינע פרוי טרעפט מען נאָר אויף די אילוסטראַציעס" זאָגט ער ערגעץ. דאָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר אים. גבריאל ד'אַנונציאָ, צום ביישפּיל, וואָלט זיכער פאַרגלייכן מיט אַ טיציאַנישער ווענוס, אָדער מיט באָטיטשעליס אַ פרוי...

און דאָך איז דזשעק לאָנדאָן פיל מאָדערנער פון אַ ד'אַנונציאָ למשל. דער לעצטער לעבט אויך אין דער קאַפּיטאַליסטישער ביזנעס-צייט, נור דעם דופק פון אונזער צייט וועט איר נישט הערן קלאַפּן אין די אָדערן פון זיינע דיכטונגען... ער זיצט זיך שטענדיק אין דעם עלעגאַנטן פּרויען-סאַלאָן אַ פאַרכישופטער פון די טייערע, ריח-ניחוחדיקע פאַרפומען... ער שפּאַצירט אַרום אין די קליינע, היימלעך-קולטיווירטע סעדער און פאָרט אַרום פון איין קונסט-גאַלעריע צו דער צווייטער, פון איין מוזעום צום אַנדערן... און הויבט ער זיך ווען אין דער לופט אויף אַן עראָפּלאַן (ווייל ס'איז אַ מאָדע-זאַך), קוקט איר דערויף ווי אויף אַ קינדער-שפּיל, ווי אויף אַ נערוון-רייצונג... ס'איז נישטאָ דאָרט דער טראַגיזם פונם מענטשן, וועלכער רייסט זיך צו די הימלען...

זעט איר אָבער דזשעק לאָנדאָנען, לויפנדיק אויף די ליזשעס פאָראויס פון זיין טשאַטע האַלב-הונגעריקע, האַלב-צעמישטע הינט ערגעץ אויף די בלאַנקע, ווייסע שנייען-סטעפּן אין דעם קאַלטן, ווייטן צפון, הערט איר און פילט פון אונטער זיינע פלייצעס דאָס רעשיקע קאָכיקע לעבן פון דער אַלטער און נייער וועלט. זיצנדיק צוזאַמען מיט אים ערגעץ ווייט אין אַן אינדיאַנער-ביידל, הערט איר דאָס געקלאַפּערייי און געטראַסק פון לאָקאָמאָטיוון און באַנען. ווי גֶעשפּענסטער שטייען אויף פאַר אייערע אויגן די שוואַרצע, אַמעריקאַנישע וואָלקן-קראַצער אויפן פּאָן פון די וויסטע, שנייִיקע פעלדער. און איז דער הויך הערט איר דאָס זומזען פון דער גיגאַנטישער פליג. פונם

עראָפּלאַן, וועלכע שפּינט — אפשר — אַ גאָלדענע קרוין און אפשר אַ דערנער־קראַנץ פאַרן מענטשלעכן קאָפּ.

לאָנדאָן האָט עטוואָס געמיינזאַמס מיט רידיאַרד קיפּלינג און עדגאַר פּאָ, מיט זיינע גרויסע ראָסן־ברידער. נור ער איז פיל ברייטער און ווייטער פון זיי און אפשר אויך פיל טיפער. ער איז פיל געזעלשאַפטלעכער פון זיי, וואָלט איך געזאָגט. זיין האַרץ איז אַזוי ברייט און קאָמפּליצירט און ער איז שטענדיק אָנגעלאָדן מיט לעבן... אָט דעם גרויסן אַמעריקאַנערס אָדערן זענען טשוגונענע דאַכט זיך און דאָס בלוט זיינס יאָגט אין זיי אַזוי האַסטיק ווי די כוואַליעס אינם גרויסן אוקינוס...

רידיאַרד קיפּלינג ווירקט אין פאַרגלייך מיט אים מיניאַטור־אַרטיק; ער שפּינט און וועבט שיינע, פאַנטאַסטישע קרוזשעוועס. אַפילו זיין „זשאַנגל־בוך" ווירקט ווי אַ מעשה. און דזשעק לאָנדאָנס מיסטיציזם איז אַזאַ לעבעדיקער, אַ געזונטער, ווען מען קען זיך אַזוי אויסדריקן, דאָס קאָכיקע לעבן ברענגט אים צו דעם אַזוי נאַטירלעך, טריט ביי טריט... אין דער צייט ווען ביי עדגאַר פּאָן איז דער מיסטיציזם אַ פּועל־יוצא פון אַ קראַנקן מוח, און פון אַ קראַנקער דיכטער־נשמה.

עדגאַר פּאָס פּאָרטרעט וואָלט געקענט גוט אויפמאָלן דאַכט זיך דער קראַנקער, האַלב־געניאַלער וואַן־גאָג, וועלכער איז געקומען פאַר זיין זעלבסמאָרד צו דער איבערצייגונג, אַז די אויערן מאַכן מיאוס דאָס מענטשלעכע געזיכט און האָט זיך טאַקע אַליין די אויערן אָפּגעשניטן...

קיפּלינגן שטעלט זיך מיר פאָר וואָלט געוועזן גוט צו מאָלן אינם אַרט פון אַ. וועלאסקעז און פּאָל גאָגן אינאַיינעם געמישט...

דזשעק לאָנדאָנס פּאָרטרעט דאַרף מען אַזוי פּלאַקאַט־אַרטיק אויפמאָלן: אַ גרויסער, גרויסער לייוונט, וועלכער זאָל פאַרדעקן אַן עטלעך־שטאָקיק הויז און אויף אים דאַרף זיין אויפגעמאָלט אָט דער גרויסער אַמעריקאַנער, אָט דער געוואַלטיקער גייסט פון אונזערע טעג...

אויפן פּאָן פון זיין פּאָרטרעט דאַרפן הימל־קראַצערס, מיטן אייפל־טורעם זיין אויפגעמאָלט אין גרעלע, שרייענדיקע פאַרבן... און

אַן אומענדלעך וויסטער שניי-סטעפּ דאַרף זיין דערביי; אינמיטן שטייט דער הונט בעק און בילט אַזוי אַנגסטלעך-האַרץ-קלעמענדיק אויף דער לבנה, ענטפערנדיק דערמיט אויף די קולות, וועלכע דאַכטן זיך אים אַרויס פון די ווייטע, פינצטערע וועלדער און וועלכע ציען אים און רופן אים צו די אַמאָליקע לאַנג-פאַרשטיינערטע דורות. און אפשר נאָך דער סקעלעט פון אַ מאַמאָנט דאַרף אויף דעם פאָרטרעט-פּלאַקאַט אָפּגעמאָלט ווערן.

אַ מאָדנע זאַך, לעזנדיק אָט דעם אויסגעשפּראָכענעם כמעט זשורנאַליסטישן רעאַליסט לאָנדאָן, דערמאָנט איר זיך אָן די ראַפּי-נירטסטע מאָדערנע קינסטלער — די פוטוריסטן.

פאַרוואָס איז דאָס?

זאָל דזשעק לאָנדאָן עטוואָס פוטוריסטישס אין זיין קונסט האָבן?

אפשר זענען טאַקע אין דזשעק לאָנדאָנס ווערק און גייסט באַ-האַלטן ווונקען אויף אַ נייער צוקונפטיקער קונסט?

ווי געזאָגט איז דזשעק לאָנדאָן אַ רעאַליסט. ער איז פון די גרויסע קינסטלער-רעאַליסטן, וועלכע דערגרייכן מיט זייער רעאַליזם צו סימבאָליזם, צו מיסטיציזם. יאָ, צו משוגעת... שרעקלעך אויפגע-שפּיצט און אויפגעררייצט ווי ביי אַ חיה איז ביי דזשעק לאָנדאָן דער חוש-הריח... באַקענענדיק זיך מיט זיינע ווערק, הויבט זיך אָן דאַכטן, אַז אָט דער קינסטלער, אָט דער דיכטער, פילט און הערט דעם גאַנג פון די מזלות... זיינע אויגן שפּירן נאָך אַזוי ווילד און צע-מישט דאָס וואָס טוט זיך אויף יענער זייט ערד און וועלט...

אין די שטילע שיינע נעכט מוז ער הערן דאָס צאַראַפּען פונם „געפּאַר”, וועלכער קלעטערט אויף אונזער ערד אינם געשטאַלט פון אַן עקלהאַפטן, מיליאָן-קעפּיקן מיאוס; שפּין אפשר...

גאָט שפּירט ער נישט. ער ווייסט נור פון אים... עס זעט אויס ווי אָט דער דיכטער, וועלכער איז דורכגעגאַנגען די שבעה

מדורי פון לעבן סימפּאַטיזירט מיט דעם נאַטור־געזעץ פון רייס און בייס...

קיינער האָט נאָך נישט אַזוי פאַרשטאַנען און דורכגעפילט דאָס בילן פון אַ הונט קעגן דער לבנה, ווי דזשעק לאָנדאָן.

קיינער האָט נאָך נישט געהאַט קיין אויערן צו הערן דאָס בענקען פון חיות נאָך אַ גאָט, נאָך אַ תּכלית־הבריאה...

און לייענט איר ביי אים דאָס בילד, ווי אַ טשאַטע האַלבע־הינט, האַלבע־וועלף האָבן אַרומגעקרייזט זייערע צוויי חברים־קאָנקורענטן, וועלכע שלאָגן זיך אויף טויט אָדער רויט צוליב דעם, ווער ס'זאָל פון זיי דער וועג־ווייזער אינם שפּאַן זיין, שטעלן זיך די האָר קאַפּויר...

אַ ווייסע, שנייִקע לאָנקע אין וואַלד... אַ קאַלטע לבנה אין הימל... און די הינט קרייזן זיך אַלץ נענטער צו זייערע חברים, וואַרטנדיק אומגעדולדיק איינער פון די שטרייטנדיקע זאָל פאַלן, כּדי זיי זאָלן אים איינגאַנצן שוין קענען דערשלאָגן...

אַ גרויל כאַפּט אָן לעזנדיק דאָס — אַזויפיל מענטשלעכס איז דאָ אין דעם בילד.

מיט זיינע שאַרף אויפגעשפּיצטע חושים איז דזשעק לאָנדאָן דערגאַנגען ביז צום גרענעץ צווישן מענטש און חיה, קולטור און באַרבאַריי, לעבן און תּהו־ובהו...

דזשעק לאָנדאָן איז אַ רעאַליסט־מיסטיק. נור רעאַליסטן קענען קומען צום עכטן און געפערלעכן מיסטיציזם. ראָמאַנטיקער זענען נאָך קיינמאָל נישט משוגע געוואָרן... און ווי איז דעם ניכטערן גייסט, וועלכער באַגעגנט זיך מיט דער שרעקלעכער רעטעניש פון נאַטור און לעבן...

נור מאָפּאַסאַן, אָט דער גרויסער ניכטערער גייסט, האָט זיך געקענט ביים סוף פון זיין לעבן באַגעגענען מיט דער „האָרלאַ...״

און דווקא ביי די פּראַקטישע אַמעריקאַנער און ענגלענדער בליען אַממייסטן פאַרשידענע מיסטישע סעקטעס.

נור נישט נאָך אַ גאָט האָט זיך דזשעק לאָנדאָן פאַרבענקט אינם קאַלטן, געפערלעכן לעבן. צו שטרענג רעאַליסטיש איז זיין לעבנס־אויפפאַסונג...

„אַ מאָדנע זאַך איז דאָס לעבן. זייער פיל האָב איך געטראַכט און איבערגעטראַכט וועגן דעם; פונדעסטוועגן ווערט דאָס רעטעניש מיט יעדן טאָג נישט קלענער, נור גרעסער. פון וואַנען נעמט זיך אָט דער געוואַלטיקער ווילן צום לעבן? דאָס גאַנצע לעבן איז דאָך אַ שפּיל, אין וועלכער קיינער געווינט נישט. לעבן הייסט אָנגעשטרענגט אַרבעטן און טיף ליידן, כּל זמן דאָס שווערע עלטער גנבעט זיך נישט אונטער צו אונז און מיר לאָזן נישט אַראָפּ די הענט אינם קאַלטן אַש פונם גוססדיקן פייער...״

צו בייז איז די נאַטור אינם קאַלטן צפון, ווו זיין וועלט-אָנ-שוידונג האָט זיך געשטאַרקט און קריסטאַליזירט אין אַ בלישטשענדיקן פאַרפרוירענעם אייז-באַרג... יענע קאַלטע נאַטור פאָדערט מי און אַרבעט, אָנשטענדיקע ענערגישע טעטיקייט, אַנישט, וועסטו דאָרט פאַרפרוירן ווערן...

נור אין די וואַרעמע לענדער האָט דער מענטש געקענט זיצן מיט די פיס אונטער זיך און שפּינען גאָלדענע געטער-טרוימען...

און דזשעק לאָנדאָן ווייסט עס: דער מענטש קומט אַהער צוליבן גאָלדענעם זאַמד... געטער, זאָגט ער, וואַרעמען און שיינען דאָרטן ערגעץ אונטערן גרויסן געזאַלצענעם ים, אינם ווייטן ליבן דרום, ווו די זון וואַרעמט אַזוי ווייך און מילד.

נור מיר דאַכט זיך, אַז ער גלויבט נישט דערין. ער ווייכט נור דערפון.

נישט גאָט, נור די חיה אינם מענטשן האָט דזשעק לאָנדאָן דערזען אינם קאַלטן בייזן צפון, ווו עס הערשט דער נאַטור-געזעץ פון „רייס און בייס״.

דאָרטן, אין דעם קאַלטן לאַנד, ווו דער מענטש מוז אויך שלאָפנדיק אַרבעטן אום נישט פאַרפרוירן צו ווערן, האָט ער דער-הערט „דאָס אַלטע, ווילדע ליד—דאָס ליד, וואָס האָבן אַמאָל געוווסט

אונזערע אורעלטערן אין יענע לאַנג פאַרגאַנגענע טעג, ווען די וועלט איז נאָך יונג געווען..."

אין דזשעק לאָנדאָנס פּראַכטפולער רעאַליסטיש-סימבאָליסטישער דערציילונג „דער רוף פונם בלוט"—דערפילט עס זיין העלד — דער הונט בעק, בילנדיק אויף דער לבנה... אָט דער קלוגער, קולטורעלער הונט, האָט ערשט אינם קאַלטן צפון, דורכגייענדיק אַ גאַנצע סדרה פון צרות און פּלאָגן, דערפילט דעם טעם פון בילן, דאָרטן האָט ער ערשט דערפילט דעם וואָלף אין זיך...

דאָרטן האָט ערשט בעק דערשמעקט „דעם נאַקעטן, האָריקן מענטשן, וועלכער זיצט אויף די פיסביים פייער מיטן קאָפּ צווישן די פיס טיף געזונקען און מיט די הענט אויפן קאָפּ איבערגעוואָרפן. בעק האָט אַזוי קלאָר פאַרשטאַנען, ווי פאַרזיכטיק און האַלבוואַכנדיק עס שלאָפט אָט דער מענטש... אַלע ווײַלע כאַפּט ער זיך אויף און מורא האָבנדיק פאַר שטאָק-פינצטערניש, וועלכע קען אָנקומען, האָט ער אַלע ווײַלע האָלץ אינם פלאַקער-פייער אונטערגעוואָרפן, אַרומקוקנדיק זיך אַלע מאָל מיט ווילד-דערשראָקענע אויגן"...

דאָרטן האָט דזשעק לאָנדאָן דערזען און געשאַפן זיין „צוויי-פנימדיקן מענטשן", וועלכער איז בייטאָג אַ לייטישער מענטש, אַן אָנשטענדיקער באַנקיר און ביינאַכט—אַ ווילדע חיה, וואָס לויפט אַרום נאַקעטערהייט אין זיין גרויסן פינצטערן וואַלד נאָך הירשן, נישטערט און קלעטערט אַרום איבער בערג און ווילדע פעלזן און באַגערט נאָך פאַרציקונג...

דאָרטן, אין דעם ווייטן, ווייטן לאַנד, האָט דזשעק לאָנדאָן דערזען דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט און געקענט דערזען.

דאָרט האָט ער זיך געפונען. דאָרט האָט ער די חיה אינם מענטשלעכן אויך דערטאַפּט...

נישט מיט זיינע עקזאָטישע סיוזשעטן, נישט מיט זיינע נאָרד-פּאָל-לאַנדשאַפטן האָט אונז דזשעק לאָנדאָן פאַראינטריגירט, נאָר מיט דעם נייעם גאַנצן איך, וואָס ער האָט פון דאָרטן געבראַכט... מיט דעם נייעם וואָרט, וואָס ער האָט אונז פון דאָרט אַרויסגעזאָגט.

פונקט דער אייגענער פאַל איז געווען מיט דעם פראַנצויזישן מאָלער פּאָל-גאָגען. ער איז אַנטלאָפן פון דעם רייך-קולטיווירטן

פּאַריז צו די טאַאיטער איינוואוינער. ער איז אַן אַנדער מענטש גע־וועזן, זיין אייגנאַרטיקע קינסטלערישע נאַטור האָט נייע שיינהייטן געגאַרט און ער האָט אונז טאַקע נייע קונסט־אוצרות פון דעם ווילדן אינזל געבראַכט.

מער נישט, וואָס דזשעק לאָנדאָנען האָט אפשר אין די ווייטע לענדער געטריבן זיין עקספּאַנסיווע, טעטיק־דורשטיקע אַמעריקאַנישע נאַטור און פאַל גאָגענען — דאָס עסטעטישע געטשנדינעריי, דאָס בענקען נאָך אַ ניי רויק־דעקאָראַטיוו לעבן.

ווי אין אַ שטורעם געפינט איר זיך, לייענענדיק דזשעק לאָנ־דאָנס ווערק. עס יאָגט אייך, עס וואַרפט אייך פון אַלע זייטן... ווו נאָר אַ ווינקעלע אינם לעבן, ווו עס קומט פאַר דאָס האַרטנעקיקע, טיריש־גערעכטיקע, מענטשלעך־זינדיקע קעמפן פאַרן לעבן—איז ער פול.

מיט זיינע גיגאַנטיש־גרויסע שפּרייז־טריט שפּאַנט אַרום אָט דער אין גייסט באַפּאַנצערטער פינקערטאָן פון איין זינד־נעסט צום צווייטן, פון איין לאַנד צום אַנדערן און אומעטום טרעפט ער אַ פאַרביטערטן קאַמף, אומעטום זעט ער הויפנס מוסקולעזע קערפּערס, וועלכע וואַלגערן זיך אויף דער ערד, וואַרפנדיק זיך איינער אויפן צווייטן צו דערשטיקן... אומעטום הערט ער דאָס געקלאַנג פון שטאָ־לערנע מוסקולן, פון קריצנדיקע שאַרפע ציין... און ער, איינגעטרויט אין זיין אייגענער קראַפט, צעגעמט, צעוואַרפט אָט די שטרייטנדיקע הויפנס, דערהערט אַ שטילן מענטשלעכן קרעכץ פון דאָרט... — און אין זיין גרויס ליבנדעס האַרץ קומט צו נאָך אַ בלוטיקע וווּנד. ער מיאוסט זיך אַפילו נישט אין שמוץ צו קריכן... ער טראָגט נישט קיין הענטשקעס אויף זיינע גרויסע, מענלעכע הענט...

געטרייע אַרבעטזאַמע הינט לויפן אויפן שניי הין און צוריק. און אָט גיט אַ בלאָז אַ וואַרעם ווינטל און דאָס אייז ברעכט... מענטש און חיה גייען אונטער... אָט ראַנגלט זיך אַ מענטש מיט אַ בער, מיט אַ לעמפערט און קומט זיי ביי...

און ווידער פאַלן אָן אויף אַ פּאָר ווילדע מענטשן, מיט וועל־כע גער האָט זיך באַקענט און ליב באַקומען, אַ מחנה ווילדע אינ־דיאַנער און הרגענען זיי מיט זייערע פינקע פיילן...

אין דאָס „גאָלדענע זאַמד", וואָס זיי האָבן דאָרטן אַנטדעקט,

איז טאַקע אַזוי דאָרט געבליבן ווייטער פאַרהויקן... אַ הונט נאָר האָבן זיי דאָרט איבערגעלאָזט, אַ געוועזענעם קולטורעלן הונט, וועל־כער האָט זיי אַ פּאָר מאָל פונם טויט געראַטעוועט און וועלכער איז איצט אין אַ וואָלף, אינם שטאַרקסטן וואָלף פאַרוואַנדלט געוואָרן...
דער הונט נעמט נקמה פון דיווילדע איינוווינער פון יענעם געגנט און גאַנצע לעגענדן האָבן זיך איבער אים געשאַפן. ווי פאַר אַ בייזן דעמאָן ציטערן זיי פאַר דער נייער חיה, וועלכע האָט אויך אַ נייעם מין אָנגעפלאָדעט... דער הונט בעק איז שוין צו דער העכסטער שטופע פון זיין אַנטוויקלונג געקומען. ער האָט אויך שוין אַ גיגאַנט אַ בער בייגעקומען. און דאָך קען ער זיין אַלטן באַלעבאָס־מענטש נישט פאַרגעסן. און פון צייט צו צייט קומט ער ביינאַכט אין דעם טאָל אַריין פון זיינע ווילדע וועלדער, שמעקט אויף דאָס פלאַץ, ווו זיין באַלעבאָס איז אַ טויטער געלעגן, און בילט לאַנג, לאַנג, אַנגסט־לעך־באַנג קעגן דער לבנה.
פונם ריין־מענטשלעכן ווייסט דזשעק לאָנדאָן צו דערציילן, פונם מענטשלעך־טירישן. פאַר אים איז נאָך אַלץ דער מענטש אַ „וואָלפן־זון", אַ פּרימיטיוו באַשעפעניש, וואָס האָט צו קעמפן מיט דער נאַטור פאַר זיין עקזיסטענץ. די בייזע נאַטור איז נאָך ווייט נישט באַקעמפט, דאָס רעטעניש פון לעבן איז נאָך ווייט נישט דערקלערט.
דאָס מענטשלעכע אינם אורטימלעכן זין באַשעפטיקט אים, ווייניקער ווי אַנדערע היינטיקע דיכטער איז ער פאַרנומען מיט דער ליבע.
דזשעק לאָנדאָנס העלדן ליבן ווי די חיות, אַגב־אורחא, פאַרביי־גייענדיק...
די ליבע איז געזונקען און כמעט אינגאַנצן פאַרקלעפּט מיט די דאגות און פּלאָגן פון לעבן!..
פאַרן טויט ערשט, ליגנדיק מיטן מאַן אויפן קאַלטן שניי מיט איין קאָלדרע צוגעדעקט, דערציילט פּאַסעק, ווי הייס זי האָט אים, איר מאַן, דאָס גאַנצע לעבן ליב געהאַט... ער איז געווען דאָס גאַנצע לעבן פאַרטון און האָט עס נישט געמערקט און זי איז געווען געשפּאַנט אין זיין יאָך און האָט אים נישט געוואָלט שטערן מיט אירע „ליבענישן".

איצט נאָר, ווען זי האַלט ביים אַרויסלאָזן דעם לעצטן קרעכץ, דערציילט זי, ווי זי האָט צוליבן מאַן געאָפּפערט מיט איר ברודערס לעבן... און אָפּעטעמענדיק דאָס לעצטע מאָל, דערלאַנגט זי איר מאַן דאָס שפּייז, וואָס זי האָט געשפּאָרט און אַליין נישט געגעסן, כּדי ער זאָל קענען אויספירן זיין שליחות אין דעם וויטן פאַרפרוירענעם וועג...

נישטאָ קיין צייט אין לעבן ליב צו האָבן. און איז דאָך די ליבע סוף־כּל־סוף אפשר נאָר דער צווייטער שטאַרקער פאַקטאָר נאָך דעם אַלנאַטורלעכסטן זעלבסט־באַוואַרונג־אינסטינקט.

און דאָך וואָס פאַר אַ גרויס ליבנדעס האַרץ קלאַפּט אין דעם געזונט־אַנטוויקלטן ברוסט־קאַסטן פון אָט דעם גרויסן אַמעריקאַנער. ער האָט ליב כּוח, קאַמף, אָבער זיין האַרץ איז מיטן באַזיגטן.

שווער איז צו געפינען נאָך אַזאַ דערציילונג ביי די גרעסטע קינסטלער מענטשן־פריינט ווי זיין „צוויי הונדערט טוץ".

מיט צוויי הונדערט טוץ אייער וויל אַן אָרימער קרעמער מאַכן אַ גליקלעך לעבן... ער רעכנט אויס די גרויסע פאַרדינסטן, וואָס ער וועט פון זיי דאָרטן, אין וויטן נאָרד, האָבן. ער וועט מיט זיין ווייב און קינדער רויִק לעבן קענען. און קומט ער שוין מיט אי־בערמענטשלעכע מאַטערנישן צו זיין ציל, הייבט מען אים שוין אָן שיטן זעקלעך גאָלד פאַר זיין סחורה, זענען זיינע אייער פאַרפרוירן... און דער אָרימער מענטש הענגט זיך.

מיט וואָס פאַר אַ גרויסער פאָטערלעכער איראָניע באַשרייבט דזשעק לאָנדאָן די געשיכטע. מיט גוטסקייט און ליבע שטראַלט זיין הומאָר...

גאַנצע לעגענדעס האָבן זיך געטראָגן אין די פאַרפרוירענע קאָלאָניעס גאָלדזוכער איבער דעם סוחר פון די אייער, וועלכער איז אַמאָל דאָ דורכגעפאָרן. ווי פון אַ מלאך האָבן הונגעריקע מיט זיי־ערע זעקלעך זאַמד־גאָלד פון אים גערעדט און געגלויבט און נישט געגלויבט... און ער איז זיך אַלץ ווייטער געפאָרן, וואַרטנדיק אַלץ אויף העכערע פרייזן ביז וואַנען ער איז דערפאָרן.

ווי אַ משוגענער איז ער געזעסן און האָט איין איי נאָך דער צווייטער אויפגעקלאַפּט—אַלע פאַרפרוירן. אָן דעם ביפשטעק, וועלכן

ער האָט זיך איצטער, אַרויסקוקנדיק אויף גרויסע גליקן, פאַרגונען צו קויפן און וועלכער האָט אָנגעהויבן צו ברענען, האָט ער זיך שוין פאַרגעסן און ער האָט געשפּאָלטן די אייער ביז איינע. און אַז ער האָט זיך אויפגעהאָנגען האָט זיך צום ריח פונם פאַרברענטן ביפשטעק צוגעמישט דער שרעקלעכער ריח פון די פאַרפרוירענע אייער, וועלכע האָבן אָנגעהויבן אויפגיין...—

און אַזוינע מיט ליבע שטראַלנדע בילדער וועט איר נישט ווייניק געפינען אין זיינע ווערק.

מער נישט דער עכט-מאָדערנער גייסט האָט איצט עפּעס נייס און אַלטס דערשפּירט... נייס און אַלטס.

„ער האָט עס שוין אַמאָל געזען, געוווּסט און דורכגעפילט. ס׳איז געווען אין אַן אַנדער לעבן, אין אַן אַנדער וועלט, ווו ער פלעגט זיך אַרומיאָגן אַ פרייער, ווי אַ פויגל, מיט לייכטע טריט האָט ער געשוועבט איבער דער אומבאַפלעקטער, מיידלשער ערד — און אויפן קאָפּ אין אומענדלעכע טיפענישן האָט זיך געשפּרייט דער הימל...“

נאָמבערג און יהואש

אין איין יאָר זענען זיי געשטאָרבן. יהואש אין אָנהײב און נאָמבערג צום סוף פונם יאָר 1927. ביידע זענען זיי אַוועק פון אונדז אין פריען עלטער, אין די מיטעלע יאָרן נאָך כמעט.

אָבער נישט די „צופעליקייטן", ווי אויך נישט דאָס, וואָס זיי זענען ביידע פיזיש קראַנקע מענטשן געווען, מאַכן זיי אויסקוקן קרובהש פאַרוואַנדט אין אונזערע אויגן.

זיי, נאָמבערג און יהואש, זענען פון די אָנגעזעענסטע פאָר־שטייער פון דעם דור יידישע דיכטער און שריפטשטעלער, וועלכע זענען געקומען גלייך נאָך פרצן און שלום־עליכמען. פונקט ווי מיר זאָגן אַרויס בנשימה אַחת די נעמען פרץ, שלום־עליכם, פרישמאַן, ספּעקטאָר א. אַ., אַזוי פלעגן מיר נאָכאַנאַנד אַרויסזאָגן די נעמען: אַש, רייזען, נאָמבערג, יהואש...

אייזיק־מאיר דיק, יואל לינעצקי, מענדעלע מוכר־ספרים — רעפּרעזענטירן דעם ערשטן דור מאָדערנע יידישע שרייבער; פרץ, שלום־עליכם, פרוג, פרישמאַן — זענען די הויפּט־רעפּרעזענטאַנטן פון דעם צווייטן דור.

נאָמבערג און יהואש באַלאַנגען צום דריטן (פאַרגלייכמעסיק יונגן) דור יידישע דיכטער און שריפטשטעלער. פאַר דער צייט נור זענען זיי אַרויסגעפאַלן פון אַ גלאַנצנדיקער, צו אונזער גליק נאָך שעפערישער פּלעיאַדע יידישע וואָרט־קינסטלער.

אָבער נאָמבערגן און יהואשן פאַראייניקט נישט נור איין צייט און איין דור, נור הויפּטזאַכלעך דאָס, וואָס זיי באַלאַנגען ביידע צו איין קאַטעגאָריע, צו איין מער-ווייניקער באַשטימטן ט י פּ קינסטלער, קען מען זאָגן: נאָמבערג און יהואש זענען געווען קינסטלער — אינ-טעלעקטואַלן. דאָס א י נ ט ע ל ע ק ט ו אַ ל ע, אינטעלעקטואַליזם איז די הויפּט-כאַראַקטעריסטיק פון זייער ביידנס פאַרשידנאַרטיקן שאַפן. און דערמיט אַליין דערמאָנען זיי שוין אַזוי שטאַרק איינער אין דעם צווייטן.

נאָמבערג און יהואש זענען געווען פון די געציילטע „אינטע-ליגענטן" אין דער יידישער ליטעראַטור. אָט ווי פּרץ און פרישמאַן זענען געווען די כאַראַקטעריסטישע און עכטע „אינטעליגענטן" אין דעם פריערדיקן דור יידישע דיכטער.

דער באַגריף „קינסטלער - אינטעלעקטואַל" אָדער „אינטעלי-גענטער קינסטלער" מוז אָבער פריער אַביסל אויסגעטייטש ווערן:

ווען איך זאָג, אַז נאָמבערג און יהואש זענען געווען די „אינ-טעליגענטן" פון זייער דור יידישע שרייבער, הייסט עס נאָך נישט, אַז זייערע טאַלענטירטערע אפשר חברים, ווי אַש און רייזען, זענען נישט קיין אינטעליגענטע מענטשן.

אָדער ווען מיר האָבן געזאָגט, אַז פּרץ און פרישמאַן זענען די עכטע „אינטעלעקטואַלן" פונם פריערדיקן דור יידישע קינסטלער, הייסט עס נאָך נישט, אַז שלום-עליכם און די אַנדערע זענען נישט קיין מענטשן פון אינטעלעקט געווען.

אַזוי אויסצוטייטשן וואָלט געווען אַן אַבסורד, ווייל נישט נאָר באַלאַנגען קינסטלער און שריפטשטעלער צו די אַזוי גערופענע „אינטע-ליגענטע פאַכן", נאָר זייער אַרבעט, ווי גרויס זייערע „נאַטירלעכע טאַלאַנטן" זאָלן נישט זיין, מוז דאָך אויך זיין קאָפּ-אַרבעט, אַן אַר-בעט פון אינטעלעקט.

אויך ווען איך זאָג, אַז פּרץ, פרישמאַן אָדער נאָמבערג און יהואש זענען געווען „אינטעליגענטן", מיין איך עס נישט צו זייער גנאַי, דערמיט זיי קלענער צו מאַכן.

אמת, ס'איז ביי אונז לעצטנס אַ מאָדע געוואָרן צו זידלען זיך מיט די ווערטער „אינטעליגענט" און „אינטעליגענציע", אָבער דאָס

איז אַ נאַרישע מאָדע. אפשר האָבן די, וואָס האָבן די מאָדע אַרויסגעוואָרפן, געמיינט די האַלבע-אינטעליגענטלעך, וועלכע זענען ווי אַלע אַנדערע „האַלבע" נישט קיין איבעריק פּראָדוקטיווע און שעפעריש מענטשן... און דער סך-הכּל איז, אַז דווקא האַלבע-אינטעליגענטלעך (וועלכע כאַפּן אויף יעדע ליטעראַרישע און קינסטלערישע מאָדע) גייען איצט אַרום און זידלען זיך מיט „אינטעליגענטישקייט" און באַרימען זיך מיט זייער אייגענער עם-הארצות.

די אַלע אָבער, וואָס זידלען זיך מיט אינטעליגענץ, וואָלטן אָבער געמעגט וויסן, אַז אָן גרויסער קולטור, אָן עכטן אינטעלעקטואַליזם זענען נאָך בכלל קיין גרויסע פּאָעטישע ווערק נישט געשאַפן געוואָרן.

פאַרוואָס זשע באַצייכענען מיר דווקא נאָר אַ פרץ און אַ פרישמאַן, אַ נאָמבערג און אַ יהואש אַלס אינטעלעקטועלע קינסטלער, אַלס אינטעליגענטן, און נישט די אַנדערע זייער וויכטיקע פאָרשטייער פון די באַטרעפנדע ליטעראַרישע עפּאָכעס אונזערע:

אין אַלע ליטעראַטורן, און נישט נאָר אין אַלע ליטעראַטורן, נאָר אויך אויף אַלע שאַפונגס-געביטן, זענען פאַראַן הויפּטזאַכלעך צווייערליי מינים קינסטלער: קינסטלער, אַזוי צו זאָגן, באַוווּסטזיניקע, וועלכע גייען צו פריער פאַר אַלעמען מיט מוח, מיטן געדאַנק צו דעם מאָטיוו, וואָס זיי גייען באַשרייבן אָדער מאָלן. דער וויכטיקסטער אַפּאַראַט אינם פּראָצעס פון זייער שאַפן איז ביי דעם מין קינסטלער — דער אינטעלעקט, דער שׂכל. ווידער זענען פאַראַן קינסטלער און פּאָעטן (און אין אַ פיל גרעסערער צאָל, דוכט מיר), וואָס זיי גייען צו מאָלן אָדער שרייבן אינטויטיוו. זייער הויפּט-אַפּאַראַט איז זייער געפיל, זייער קינסטלערישער אינסטינקט. זייער הויפּט-געווער איז זייער אינטויציע. אויפן צווייטן פּלאַן — און אַמאָל אויפן דריטן — קומט אַריין דער עלעמענט פון אינטעלעקט, פון שׂכל, פון אידעאָלאָגישן באַוווּסטזיין אינם פּראָצעס פון זייער שאַפן.

אָט די לעצטע קענען אָנגערופן ווערן סטיכישע קינסטלער (אָדער אינדוקטיווע קינסטלער); די ערשטע קענען באַצייכנט ווערן אַלס אינטעלעקטועלע אָדער „דעדוקטיווע" קינסטלער.

דער סטיכישער אָדער נאַטירלעכער קינסטלער שרייבט אָדער

מאָלט ס'רוב, „ווי גאָט האָט אים געבאָטן," ווי דאָס האַרץ זאָגט אים אונטער.

זיין אויג, זיין האַרץ ווערן פאַרכאַפּט פון געוויסע לעבנס-ערשיינונגען („טעמעס") און ער צעזינגט זיך און צעמאָלט זיך לויט זיינע נאַטירלעכע „געבוירענע" קינסטלערישע פעיקייטן. דערפאַר ווירקט אָפט דער סטיכישער, נאַטירלעכער קינסטלער רוי און צו דער זעלבער צייט פריש ווי אַ שטיק נאַטור, ווי אַ שטיק לעבן.

דער אינטעלעקטועלער קינסטלער, ווידער, דער קולטור-קינסטלער, גייט צו צו זיינע מאָטיוון באַוווּסטזיניק און אויסגערעכנט. ער פרעגט זיך, וואָס ער וויל זאָגן, וואָס ער וויל מאַכן. ער קאָנטראָלירט זיין אינטויציע, זיינע געפילן. און אַז ער געפינט די אידעע, שפּאַנט ער אין געוויסע לעבנס-ערשיינונגען צו זיין אידעע.

ביי דעם סטיכישן קינסטלער איז די אידעע דער ממילא-סך-הכל פון זיין שאַפן; ביי דעם אינטעלעקטועלן קינסטלער איז די אידעע (נישט דווקא טענדענץ) דער פיעדעסטאַל, דער פונדאַמענט פון זיין שאַפן.

דערפאַר מאַכן אָפט די ווערק פון די אינטעלעקטועלע קינסטלער דעם איינדרוק פון אַרטיציזם, פון אַ געוויסער געמאַכטקייט. מער קונסט ווי לעבן.

פאַרשטייט זיך, אַז די גרענעצן צווישן די צוויי קאַטעגאָריעס קינסטלער — צווישן די סטיכישע און אינטעלעקטועלע קינסטלער — זענען נישט שטענדיק שאַרף און בולט. דער גרויסער רוב שרייבער און קינסטלער זענען לא האָ ולא האָ: נישט קיין נאַטירלעכע טאַלענטן און נישט קיין מענטשן פון קולטור און אינטעלעקט. אָבער וואָס פאַר אַ באַדייטנדן שריפטשטעלער אָדער קינסטלער מיר זאָלן נישט נעמען, סיי אין אונזער ליטעראַטור, סיי ביי די אומות-העולם, קענען מיר גלייך דערקענען פון זייער שאַפן, צו וועלכער פון די צוויי הויפּט-קאַטעגאָריעס זיי באַלאַנגען. און אפילו צווישן די גרעסטע פון די גרעסטע, אפילו צווישן גאונים קענען מיר באַמערקן אָט די צעטיילונגס-ליניע:

שעקספּיר, מיקעל אַנדזשעלאָ, סערוואַנטעס, דאָסטאָיעווסקי, דיקענס...

זענען, אזוי צו זאָגן, סטיכישע גאונים. זייער שאַפן ווירקט אויף אונז הויפּטזאַכלעך, ווי סטיכישע נאַטור־אַנטפּלעקונגען.

אין דער צייט, ווען אַזעלכע גאונים ווי פּלאַטאָ, לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי, געטע, אַנאַטאָל פּראַנס א. אַ. צייכענען זיך הויפּטזאַכלעך אויס מיט זייער גוואַלדיקן אינטעלעקט.

אויך די לעצטע זענען באַשאָנקען געווען פון דער נאַטור מיט גוואַלדיקער אינטויציע, פּונקט ווי די ערשטע מיט גרויס אינטעלעקט, אָבער דער געדאַנקלעכער עלעמענט, דער שכל איז געווען דער לייטנדער אין זייער שאַפן.

II

אין אונזער יידישער ליטעראַטור איז דער הערשנדער טיפּ שרייבער דערוויי! נאָך אַלץ דער סטיכישער. עס איז אפשר אַזוי אין אַלע ליטעראַטורן; אָבער ביי אונז מער, ווייל אונזער ליטעראַטור איז נאָך אַ יונגע, האָט ווייניק טראַדיציע און ליטעראַרישע קולטור. דער יונגער יידישער שרייבער, וועלכער איז צופעליק אָן אינטעליגענט (אָן געגנזנפּיסלעך), האָט נאָך ווייניק צו לערנען פון אונזער ליטעראַטור און פון אונזערע קלאַסיקער. דער אינטעלעקטועלער קינסטלער איז סינטעטיש ס׳רוב אין זיין שאַפן. און קומען צו סינטעזן קען מען נאָר דורך רייכער קולטור און טראַדיציע.

אויך איז דער אָנבאָט אויף אונזער ליטעראַרישן מאַרק און דער עיקר מצד דעם לעזער הויפּטזאַכלעך אויף דער אַזוי גערופענער נאַטירלעכער רעאַליסטישער (אינם ענגן זין פונם וואָרט) ליטעראַטור.

אַ רעאַליסטישע דערציילונג, אַ ראָמאַן און נאָך אָפטער אַ „סקיצע״ איז פיל לייכטער אָפּצוזעצן אויף אונזער ליטעראַרישן מאַרק ווי די פאַרשידענע ריין־אינטעלעקטועל קינסטלערישע ליטעראַרישע פּרוּוון. אַפילו אין דער צייט, ווען פּרץ מיט זיינע אינטעלעקטועל־סימבאָלישע סקיצן און מעשהלעך איז געווען ביי אונז אויף

דער העכסטער גדולה האָבן אונזערע שרייבער ס׳רוב געשריבן און באַשריבן שטיקער און ברעקלעך פון אונזער פשוטן לעבנסשטייגער. איך זאָג עס נישט דערפאַר, ווייל איך בין געגן דעם, וואָס ווערט אָנגערופן רעאַליזם. אָבער ס׳איז אויך דאָ אַן אינטעלעקטועלער קינסט־לערישער רעאַליזם און אַ רעאַליזם אַ פאָטאָגראַפישער כמעט, אַ אָרימער, ווייל סטיכישע גרויסע טאַלאַנטן זענען דאָ אַזוי ווייניק.

דערפאַר, צוליב דעם אָנבאָט, וועלכער הערשט נאָך עד־היום ביי אונז, איז אונזער ליטעראַטור אַזוי רייך געוואָרן מיט טאַלאַנטן און טאַלאַנטלעך און אַזוי אָרעם געבליבן מיט קינסטלער, אינטע־לעקטואַלן, וואָס זאָלן זוכן אין זייער שאַפן און מיט זייער שאַפן, און אונזער ליטעראַטור און לעבן באַפרוכפערן מיט אידעען.

דערפאַר איז אונזער שיינע ליטעראַטור נאָך עד־היום פאַרגלייכ־מעסיק פיל רייכער אין בילדער ווי אין אידעען.

זעט ווי שטאַרק און פאַרגלייכמעסיק רייך איז די צאָל פון גרויסע רויע טאַלענטן אין אונזער ליטעראטור: שלום־עליכם, שלום אַש, רייזען, ווייסענבערג, יונה ראָזענפעלד, מ. ל. האַלפערן, י. י. זינגער, פוקס... און נאָך צענדליקער אַנדערע אמתע טאַלאַנטן.

און ווי געציילט זענען אונזערע אינטעלעקטועלע קינסטלער און דיכטער? ווי געציילט זענען די פון אונזערע אַלטע און יונגע דיכטער, וועלכע זוכן באַוווסטזיניק עפעס אין זייער שאַפן, וועלכע שרייבן נישט בלויז, ווייל זיי האָבן אַ געבוירענעם טאַלאַנט און זינ־גען אויס זייער טאַלאַנט, נור וואָס קולטיווירן זיך, וואָס וואַקסן אין און זייער שאַפן און וואָס זינגען אָדער ווילן זינגען שטענדיק עפעס ביים... פרווט זיי ציילן אָט די אינטעלעקטועלע קולטור־קינסטלער אונזערע:

פרץ, פרישמאַן — צווישן אונזערע קלאַסיקער.
און... נאָמבערג און יהואש.

ווי פרץ און פרישמאַן מיט אַ דור פריער, זענען נאָמבערג און יהואש געווען די עכטע אינטעליגענטן אין אונזער ליטעראַטור.

פאַרשידנאַרטיק און אפשר אויך פון פאַרשידענער ווערט איז געווען זייער שאַפן, אָבער אינטעלעקטואַליזם איז געווען די הויפּט-פאַרב, דער הויפט-כאַראַקטער פון זייער שאַפן.

שוין אין זיינע ערשטע ליטעראַרישע אַרבעטן, קען מען שפּירן אָט דאָס אינטעליגענטישע, דאָס שכלדיקע, דאָס באַוווּסטזיניקע.

טרוקן, כמעט פּובליציסטיש זענען געווען יהואשס ערשטע לידער, אָבער שוין אין יהואשס ערשטע לידער האָט מען געקענט דערזען אייגנעם, וואָס וויל און זוכט עפּעס באַוווּסטזיניק, וועלכער ווי אפשר סינטעזירן די איינפלוסן פון אַ מאָריס ראָזנפעלד, פרוג און אַנדערע מער „נאַטירלעכע" פּאָעטן. מען האָט געקענט דערקענען פון זיינע ערשטע לידער שוין, אַז דאָ האָבן מיר צו טוען נישט מיט אַ פּאָעט פון „גאָטס גנאָד", אָבער וואָס איז מאַנכמאָל פיל וויכטיקער פאַר אַ ליטעראַטור: מיט אַ פּאָעט פון „א ײ ג ע נ ע ם ג נ אָ ד".

און יהואש איז ווירקלעך געוואָרן אַ פּאָעט פון זיין אייגענעם גנאָד אין דער יידישער ליטעראַטור. די נאַטור האָט אים אפשר נישט באַשאָנקען מיט אַ גרויסן נאַטירלעכן פּאָעטישן טאַלאַנט, ווי אייניקע פון אונזערע אַנדערע באַרימטע פּאָעטן (ווי צום ביישפּיל אברהם רייזען), אָבער דערפאַר האָט ער אויף זיין „קלענערן טאַלאַנט" פיל מער געאַרבעט. ווי אַן עכטער אינטעלעקטואַלער קינסטלער האָט יהואש אויף זיך און אויף זיין שפראַך געהאַלטן אין איין אַרבעטן, ער האָט זיין טאַלאַנט קולטיווירט, ער האָט אויף זיין טאַלאַנט נישט געלאָזט וואַקסן ווילדע גראָזן און מאָך (ווי ס'טוען ס'רוב געבוירענע טאַלאַנטן און אַפילו גרויסע), ער האָט אים געהאַלטן אין איין קול-טיווירן.

און אין סך-הכל זענען יהואשס לעצטע לידער אויף די בעסטע, וואָס ער האָט געשאַפן. און די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט ער געשאַפן אָט די לידער זיינע, וועלכע זענען אמתע מייסטערווערק אין אונזער ליטעראַטור, לויט דער סינטעטישער געשליפנקייט פון זייער פאָרם און שפּראַך, אויב נישט לויט זייער פּאָעטישער אינטי-

מיטעט וועל איך זאָגן, מיט וועלכער עס צייכענען זיך אויס צום ביישפּיל רייזענס בעסטע לידער.

אָנגעפּאַנגען מיט כמעט טרוקענע פּובליציסטישע לידער און געענדיקט מיט קריסטאַליזירטע פיין־קינסטלערישע אַראַבעסקן. אַזוי פּאַנגט אָן אַן עכטער קינסטלער־אינטעלעקטואַל; אַזוי רייפט זיך אַ קינסטלער פון קולטור: דאָס לעצטע — דאָס בעסטע. אויך י. ל. פּרץ האָט אַמבעסטן געשריבן אין זיינע לעצטע יאָרן.

אויך נאָמבערג האָט אָנגעהויבן שרייבן, ווי אַן עכטער אינטעליגענט. נישט בלויז ווייל אין זיינע דערציילונגען האָבן פיגורירט די האַלב־אינטעליגענטע פליגלמאַנס און קורסיסטקעס. נור ווייל אין זיינע ערשטע דערציילונגען און אין דעם אופן, ווי ער האָט זיי געשריבן, האָט איר שוין געקענט זען דעם אינטעליגענט, דעם צווייפלער־אינטעליגענט, וועלכער זוכט עפּעס, וועלכער מאָנט עפּעס פון לעבן.

ער איז נישט פאַרשיכּורט און פאַרכאַפּט פון דעם לעבן אַרום אים, אַזוי ווי די סטיכישע טאַלאַנטן, ווי אַש אָדער וויסענבערג. ער קען נישט צוגיין דירעקט צום לעבן, וואָס ער זעט און שילדערט, ער באַהעפט זיך נישט לייבלעך מיט דעם אַרומיקן: דער שכל דערלאָזט נישט, דאָס וועלן וויסן און פאַרשטיין און דאָס צווייפלען הענגט ווי אַ נעפּל־פאָרהאַנג אינמיטן.

נאָמבערג מיט זיינע ערשטע דערציילונגען האָט אַ פיל גרעסערן דערפאָלג געהאַט פון יהואשן מיט זיינע ערשטע לידער. די ליטעראַטור האָט דאַן ווי געגאַרט נאָך די „אינטעליגענטע טיפּן". און נאָמבערג — אָט דער פאָרגייער און מבשר פון בערגעלסאָנען — איז געקומען אין דער ריכטיקער צייט און פּלאַץ. פרץ איז דאַן געווען דער יונגער „רבי" און פרץ דער אינטעליגענט האָט באַלד אָנערקענט ווי זיין יורש דעם אינטעליגענט נאָמבערג. אָבער נישט צוליב דעם אַליין איז נאָמבערג פריער אָנערקענט און באַרימט געוואָרן ווי

יהואש. נאָמבערג האָט, דוכט מיר, געהאַט אויך אַ גרעסערן נאַטיר־לעכן טאַלאַנט, כאָטש ער האָט סך־הכל ווייניקער איבערגעלאָזט ווי יהואש.

נאָמבערג איז דוכט מיר — פאַרשטייט זיך, אַז איך משפּט נור פון זייערע ווערק — געווען קינסטלעריש־אינטויטיווער ווי יהואש, כאָטש נאָמבערגס אינטויציע איז אויך געווען אַזאַ שכלדיקע.

נאָמבערג האָט געהערט צו די מענטשן, וועלכע פּילן מיטן קאָפּ.

III

אָבער פּונקט ווי נאַטירלעכע סטיכישע טאַלאַנטן זענען פון פאַרשידענער אינדיווידועלער גרויס, כאַראַקטער און באַדייטונג, אַזוי זענען אויך פאַרשידן די אינטעלעקטועלע קינסטלער: יהואשס אינ־טעלעקט איז אַ פּיל מער אַקאַדעמישער און סיסטעמאַטישער געווען ווי נאָמבערגס. עפּעס פּראָפעסאָרישס האָט געשטעקט אין דעם פיינעם געשמאַקפולן דיכטער יהואש פון די שפּעטערע יאָרן. ער האָט גע־שליפן זיינע לידער, די יידישע שפּראַך. און ער איז אפשר געווען פּונקט אַזאַ גוטער בעל־דיקדוק ווי דיכטער.

אָפּט קען זיך דאַכטן, אַז יהואש אַליין האָט געפירט די קאַרג־שאַפט מיט וועלכער די נאַטור האָט אים געגעבן זיין טאַלאַנט און האָט מיט זיין ווילן, מיט זיין געוויסנהאַפטן בילדן זיך און מיט זיין קולטיווירן זיך, זיך און זיין טאַלאַנט „באַגנעדיקט" און ער האָט מיט זיין אַרבעט, מיט זיין קולטור איבערגעשטיגן און מער פאַר אונזער ליטעראַטור געשאַפן ווי אייניקע פון זיינע חברים פּאָעטן, וועלכע האָבן אפשר מער פון אים טאַלאַנט געהאַט.

יהואש איז געווען אַן אינטעלעקטואַל — אַ מתמיד; ער איז געווען אַן אינטעלעקטועלער ח ר י ף.

ער האָט אפשר אַ שאַרפערן מוח און אַ פיינערע קינסטלערישע אינטויציע געהאַט פון יהואשן. אָבער אין דער צייט, ווען יהואשן

האָט דער אינטעלעקטואַליזם געראַטעוועט, האָט נאָמבערגן דער אינ־טעלעקטואַליזם געשטערט, צעשטרייט און צעוואָרפן.

יהואשס אינטעלעקטואַליזם איז נישט געווען אַזוי געפליגלט און ווייט און טיף־לויפנדיק ווי נאָמבערגס; דאָס האָט יהואשן געהאָלפן זיך קאָנצענטרירן אויף זיין אַרבעט, אויף זיינע אַרבעטן. נאָמבערגס שכל איז געווען צו פלינק און צו שאַרף און ער איז אַריבערגע־וואָקסן זיינע אַרבעטן. פון אַלע נאָמבערגס ווערק איז דאָס אינטערע־סאַנטסטע און לעבעדיקסטע ווערק – נאָמבערג אַליין. פון נאָמ־בערגן איז אונז געבליבן דאָס אומגעהויערע אינטערעסאַנטע און נישט אָנגעשריבענע ווערק „נאָמבערג". פונקען נור פון זיך האָט ער אונז איבערגעלאָזט אין זיינע ווערק. און ס'איז געבליבן נור פאַר זיינע פריינט און פאַר זיינע בעסערע לעזער אים, נאָמבערגן, אינטוי־טיוו צו דערגאַנצן און ליב האָבן...

נאָמבערג מיט זיין פיין פאַרשטיין שרייבער און מענטשן האָט געקענט זיין דער קריטיקער און דער יידישער ליטעראַטור; נאָמ־בערג האָט געקענט זיין אַ פיינער דיכטער; נאָמבערג האָט געקענט זיין דער דראַמאַטורג און נאָוועליסט... נור זיין שכל איז געווען צו שאַרף און סקעפּטיש, זיין טעמפּעראַמענט צו דינאַמיש, ער זאָל זיך קענען קאָנצענטרירן אויף איין געביט, אויף איין אַרבעט, אויף איין לעבנס־ווערק...

און ער האָט נור ווונקען און פונקען פון זיך איבערגעלאָזט אין זיינע ווערק... ווונקען און פונקען פון אַ נאָמבערג. און יהואש?..

דער שטילער געלערנטער יידישער דיכטער יהואש. ווען ביי יהואשס לעבן וואָלט געשאַפן געוואָרן אַ יידישע ליטעראַטור־אַקאַדע־מיע, וואָלט יהואש בלי ספק פאַרדינט צו זיין דער ערשטער יידישער דיכטער אַקאַדעמיקער.

ס'איז באַוווּסט, אַז פלאָבער האָט די פראַכטפולע קריטישע באַ־מערקונג געמאַכט וועגן זיין אייגענעם באַרימטן היסטאָרישן ראָמאַן „סאַלאַמבאָ": „זיין פיעדעסטאַל איז צו גרויס פאַרן מאָנומענט". אַ גאַנ־צע אַלטע קולטור האָט ער אויפגעבויט אין דעם ראָמאַן, אַזוי אַז די העלדין סאַלאַמבאָ איז אַרויסגעקומען צו קליין...

דאָס אייגענע וועט אפשר אַמאָל געזאָגט ווערן וועגן יהואשס

דיכטונג און וועגן יהואשס קלאַסישע שוין ביבל-איבערזעצונג: דער פּיעדעסטאַל איז צו גרויס פאַרן מאָנומענט...

אָבער וואָס פאַר אַ יידישער דיכטער איז עס נישט מקנא יהואשן פאַר זיין ביבל-איבערזעצונג, וועלכע וועט לעבן אַזוי לאַנג ווי די יידישע שפּראַך וועט לעבן.

ביידע פון די אָנגעזעענסטע, באַדייטנדסטע אינטעלעקטועלן אין אונזער ליטעראַטור.

ביידע געשטאָרבן אין פריען עלטער אין איין און דעם זעלבן יאָר. און ביידע האָבן זיי די בעסטע רייפסטע העלפט פון זייערע יאָרן אָפּגעלעבט מיט זייערע קראַנקע גופים „אינם שאָטן פון טויט".

ביידע האָבן זיי געוווסט, אַז זיי זענען קראַנק און אַז זיי וועלן לאַנג נישט ציען...

און ווי פאַרשידן האָבן די פיינע קולטורעלע קינסטלער רעאַגירט אויף דעם שרעקלעכן באַוווסטזיין זייערן?

איינער — יהואש האָט געאַרבעט. זייענדיק פאַטאַל קראַנק, האָט ער נאָך מער געאַרבעט, גלייך ווי ער וואָלט מיט זיין אַרבעט נישט נור געוואָלט באַרייכערן און באַזעפטיקן זיינע פעיקייטן, נור אויך פאַרטאָפּלען און אויסלעבן זיינע יאָרן.

ער האָט געוווסט ער וועט לאַנג נישט לעבן און ער האָט נישט געוואָלט ווי אַ קורץ לעבן אָוועקגעבן דער יידישער ליטעראַטור. און ער האָט אונז אַחוץ זיין דיכטונג נאָך איבערגעלאָזט אַן אמת „לעבנס-ווערק" — זיין פּראַכטפולע יידישע ביבל-איבערזעצונג.

אויך נאָמבערג האָט געוווסט, אַז ער וועט לאַנג נישט לעבן. אָבער אים האָט דאָס שרעקלעכע באַוווסטזיין נישט געטריבן צום שרייבטיש און צו קאַבינעט-אַרבעט, נור... צום לעבן גופא...

יהואש האָט געאַרבעט און געשאַפן אַ פול לעבן; נאָמבערג האָט אָפּגעלעבט אַ פול לעבן.

אויך נאָמבערג וואָלט געקענט איבערזעצן די ביבל אָדער מיט אַן ענלעכער אַקאַדעמישער אַרבעט זיך אָפּגעבן, ווען ער וואָלט נישט געווען אזוי דינאַמיש, אַזוי קינסטלעריש־באַהעמיש אין טעמפּעראַמענט. און דער עיקר, ווען ער וואָלט אַזוי נישט ליב געהאַט דאָס לעבן...

און טאַקע צוליב די טעמים האָט ער זיך גענומען צו זשור־נאַליזם. אין זשורנאַליזם איז דאָך דאָ דאָס רעשיקע לעבן און נישט אין אַקאַדעמישע אַרבעטן. און ה. ד. נאָמבערג איז געוואָרן איינער פון אונזערע גלענצנדסטע זשורנאַליסטן.

אין דעם יידישן זשורנאַליזם האָט ער אַריינגעבראַכט זיין פּער־זענלעכן „עספּרי", זיין צאַפּלדיקן קינסטלערישן איך, זיין קאָפּ־געפיל און זיין פּקחותדיקן סקעפּטיציזם...

עס קען זיין, אַז אין זיינע לעצטע טעג האָט ער געפילט, אַז ער האָט נישט געגעבן דער יידישער ליטעראַטור, וואָס ער האָט איר געקענט געבן, לויט זיינע גרויסע אינטעלעקטועל־קינסטלערישע פעי־קייטן.

אפשר האָט ער עס באַדויערט? און אפשר האָט ער נאָך מער געוואָלט און געבענקט נאָך לעבן?

„וואָרים וואָס כ׳לעבן איז טאַקע אומשטערבלעכקייט..."

אונזערע ליטעראַטור־קריטיקער

די נייע יידישע ליטעראַטור וואַרט נאָך אַלץ אויף איר קריטיקער. דערווייַלע האָבן מיר בלויז במקום קריטיקער–שטעלפאַרטרעטער פון קריטיקער. ערנהאַפטע, איבערגעגעבענע פאַרטרעטער אפשר, אָבער נישט קיין קריטיקער אינם אמתן זין פונם וואָרט, ווי אונזער נייע ליטעראַטור מיט איר שפּאָר ביסל אמת גוטע שרייבער פאַרדינען עס.

און נאָך מער נויטיקט זיך אונזער ליטעראַטור אין עכטער קריטיק צוליב די נישט נאָרמאַלע טראַגישע באַדינגען אין וועלכע זי איז געשאַפן געוואָרן און האָט זיך אַנטוויקלט... אָפט דאַכט זיך, אַז די הייַנטיקע יידישע שרייבער – און אַלע און די בעסטע – האָבן אוועקגעבלאָנדזשעט פון זיך אַליין און פון זייער שאַפן.

פון וואַנעט שטאַמט די יידישע ליטעראַטור? ווּהין גייט זי? אויף וועלכע סאָציאַלע כּוחות וועט זי זיך שטיצן שפּעטער? ווּ איז דער יידישער באָדן, דאָס יידישע לעבן פון וועלכע קינסטלער, דיכטער מוזן ציען זייערע שעפערישע זאַפטן?

און דער געזונטער דרייסטער קריטישער געדאַנק, וואָס זאָל וויַיזן אַן אויסוועג, וואָס זאָל זוכן אַן אויסוועג, איז נישטאָ דערווייל. אַן עכטן טעמפּעראַמענט פון אַ קריטיקער האָט געהאַט דוד פרישמאַן.

ער איז געווען געבוירן קינסטלער, געבוירן פּאָעט דערצו. זיין „תּוהו ובוהו" איז געווען אַן עכט־קריטיש ווערק און אַן אמתער „לענדמאַרק", וויכטיקער ווענדפּונקט אין דער נייער העברעישער ליטעראַטור, און וויַיניקער דירעקט אויך אין דער יידישער.

דוד פרישמאַן האָט געקענט מאַכן גרויסע געוואַגטע פעלערן, וועלכע באַצייכענען אויך קריטיקער. ער האָט נישט מורא געהאַט פאַרן שרייבער איבער וועלכן ער האָט געשריבן, ער האָט נישט מורא געהאַט פאַר אָנגענומענע מיינונגען וועגן דיכטער און שרייבער, ווי גרויס זיי זענען געווען.

דער אמתער קריטיקער, ווי דער אמתער קינסטלער, דאַרף קענען איבערטרייבן. נור דאַן וועקן זיי אויף די כּוחות, די שאַפערישע ענערגיע פון זייערע לעזער

אַ שטיק צייט איז בעל-מחשבות (דר. עזריאַשעווו) געווען אונזער אָפיציעלער קריטיקער. אָבער אַצינד איז אַלעמען קלאָר, אַז בעל-מחשבות איז נישט געווען קיין קריטיקער. בעל-מחשבות איז געווען אַ פיינער ליטעראַרישער פעדיעטאָניסט, אַ ליטעראַרישער שמועסער („קאָזעיר"). ער האָט שיין געשריבן. און אין דער אמתן האָט ער נור געהאָלפן קרעכצן דעם יידישן שרייבער, דעם יידישן דיכטער. בעל-מחשבות, קען מען זאָגן, איז געווען דער בעסטער און סימפּאַטישסטער לעזער, וואָס יידישע שרייבער האָבן געהאַט.

נישט קיין ליטעראַטור-קריטיקער איז שמואל ניגער, כאָטש ער טראָגט זייער ווירדיק דעם שווערן פאַראַנטוואָרטלעכן מאַנטל. ש. ניגער, וואָלט איך געזאָגט, איז פאַר דער יידישער ליטעראַטור אומגעפער דאָס וואָס רש"י איז געווען פאַרן חומש: אַ געטרייער קאָמענטאַטאָר, אָבער נישט קיין קריטיקער. ניגער האָט דעם טעמפּעראַמענט און סטיל פון אַ געלערנטן בעל-מפרש און נישט דעם בליציקן סאַרקאַזם פון אַ קריטיקער. ניגער לייענט זיך שווער און מיר דאַכט זיך, אַז אמתע קריטיק דאַרף זיך נאָך בעסער לייענען ווי נאָוועלן.

ש. ניגער איז זייער אָרטאָדאָקסאַל אין זיין שרייבן: מיט דרך-ארץ שרייבט ער וועגן אונזערע קלאַסיקער. געוויינלעך דערלויבט ער זיך אויך זיי אַמאָל אויסבעסערן אַ פעלער און מיט זייער פיל ליבע און געדולד (ווי אַ געטרייער פּעדאַגאָג) שרייבט ער וועגן די יינגערע דיכטער. אָבער אַרויס פון די כּלים גייט ער קיינמאָל נישט. ער איז

צו געטריי, צו ערנהאַפט, און דערצו האָט ער אַזאַ טעאָרעטיש-וויסנשאַפטלעכע אָביעקטיוויטעט, וועלכע פּאַסט זיך מער פאַר אַ ליטעראַטור-פאָרשער און היסטאָריקער ווי פאַר אַ קריטיקער.

אָפט דאַכט זיך, אַז ש. ניגער וואָלט געקענט אָנשרייבן אַ שאַרפן עכט קריטישן אַרטיקל, אָבער זיין מורא, „טאָמער וועט עס שאָדן ברענגען דער יונגער יידישער ליטעראַטור און איר אַנטוויקלונג", איז צו גרויס און ער לייגט זיך איבער און קערט זיך צוריק אום צו זיינע ליטעראַרישע קאָמענטאַרן. אַמשאַרפסטן איז ש. ניגער, ווען ער איז אַפּאָלאָגעטיש, ווען ער פאַרטיידיקט די יידישע ליטעראַטור פון אירע אויסערלעכע און אינערלעכע שונאים.

געוויינלעך, זיינע פאַרדינסטן זענען גרויס פאַר דער יידישער ליטעראַטור. און זיין גרעסט ווערק—אַ קלאַסישע דיק-בענדיקע געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור — דאַרפן מיר ערשט ערוואַרטן.

כאַראַקטעריסטיש איז, אַז מיר האָבן שוין פיל מער און בעסערע פאָרשער און היסטאָריקער פון דער יידישער ליטעראַטור (כאָטש זי איז נאָך אַזוי יונג) ווי קריטיקער. די מייסטע פון אונזערע יינגערע „ליטעראַטור-קריטיקער" האָבן זיך גענומען צו יידישער ליטעראַטור-געשיכטע און ליטעראַטור-וויסנשאַפטלעריי באַלד נאָך זייערע ערשטע מער-ווייניקער געלונגענע קריטישע פּראָבן מיט דעם אויסנאַם פון משה נאַדיר און ליטוואַקאָוו, וועלכע ווייזן אמת קריטישע פעיקייטן (דער לעצטער אפשר צוליב זיין קעמפערישער פאַרטייִשקייט).

ס'איז אַ פאַקט: די יידישע ליטעראַטור-געשיכטע איז שוין אַסך רייכער ווי די יידישע ליטעראַטור-קריטיק. און מיר דאַכט זיך, אַז ס'איז נישט אַזאַ פרייילעכער פאַקט: אונזער ליטעראַטור איז דאָך נאָך אַזוי יונג און ס'פאָרען זיך אַרום איר אַרום שוין אַזוי פיל היסטאָריקער, פאָרשער און... אַרכעאָלאָגן, ווי אַרום עפּעס אַ

בייעם „לשון קודש". אַלנפאַלס דאַכט זיך, אַז די יידישע ליטעראַטור בויטיקט זיך אַצינד פיל מער אין קריטיק ווי אין געשיכטע.

די נויט איז ממש הימלשרייענד: וואָס פאַר אַ יונגן יידישן זשורנאַל צי זאַמלבוך איר עפנט נישט אויף, הערט איר פון זיי אַרויס דעם געשריי: ווו איז דער יידישער קריטיקער?!

ס'לוינט זיך נישט צו רעדן וועגן די מאַנערייען און „טענות צו דער יידישער קריטיק" פון די פון אונזערע „יונגע", וועלכע מיינען, אַז ליטעראַטור-קריטיק איז נאָך אַ רעצענזיע און נאָך אַ רעצענזיע... און גוטע דערצו... נישט דאָס איז קריטיק. און נישט די קריטיק פעלט אונז. ליטעראַטור-פאַטריאָטן, וואָס שטעלן גוטע „אַטמעטקעס", פעלן אונז נישט. אונז פעלט דער וואָרט-זאָגער. און דער אמתער קריטיקער איז דער וואָרט-זאָגער, וועלכער ווייזט די קינסטלער, די שרייבער פון זיין צייט, ווען זיי זענען געטריי און ווען זיי זינדיקן קעגן זייערע טאַלאַנטן, קעגן דעם לעבן פון זייער מיליע, פון זייער עפּאָכע.

אין די בעסערע ווערק פון די קינסטלער געפינט ער די לייטנדיקע אידעע, דאָס ליכט, וואָס ווייזט אַ פאָלק וווהין צו גיין ווייטער, פאַר וואָס צו קעמפן... און די פאַלשע קינסטלער, די וועלכע זינדיקן קעגן זיך און קעגן לעבן (לעבן און „רעאַליזם" זענען באַ-זונדערע זאַכן), שאַנעוועט ער נישט, ווייל זיי פאַרפירן מיט זייערע קרומע שפיגלען, מיט זייערע שפיגלען פון שפיגלען.

קריטיק איז דער כוח, וואָס שאַפט ברעכנדיק.

ווי-זשע קומט עס, וואָס די יידישע ליטעראַטור איז אַזוי אָרעם אין קריטיק? מיר יידן זענען דאָך עפעס באַקאַנט אויף דער וועלט אַלס אַ „פאָלק פון קריטיקער". מען רעדט דאָך אַזויפיל פון דעם יידישן „קריטישן גייסט". און אין אַנדערע ליטעראַטורן און שפּראַכן זענען מיר דאָך פאַרטרעטן מיט אַזויפיל גלענצנדיקע ליטעראַטור- און קונסט-קריטיקער.

אַסך שולדיק אין אונזער קריטיק-מאַנגל, גלויב איך, זענען די פּראָווינציאָנעלע אָנשויונגען פון דער מערהייט פון אונזערע דיכטער און בעלעטריסטן. ביי זיי הערשט נאָך אַלץ די אַלטמאָדישע מיינונג, אַז אַ קריטיקער איז אַ נידעריקערע באַשעפעניש פון אַ נאָוועליסט

אָדער אַ סקיצן-שרייבער. און זיי האָבן זיך מורא צו „דערנידעריקן" מיט קריטיק-שרייבן. כאָטש אייניקע פון אונזערע בעלעטריסטן וואָלטן אינטערעסאַנטערע קריטישע אַרטיקלען געשריבן ווי מאַנכע פון אונזערע פאַך-קריטיקער. און אייניקע האָבן עס שוין באַוויזן.

האָבן זיי אָבער מורא זיך צו באַליידיקן, צו באַפלעקן דורך קריטיק זייערע פּאָעטיש-קינסטלערישע רעפּוטאַציעס. און דאָס איז אַ נאַיווער פּראָווינציאַליזם. ס'איז נישטאָ כמעט איין באַדייטנדיקער אייראָפּעישער קינסטלער, וואָס זאָל נישט האָבן אַ פּאָר בעסערע קריטישע עסייען צו זיין קרעדיט.

נור אונזערע בעלעטריסטן וואַרטן, ווי כוהנים, די קריטיקער-לוויים זאָלן זיי גיסן וואַסער אויף די הענט.

אָבער ס'איז דאָ נאָך אַ טיפערע סיבה, וועלכע ערקלערט פאַרוואָס די יידישע ליטעראַטור האָט נישט די קריטיקער, וואָס זי פאַרדינט לויט אירע טאַלאַנטן און לויט דעם קריטישן חוש, וואָס יידן בכלל פאַרמאָגן.

און דאָס איז אונזער אמתע און נאָך מער איינגערעדטע באָדנלאָזיקייט. יידן זענען גוואַלדיקע קריטיקער און רעוואָלוציאָנערן אין דרויסן, פאַר פרעמדע ליטעראַטורן און אינסטיטוציעס. אָבער ביי זיך אין דער היים זענען מיר קאָנסערוואַטיוו, ווייל מיר האַלטן אין איין ציטערן פאַר אונטערגיין.

קיין פאָלק האָט דערפאַר נישט אַזוי פיל קאַנאָניזירטע, פאַרהייליקטע פשוטע ליטעראַטור, ווי מיר, יידן. מיר האָבן געמאַכט און מאַכן צופיל וועזן פון יעדער שטיקל ליטעראַטור, פון יעדן נשקשהדיקן ליד, ווייל ס'פעלן אונז געזונטע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פאָרמען און פּאָזיציעס.

און יידיש און דער נייער יידישער ליטעראַטור דראָט לעצטנס די געפאַר פאַרהייליקט צו ווערן, קאַנאָניזירט צו ווערן. באַווייזט זיך אַ נייער לעבעדיקער שרייבער, באַטראַכט מען אים ווי עפּעס אַ „נאַציאָנאַלן זיג" און מען זעצט אים אַריין אין אַ מין „האָט האוז", „אָראַנזשעריע"-אַטמאָספערע מיט אַ הויכער טעמפּעראַטור, ביז מען נאָגט פון אים אויס דאָס לעצטע ביסל לעבעדיק לעבן. אַז אַ דיכטער איז אַ נאַציאָנאַליסטישער (לינקער צי רעכטער מאַכט נישט אויס)

„זיג‟, ווי זשע קען מען אים קריטיקירן? אז אַ קינסטלער זיצט אין אַ גלעזערן הויז — ווי זשע טאָר מען אַהין שטיינער וואַרפן? איז דען אַ ווונדער פאַרוואָס אונזערע יינגערע ליטעראַטור-קריטיקער נעמען זיך בעסער צו יידישער ליטעראַטור-געשיכטע?

דערפאַר האָבן מיר אָנשטאָט ליטעראַטור-קריטיק אַממייסטן ליטעראַטור-פּאַטריאָטיזם און ליטעראַרישע קאָמענטאַרן.

דערפאַר שמעקט שוין אָפּט מיט טוכלען הייליקן מאָך פון דער יונגער יידישער ליטעראַטור און פון דער יידישער שפּראַך, וועלכע האָט ערשט נעכטן, דאַכט זיך, געהאָט די גרויסע פּריווילעגיע צו זיין אַ זשאַרגאָן—אַ רויע צאַפּלדיקע שפּראַך, אַ שפּראַך אין ווערן.—

און וועקט זיך איינער פון אונז אַמאָל אויף מיט אַ לעבעדיק וואָרנדיק וואָרט, מיט אַ צאַפּלדיקן אויסגעשריי, אַזוי רינגלען אים אַרום די ליטעראַרישע פּריסטער און מאַנדאַרינען אונזערע, די גרויסע ליבהאָבער און פּאַטריאָטן פון אונזער ליטעראַטור און דראָען מיט די ביינעריקע פינגער:

טשעפּעט נישט... לאָז דאָס הייליקע געוועב זיך ווייטער שפּי-נען... מיר האָבן אַלעס צו פאַרלירן און גאָרנישט צו געווינען.

דיכטער, וואָס קענען נישט לאַכן

(וועגן דוד בערגעלסאָן ביז דער רעוואָלוציע)

ס׳זענען פאַראַן אַזעלכע דיכטער, און צומאָל גרויסע דיכטער און קינסטלער, וואָס קענען נישט לאַכן.

זיי זענען שטענדיק דאָס וואָס מען רופט „טויט ערנסט״: אָדער זיי באַזינגען, אָדער זיי באַוויינען זייערע העלדן. זיי באַשרייבן, באַמאָלן זייערע טיפן און העלדן אין „פולער גרויס״, אָן אַ ברעקל אונטערגרונט. אויף זייערע לייוונטן, זייערע נאָוועלן, פאַרנעמען די טיפן דעם גאַנצן רוים; זיי צעשפּאַרן אַזש די ראָם פונם בילד, די טאָוולען פונם בוך.

יעדן מענטש, יעדן מאָטיוו, ווי מענטשלעך און פשוט די לעצטע זאָלן נישט זיין, מוזן זיי אַוועקשטעלן אויף אַ הויכן פעדעסטאַל. זיי זענען שטענדיק העראָיש, טראַגיש אָדער פּאַטעטיש. זיי זינגען שטענדיק, אַזוי צו זאָגן, מיט איין שטימע אָן מאָדוליאַציע, אָן ניואַנסן. זיי קענען אַליין נישט לאַכן און אַפילו נישט שמייכלען. זיי לאַכן און וויינען נור מיטן געלעכטער און מיטן געוויין פון זייערע העלדן. אָבער פון זיי אַליין און פון זיך אַליין לאַכן זיי כמעט קיינמאָל נישט. זיי האָבן קיין הומאָר נישט.

ס׳איז דאָ אַ גרויסער ענגלישער דיכטער מיטן נאָמען וואָרדסוואָרט, וואָס אַסך ווירדיקע ענגלישע ליטעראַטור־קריטיקער שטעלן אים אין גרויס אַלס דיכטער גלייך נאָך שעקספּירן און מילטאָנען, און פאַר שעלי און בייראָן, און דאָך קען די וועלט, און אַפילו די

ענגלענדער אליין, זייער ווייניק אָט דעם גרויסן פּאָעט. נאָך ווייניקער האָט מען אים ליב. פאַרוואָס?

וואָרדסוואָרט האָט נישט געקענט לאַכן, האָט קיין הומאָר נישט געוויזן אין זיינע פּראַכטפולע מאַרמאָר־קאַלטע לידער. מיט אַן אייז־קאַלטן, גריכיש־קלאַסישן ערנסט האָט ער געזונגען דערהויבן וועגן די דערהויבנסטע מאָטיוון און ווערטן.

ער איז טויט, כּמעט הייליק ערנסט געווען.

אָדער לאָמיר נעמען אַ נאָענטערן ביישפּיל: דעם רוסישן פּאָעט לעאָניד אַנדרעיעוו. וואָס איז די מער מיט אים?

דאַכט זיך אַזאַ גרויסע פּאָרשטעלונג־ און שילדערונג־קראַפט האָט ער פאַרמאָגט; ער האָט „ערפונדן" געוואַלדיק אינטערעסאַנטע מענטשלעכע טיפּן און פּסיכאָלאָגישע קאָנפליקטן און דאָך האָבן אים ליב אויך נור טויט־ערנסטע יונגע סטודענטן און האַלבע אינטעליגענטן. פאַרוואָס? אויך ווייל אַנדרעיעוו האָט נישט געקענט לאַכן: ער האָט עקספּערימענטירט מיט די אינטערעסאַנטסטע טיפּן און פּסיכאָלאָגישע סיטואַציעס, אָבער אויסקלערנדיק, אויסדיכטנדיק זיינע מאָטיוון, איז ער ווי אליין געבליבן שטיין פאַר זיי פאַרגליווערט אין פאַרוווּנדערונג. אַנדרעיעוו האָט אליין פאַר אַנדרעיעוון געוואַלדיקן דרך־ארץ געהאַט. ער איז קיינמאָל זיינע העלדן און מאָטיוון נישט איבערגעוואָקסן. ער איז געבליבן מיט זיי שטיין אויף איין הויך. און אָפטמאָל האָט ער נאָך אַ באַגייסטערטער געקניט פאַר זיינע אייגענע העלדן. און אַ דיכטער, אַ קינסטלער, וואָס שטייט נישט העכער פון זיינע שאַפונגען, האָט נישט און קען קיין הומאָר נישט האָבן.

וועגן וואָס לעאָניד אַנדרעיעוו האָט נישט געשריבן, האָט ער גענומען די העכסטע טענער אַזוי, אַז ער האָט זיך אליין אַסך מאָל איבערגעשריגן. און דעם סך־הכּל פון זיין שאַפן האָט טאָלסטאָי פּראַכטפול כאַראַקטעריזירט: „ער שרעקט אונז, אָבער מיר האָבן קיין מורא נישט". דאָס הייסט ער איז נישט איבערצייגנדיק. ביי אונזער בעסטן ווילן קענען מיר אים נישט גלויבן אין דעם לעבעדיק־קינסטלערישן אמת פון זיינע טיפּן, גלייך ווי מיר וואָלטן געשטאַנען

נישט פאַר לעבעדיקע מענטשן, נור געשטאַרט אויף איבערנאַטירלעך גרויסע טעאַטראַלע מאַסקעס.

ס'איז אפשר אויך גאָרנישט איבעריק צו באַמערקן, אַז הומאָר באַשטייט נישט בלויז אין „קיצלען דעם עולם" און שיטן מיט וויצן, אָדער אויבערפלעכלעך נעמען מענטשן און פון זיי אָפּלאַכן, אָפּשפּעטן. ס'זענען דאָ אַסך פּראָפעסיאָנעלע הומאָריסטן, — אין ליטעראַטור און טעאַטער — וועלכע האָבן אין דער אמתן גאָר קיין הומאָר נישט. אפשר מער ווי אמתע קינסטלער אָן הומאָר זענען פאַראַן הומאָרלאָזע הומאָריסטן. אַ מענטש, מעג ער זיך אָנרופן קינסטלער, וואָס שטשירעט אייך שטענדיק מיט אַ געמאַכטן געלעכטער אין פּנים אַריין, איז נאָך קיין הומאָריסט נישט; איינער וואָס האַלט אין איין ספּאָטיקען זיך און פאַלן, ווי מאַנכע קינאָ-קאָמיקער, איז נאָך נישט קיין הומאָריסט. גיכער דערמאָנען שוין אָט די פּראָפּעסיאָנעלע „לאַכער" אין וויקטאָר הוגאָס טראַגישן „מענטש, וואָס לאַכט שטענדיק". דערפאַר מאַכן אויף אונז מאַנכע פּראָפּעסיאָ-נעלע הומאָריסטן דעם זעלבן טויט-ערנסטן איינדרוק, וואָס עס מאַכן אויף אונז פּראָפּעסיאָנעלע מוסר-זאָגער און סאָציאַלע רעפאָרמער.

וואָס איז דער חילוק, צי אַ פּנים איז שטענדיק אָנגעצויגן אין דער ברייט אָדער אויסגעצויגן אין דער לענג? — ביידע, סיי דער פּראָפּעסיאָנעלער הומאָריסט און סיי דער פּראָפּעסיאָנעלער מאָראַליסט, קענען זיין גלייך הומאָרלאָז.

נישט סתם געלעכטער איז הומאָר.

ס'זענען פאַראַן געלעכטערס פון משוגעים, וואָס שטעלן ביי

אייך די האָר קאַפּויר; ס'זענען פאַראַן „רויטע געלעכטערס", וועלכע האַקן אייך ווי מיט אַ שווערן האַמער איבער די שלייפן. ווי שרעק־לעך „טויט־ערנסט" איז דער געלעכטער פון אידיאָטן! — הומאָר אין ליטעראַטור און לעבן שפּילט די אייגענע אומגעהויער וויכטיקע ראָלע וואָס פּערספּעקטיוו אין מאָלעריי און צייכן־קונסט:

דער מאָלער, דער צייכנער מוז האָבן אַ געוויסע פּערספּעקטיוו (נישט דווקא אַקאַדעמישע), ווען ער צייכנט אַ פּאָרטרעט אָדער אַ לאַנדשאַפט, אַנישט וועלן זייערע בילדער אויסקוקן טויט פאַרגליווערט נישט קוקנדיק אויף די לעבעדיקע דעטאַלן; דער שרייבער, דער נאָוועליסט און אַפילו דער פּאָעט מוזן האָבן הומאָר, אַנישט וועלן זייערע נאָוועלן, סקיצן און לידער אַרויסקומען פאַרגליווערט אין אַ מין טויטער לעבעדיקייט, ווי מאַנכע מאָלערייען, וואָס האָבן קיין פּע־רעספּעקטיוו נישט און אַלע פיגורן און אָביעקטן זענען אויף איין פּלאַן. נישטאָ קיין ווייט און קיין נאָענט, קיין נענטער און ווייטער. אונטערגרונד און לופט פעלט אין דעם סאָרט בילדער.

ווען אַ שרייבער, אַ נאָוועליסט שטייט אויף אַ געוויסער ווייט־קייט, אָפּגעשיידנקייט פון זיינע העלדן און מאָטיוון, מוזן זיי קריגן אַ געוויסן הומאָר: אַ געוויסע פּערספּעקטיוו.

שטייט ער ווידער שטענדיק האַרט לעבן זיינע מאָדעלן, איז ער ווידער קיינמאָל נישט העכער און ווייטער פון זיי, מוז ער בלייבן הומאָרלאָז, וואָס פאַר אַ לאַכנדיקע גרימאַסן ער זאָל דערביי נישט מאַכן.

ווען מיר זאָגן אויף עמעצן, אַז ער האָט אַ חוש פאַר הומאָר, מיינען מיר אין דער אמתן דערמיט, אַז ער האָט אַ חוש, אַ געפיל פאַר פּראָפּאָרץ. דאָס הייסט, אַז דער און דער מענטש איז פעיק צו זעען זאַכן אין זייער ריכטיקער נאַטירלעכער גרויסקייט אָדער קליינקייט, וויכטיקייט און נישט וויכטיקייט. ער טרייבט נישט איבער, ער מאַכט נישט קיין טראַגעדיעס פון געוויינלעכע ערשיינונגען. האָבן אַ „סענס אויף יומאָר", הייסט זיין פעיק צו זעען זאַכן אין אַ לעבעדיקער ליכט, אין אַ אָפענער פרייער לופט און נישט אין די ענגע פיר אייכן אין וועלכע אַלץ מוז ווערן טויט ערנסט, גלייך נאָענט, איין־פּלאַניק. ווען איר שטייט אויף אַ באַשטימטער ווייט פון

אַ געוויסער ערשיינונג, קענט איר בעסער זעען דאָס גאַנצע פונם בילד. און זעענדיק דאָס גאַנצע פון ווייטן, זעט איר עס שוין קלע־נער אין דער נאַטירלעכער פּראָפּאָרץ צו צייט און סביבה.

הומאָר איז אַמאָל אויך אַ פּועל־יוצא פון אַ באַשטימטן שטאַנד־פּונקט, פון אַ געוויסער וועלט־אַנשויונג. און נאָך אָפטער פון אַ שטאַרק אייגנאַרטיקן געמיט אָדער טעמפּעראַמענט.

ווען אַ קינסטלער האָט אַ געוויסע וועלט־אַנשויונג, האָט ער שוין ממילא אויך אַ געוויסע פּערספּעקטיוו צו די טיפן און מאָטיוון וואָס ער שילדערט. זיין וועלט־אַנשויונג מעג זיין פאַלש אָדער ענג, אָבער העכער, ווייטער פון זיינע טיפּן איז ער שוין. ער קריגט פּע־רעספּעקטיוו — אַ באַשטימטע ווייטקייט פון וואַנען צו באַאָבאַכטן. קריגן זיינע בילדער שוין דערפאַר אַן אונטערגרונד. אַ שוואַרצן צי אַ העלן. און איר געפינט שוין געלעכטער, לעבעדיקן שעפערישן הומאָר אין זיינע ווערק.

דערפאַר אויך איז הומאָר אַזוי פאַרשידנאַרטיק ניואַנסירט. יעדער עכטער קינסטלער האָט זיך זיין קוק, זיין פּערספּעקטיוו, זיין אַנ־שויונג אויף מענטשן און לעבן, ד. ה. שוין אויך זיין הומאָר.

ס'איז דאָ אַ שלום־עליכמדיקער „מאַך זיך האַרץ"־הומאָר, און אַ טשעכאָוו־הומאָר, וואָס זיפצט און נאָגט און וואַרעמט מיט אַ האָפנונגסלאָזער סימפּאַטיע צו מענטשן.

טאָלסטאָי האָט זיך זיין הומאָר, און אַפילו דאָסטאָיעווסקי מיט זיינע געוואַלדיקע פינצטערע און ליכטיקע חזיונות האָט אַ הומאָר, וואָס בייסט און קושט צוזאַמען.

מאַנכע מאָל, ווען דער קינסטלער שטעלט זיך אַביסל שוין צו ווייט פון מענטשן און זייער לעבן, ווען ער שטייט געמיטלעך אָדער אידעיש־קולטורעל צו הויך איבערן „עמק הבכא", ווערט ער סאַטיריש.

ער זעט שוין אַלעס צו ווייט און צו קליין אפשר. ער לאַכט מיט פאַראַכטונג, מיט שנאה און גאַל. דער הומאָר איז סאַטיריש.

אונזער מענדעלע האָט געהאַט דאָס סאַטירישע, ווייל ער איז אביסל צו ווייט שוין געשטאַנען פון זיינע „יידעלעך" און ער האָט זיי פיל „קלענער" פון שלום-עליכמען געזען, און ער האָט זיי פיל ווייניקער ווי שלום-עליכם ליב געהאַט.

נאָך העכער זענען געשטאַנען אַזעלכע גרויסע סאַטיריקער ווי סוויפט אין זיין „גאַליווערס טרעוועלס" און אַנאַטאָל פראַנס אין זיין „פינגווען-אינזל". מיט וואָס פאַר אַ פאַראַכטנדיקן געלעכטער האָבן זיי אַראָפגעקוקט אויף דער מענטשלעכער געזעלשאַפט פון די „הויכקייטן" אויף וועלכע די מענטשלעכע נאַרישקייט האָט זיי אַרויפגעטריבן.

יעדער באַדייטנדיקער קינסטלער און פּאָעט (מיט אַ פּאָר אויס-נאַמען) האָט זיין אייגענעם הומאָר, זיין אייגענע פּערספּעקטיוו, לויט דער אידעישער אָדער געמיטלעכער ווייטקייט פון וועלכע דער קינסטלער קוקט אויף זיינע פּאַרשוינען און צייכנט זיי.

ווען אַ שרייבער זעט אַ „טיפּ" אין אַ ריכטיקער פּראָפּאָרציע צום אַרומיקן גרויסן לעבן, שילדערט ער אים שוין מיט אַ געוויסן הומאָר. אויב נישט אַ געלעכטער, קומט שוין דער שמייכל, וועלכער ווייזט דעם טיפּ אינגאַנצן אין זיין לופט און סביבה. שטייט ער אָבער האַרט לעבן זיינע טיפּן און מאָטיוון, שטייט ער נישט העכער און ווייטער פון זיי, באַזינגט ער זיי, אידעאַליזירט ער זיי אָן הומאָר, גלייך ווי מיט די טיפּן און מיט זייער פרייד און צער וואָלט זיך שוין די וועלט געענדיקט. ער זעט זיי דאַן אין דער אמתן נישט. ווייל ער נעמט זיך און זיינע העלדן צו ערנסט. און ער ווייסט אליין אפשר נישט ווו ער איז און ווו זיי — זיינע טיפּן — זענען.

ווען עמעצער פאַלט האַרט לעבן אונז, לאַכן מיר נישט. געלעכטער קומט, ווען מיר זען אײנעם פאַלן פון ווייטן. פאַרוואָס? ווייל דאָס קאָמישע, דאָס הומאָריסטישע זעען מיר נור אויפן פאָן פונם גאַנצן. דערפאַר גלויבן מיר ווי נישט אַ שרייבער אָן הומאָר. אונז דאַכט זיך מיט רעכט, אַז ער האָט ווייטערס און העכערס פון דעם וואָס ער האָט געשילדערט נישט געזען. מיר פרעגן זיך:

וואָס וויל ער? וואָס וויל ער אונז זאָגן מיט זיינע קולות וברקים?
איז עס טאַקע אַזוי געפערלעך, ווי ער וויל זיך און אונז איינרעדן?
„ער שרעקט אונז און מיר האָבן קיין מורא נישט".

II

דער דיכטער, וואָס קען נישט לאַכן, איז אין אונזער ליטעראַטור, דאַכט מיר, דוד בערגעלסאָן.

אָדער אפשר דאַרף מען איצט נאָך זיין אויפריכטיקער, גלויב איך, „תשובה" זאָגן: דוד בערגעלסאָן האָט אין דער ערשטער תקופה פון זיין שאַפן—ביז דער רוסישער רעוואָלוציע—נישט געקענט לאַכן...

אפשר איז דוד בערגעלסאָן לעצטנס טאַקע אַריין אין אַ נייעם שאַפונגס-פעריאָד? אפשר וואַקסט איצט פאַר אונז אַ נייער בערגעלסאָן מיט אַ פּערספּעקטיוו, אַ בערגעלסאָן מיט הומאָר און מיט אַ „וואָרט"? אָבער פונם נייעם בערגעלסאָן איז דערווייליקע לכל הדעות נאָך פרי צו רעדן. און דעם „אַלטן" פאַר-רעוואָלוציאָנערן בערגעלסאָן האָט מען ביי אונז דאַכט זיך אויך נישט ריכטיק אָפּגעשאַצט.

דוד בערגעלסאָן קען נישט לאַכן.

ווען מיר נעמען לייענען בערגעלסאָנס ווערק — ראָמאַנען און נאָוועלן מיט וועלכע ער האָט זיך ביי אונז באַרימט געמאַכט — באַקומען מיר דעם איינדרוק, ווי מיר וואָלטן אַריינגעגאַנגען אין אַיין טויטער וועלט. עס כאַפּט אונז אַרום אַזאַ גרויע שווערע קלעפּיקע לופט, אין וועלכער אַלעס איז שווער בלייערן פאַרגליווערט. עפּעס אַ ריזיקע שפּינגעוועב הענגט אין דער לופטן און אין דעם געוועב הענגען פאַרחלשטע האַלב-טויטע מענטשלעכע ציִ יידישע באַשעפענישן. און זעלטן-ווען גיט זיך עמעצער אַ ריר, אַ דריגע מיט אַ נערוו אין דער גרוי-פּענטעכדיקער שפּינגעוועב-לופט.

ווען איר לייענט דעם „אַלטן" בערגעלסאָן, האָט איר דעם איינדרוק, ווי איר וואָלט זיך געפינען אין איין טויט וועלטל, ווו מענטשן גייען אַרום אין זייער שלאָף ווי לונאַטיקעס אָדער ווי פאַרהיפּנאָטיזירט.

עפּעס רעדן זיי, דאַכט זיך, פון שלאָף, עפּעס קרעכצן זיי, דאַכט זיך, פון די פאַרלייגטע הערצער אַרויס. אָט דאַכט זיך, אַז זיי רירן זיך, באַוועגנדיק בלייערן שווער און לאַנגזאַם מיט די גלידער און אָט דאַכט זיך, אַז זיי הענגען אין דער לופטן און רירן זיך נישט...

און לייענענדיק, קלערט זיך אָפּט: איין געזונטן מענטשלעכן לאַך ווען בערגעלסאָן גיט, וואָלטן אַלע פאַרשוינען זיינע אויפגע־כאַפּט זיך און לעבעדיק געוואָרן.

האָט אָבער בערגעלסאָן (פון פאַר דער רעוואָלוציע) נישט גע־וואָלט, צי נישט געקענט לאַכן.

ער האָט זיינע העלדן פאַרהיפּנאָטיזירט; צי אפשר זיי—אים? האָט ער זיך מיט זיי אַרומגעדרייט אין איין עולם־התוהו־קאַראַהאָד. פויל, אָן ווילן און אָן אַ סוף. און דאָס שפּינוועבס, וואָס ער איז אַזאַ מייסטער צו מאָלן, איז אַלץ געוואַקסן דיקער און געדיכטער אויף זיינע העלדן, אין זיינע ווערק, אויף אים, דעם דיכטער אַליין.

און לייענענדיק אים פלעגן מיר האָבן דעם איינדרוק עפּעס ווי די גאַנצע וועלט, דאָס גאַנצע לעבן וואָלט געליגן אין אַ חלשות אָן אַ פאַרוואָס, אָן אַ פאַרווען...

ווען ס'וואָלט כאָטש געווען אַ „פאַרוואָס" און אַ „פאַרוועך"; ווען בערגעלסאָן וואָלט כאָטש געוואָלט, צי געקענט אַ הויכן לעבעדיקן לאַך טאָן...

איך געדענק, כ'האָב זיין „אָפּגאַנג" נישט געקענט אינגאַנצן דערלייענען. און „אָפּגאַנג" איז דאַכט זיך דער בעסטער ראָמאַן זיינער, זיין מייסטערווערק, ווייל אין דעם בוך ווייזן זיך בערגעלסאָנס מעלות און חסרונות אַמבולטסטן: בערגעלסאָנס מאָנאָטאָנע מאַנעריזמען און זיינע פראַכטפולע „נאַטור־מאָרטן" (שילדערונגען פון „טויטער נאַ־טור"). און כאָטש איך האָב זיין „אָפּגאַנג" נישט דערלייענט, געדענק איך נישט וועלכס ס'איז בוך (נישט נור אין אונזער ליטעראַטור)

זאָל מיר געבן אַזוי פיל פּראָווינציאַנאַליזם צו פילן, אַזוי פיל קליינשטעטלדיקע אַטמאָספערע — אַזוי פיל אינטעליגענטישן פּראָווינציאַנאַליזם.

און טאַקע אפשר צוליבן אַבסאָלוטן מאַנגל פון הומאָר אין דעם בוך.

„אָפּגאַנג" — דאָס כאַראַקטעריסטישסטע ווערק פונם פאַררעוואָלוציאָנערן בערגעלסאָן—איז אַ בוך מיט בלויז גרויע מאָזאַיקס. אַ האָפנונגסלאָזער גרויער קאָלאָריט ליגט אויסגעגאָסן אויף אַלע זיינע העלדן און קאַפּיטלעך פון בוך און זיי זעען שוין אויס אַלע אַלץ איינס, ווי איין לאַנגער שנור פון מוטנע גרוי-גרינלעכע קרעלן...

נאָך וואָס זשע לייענען ווייטער? וואָס איז דער חילוק אויף וועלכן בלאַט איר וועט זיך אָפּשטעלן אָדער פון וועלכן איר וועט אָנפאַנגען לייענען? איר וועט זיך סיי-ווי באַלד דערפילן אין בערגעלסאָנס האַלב-טויטער און האַלב-לעבעדיקער וועלט.

„איך האָב דעם באַרג אין דער וואַנט נישט דערזען... און אַ טיר אַוודאי נישט..." — זאָגט בערגעלסאָן אויף אַן אָרט אין דעם בוך. אַזוי אומעטיק און נישט קלאָר קען נור רעדן אַ דיכטער, וואָס האָט זיך אַליין פאַרפּלאָנטערט אין דעם פּראָווינציאָנעלן שפּינגעוועבלעבן פון זיינע העלדן און טיפן.

אָפּט האָב איך דעם איינדרוק, אַז דוד בערגעלסאָן איז געקומען אין אונזער ליטעראַטור ווי אַ האַלבער גר. מען וואָלט, דאַכט זיך, פון אים נישט געקאָנט ציען אַ דירעקטע ליניע ביז פּרצן אָדער ביז מענדעלען, ווי מען קען עס מיט די אַנדערע אָנגעזעענע יידישע דיכטער און שרייבער.

בערגעלסאָן איז, דאַכט זיך, געקומען צו דער יידישער ליטעראַטור פון אַ זייט. עפּעס איז ער נישט ווי מענדעלעס אַן אייניקל, נור גיכער נאַדסאָנס. און זיינע לייבלעכע חברים-קינסטלער זענען,

דאַכט זיך, נישט אַש, רייזען, און אַפילו נישט נאָמבערג — ווענענס „פליגעלמאַן" ער האָט פאַרטיפט און פאַרפולקומט אין אונזער ליטע־ראַטור — נור... די רוסיש־יידישע אייזמאַנס און יושקעוויטשעס זענען, דאַכט זיך, זיינע אמתע קינסטלער־חברים, כאָטש ער, בערגעלסאָן, איז פון זיי פיל, פיל פעיקער.

ווי אַ עכטער רוסיש־יידישער אינטעליגענט, ווי אַ האַלב־רוסיפיצירטער יונגער ייד איז ער געקומען צו דער יידישער ליטע־ראַטור. פון אַ זייט. און אין אַ בין־השמשות־צייט איז ער געקומען: די רוסישע אינטעליגענץ איז געווען פאַרחלומט טשעכאָוודיק און האַמסוניש. קיין ענערגיע איז נישט געווען, די געמיטער—געפאַלן און דער יידישער נאַציאָנאַליזם איז אין רוסלאַנד דאַן געווען אין פולן שוווּנג. האָט דער יונגער דיכטער בערגעלסאָן דעמאָלט אפשר גע־קלערט: זאָל איך שרייבן אין רוסיש, צי אין יידיש? און ער האָט אויסגעקליבן יידיש. אפשר אויך ווייל זיין קינסטלערישער אינסטינקט האָט צו אים געטייט אויף די יושקעוויטשעס און אייזמאַנס: זע, ווי מען קאַליעטשעט זיך נישט ווילנדיק, ווען מען שרייבט פון יידישן לעבן אין רוסיש.

אָבער ער, בערגעלסאָן, וואָלט אויך געקענט שרייבן אין רוסיש.— און דאָס קען מען נישט זאָגן אויפן גרויסן רוב פון אונזערע אמת־גוטע שרייבער.

מען האָט ביי אונז אַסך געשריבן וועגן בערגעלסאָנס פראַכט־פולן, רייכן יידיש.

איך ווייס נישט ווי אַזוי ס'האָט געקענט ביי אונז געשאַפן ווערן אַזאַ „לעגענדע". איך ווייס נישט צי ביי וועלכן ס'איז באַ־דייטנדן יידישן שרייבער קענט איר געפינען אַזאַ אָרימע יידישע שפּראַך ווי ביי בערגעלסאָנען.

מען קען, דאַכט זיך, איבערציילן די יידישע ווערטער, מיט וועלכע ער אָפערירט. און אויף יעדן זייטל פון זיינע שריפטן קענט איר געפינען אַ פּאָר זאַצן, וועלכע זענען נישט ווילנדיק איבערגעזעצט פון רוסיש.

מאַנאָטאָן ווי זיינע העלדן איז זיין יידישע שפּראַך. זיי לעבן

און רעדן אין אַ מין שטום־לשון. און בערגעלסאָן שרייבט, דאַכט זיך, אויך אויף אַ שטום יידיש לשון.

דאָך רעדט מען ביי אונז וועגן בערגעלסאָנס רייכן יידיש. אפשר דערפאַר ווייל מיט זיינע געצייליטע יידישע ווערטער געלינגט אים דאָך — צוליב זיין גרויסן טאַלאַנט — פּראַכטפולע בילדער און שטימונגען צו מאָלן.

פאַרגעסן מיר נישט אָפט, אַז דווקא שטימונגס־בילדער פאָדערן גאָרנישט קיין סך ווערטער. „אַרום וואָקזאַל", „נאָך אַלעמען" און „אָפּגאַנג" (אַלץ כאַראַקטעריסטישע בערגעלסאָן־נעמען) געווינען נור פון שפּראַך־צימצום, און אַפילו פון שפּראַך־אָרימקייט.

שוין דאָס אַליין, וואָס בערגעלסאָן האָט מיט זיין אָרעמער, האַלב־רוסיפיצירטער יידישער שפּראַך דאָך, ווי קיין אַנדערער, געקענט שאַפן אַזוי פיל פּראַכטפולע „נאַטור מאָרטן" און „אינטעריערן" באַווייזט שוין אַליין וואָס פאַר אַ גרויסער דיכטער ער איז און ווי געוואַלדיק ווערטפול זיינע ווערק וואָלטן געוואָרן אין אונזער ליטע־ראַטור, ווען זיי זענען נישט אַזוי „טויט ערנסט", ווען ער, בערגעל־סאָן, האָט מער הומאָר.

נישט זיין אָרעמע שפּראַך, נישט אַפילו דאָס וואָס ער איז צו אונז געקומען ווי פון אַ זייט מיט אַ באַגאַזש פון טשעכאָוו־ און האַמסון־איינפלוסן וואָלטן אַזוי געשאַדט, — מיט זיין אָרעמען יידיש האָט ער דאָך פּראַכטפולע בילדער געמאָלט און איינפלוסן האָט דאָך יעדער קינסטלער — ווען ער האָט הומאָר, ווען ער קומט צו אַלע האַלב־אינטעליגענטע פאַרשונגען מיט אַ געוויסער אידעישער און טעמפּעראַמענטאַלער דיסטאַנץ; ווען ער איז נישט אַזוי ערנסט פאַר־טאָן אין זייערע נישטיקע אימפּאָטענטע בענקשאַפטן און דאגות. דאָס וואָס וואַרפט אָן אַזאַ טויטע ליכט, אַזאַ מין שפּעריישע „תרדמה" אויף בערגעלסאָנס ערטערווייז פּראַכטפולע ראָמאַנען און נאָוועלן איז

דער טויטער אינטעליגענט — פּראָווינציאָנעלער ערנסט מיט וועלכן ער שילדערט זיינע קורסיסטקעס, אַקושערקעס, דענטיסטן און שטיל־נגידיש־שווייגנדע באַלעבעסלעך.

עפּעס שילדערט זיי בערגעלסאָן, ווי יעדער איינער פון זיי וואָלט געווען כאַטש איין האַמלעט; אין דער צייט ווען זייער גאַנצן „וועלט־שמערץ" וואָלט אַ פליג געקענט אַוועקטראָגן.

אָט דער הומאָרלאָזער, פּערספּעקטיוולאָזער ערנסט וואַרפט עס אַ טויטן בליאַסק אויף זיינע ווערק און אויף בערגעלסאָנס סובטעלער דיכטערישער פּערזענלעכקייט.

נישט זיין וועלט־אָנשויונג פאַרוואַנדלט אַלע זיינע העלדן אין אַזעלכע „דוממס", נור אפשר זיין מאַנגל אין וועלט־אָנשויונג, זיין מאַנגל אין פּערספּעקטיוו — אין הומאָר.

„ער האָט אין דער וואַנט קיין באַרג נישט געזען. און אַ טיר אוודאי נישט".

און ער איז געשטאַנען מיט זיינע העלדן צוזאַמען ביי דער „טויטער וואַנט", זיך געשאָקלט מורמלענדיק אַ תּפילה אָן ווערטער, אַ שטום־לשון־תּפילה.

וואָס האָט ער געוואָלט זאָגן מיט זיינע העלדן, מיט זיינע בילדער? ווי אַזוי האָט ער געקוקט אויף זיי? איז ער געווען העכער, גייסטיק העכער פון אַלע זיינע נגידיש־לייטיש שווייגנדע זיידע־נאָווסקיס?

ער האָט זיי אַזוי ערנסט גענומען, אַז ער האָט אפילו נישט געוואַגט צו לאַכן פון זיי. און זיינע פּראַכטפול־געשילדערטע וועלט־לעך זענען ווי געבליבן טויט אָן דעם לעבן־געבנדיקן טוי: אָן הו־מאָר. עס פעלט אין זיי די זון־ליכט, די פריי־ברייטע לופט, וועלכע באַווייזן זיך נור, ווען מען קוקט אויף אַ שטיק לעבן פון אַ זייט מיט אַ באַשטימטער פּערספּעקטיוו.

אַזוי האָט ער ביז לעצטנס נור געגעבן סילועטן. שוואַרצע סילועטן ענלעך איינער צום צווייטן. אַלע שאָקלען זיי זיך און באַ־וועגן זיך לאַנגזאַם און טרויעריק אויף אַ וואַנט מיט אַ געלער דיכטעריש־קראַנקער ליכט פאַרגאָסן.

עס קען זיין, ווען בערגעלסאָן איז בלויז אַ סקיצן־שרייבער,

וואָלט זיך נישט אָנגעזען זיין מאַנגל אין הומאָר. אָבער ער מאָלט דאָך ס'רוב נור גרויסע לייוונטן, גרויסע סביבה-בילדער; און אין אַזעלכע פאָדערט זיך פיל מער פּערספּעקטיוו ווי אין קליינע סקיצן און קורצע ערציילונגען.

עס קען אויך זיין, אַז זיין מאַנגל אין פּערספּעקטיוו און הו-מאָר, וואָלט זיך נישט אַזוי געפילט, ווען זיינע טיפּן וואָלטן געווען אַליין געזונטערע, פּאָזיטיווערע מענטשן; ווען זיי זענען סאָציאַלע און אינדיווידועלע כוחות, וואָס ווירקן אַפילו ווען זיי זענען נאָך נישט אויסגעקריסטאַליזירט, אויסגעשפּראָכן.

צו אַ „קוילער-געסל", צו „אַ טאַטע מיט בנים" דאַרף מען שוין נישט אַזוי פיל פּערספּעקטיוו. אָט די געזונטע דינאַמישע נאַ-טורן שטראַלן פון זיך אַליין אַרויס אַ געזונטן הומאָר... דער לעזער מוז אַליין אָפּטרעטן, אַזוי צו זאָגן, ווען ער לייענט זיי, ווען ער קוקט אויף זיי. אָבער בערגעלסאָן האָט געשילדערט ס'רוב אַ פוילע אומפּאָטענטע סביבה און האָט זיך, אויסער ווי מיט זיין טאַלאַנט, העכער פון איר נישט אויפגעהויבן.

איך האָב אויבן געזאָגט, אַז הומאָר איז אָפּטמאָל אַ פּועל-יוצא פון אַ מער-וויניקער באַשטימטער וועלט-אָנשויונג, פון אַ באַשטימטן אידעישן (נישט בלויז טעמפּעראַמענטאַלן) קוק אויפן אַרומיקן לעבן.

בערגעלסאָן האָט ביז זיין „תשובה" דאַכט זיך נישט געהאַט אָט די וועלט-אָנשויונג, וועלכע זאָל אים שטעלן העכער אָדער געבן אַ מאָס, אַ קוק אויף דער אינטעליגענט-פּראָווינציאָנעלער סביבה, וואָס ער האָט פּאַר אונז געשילדערט.

וועט עס אים די רוסישע רעוואָלוציע געבן? האָט זי אים עס שוין געגעבן?

דערווייל איז דערויף שווער צו ענטפערן. איצט איז ביי אים

אַלס קינסטלער אַ איבערגאַנג-פּעריאָד און ס'איז נאָך צו פרי צו רעדן וועגן זיין נייעם אָדער באַנייטן קינסטלערישן שאַפן.

נור צי מען איז איינשטימיק מיט זיין נייער וועלט-אָנשויונג, צי נישט; צי זיין נייע קינסטלעריש-פּראָלעטאַרישע אידעאָלאָגיע איז אַ ריכטיקע, צי נישט (וועלכע אָנשויונגען און אידעאָלאָגיעס זענען עס אַבסאָלוט ריכטיק?); אָבער איבערצייגט בין איך, אַז בערגעלסאָן האָט אפשר מער ווי וועלכער ס'איז אַנדערער דיכטער זיך געניטיקט אין אַזאַ ראַדיקאַלן איבערברוך און באַנייונג.

אפשר וועט ער אַצינד זיין אייגענע „טויטע וועלט” לעבעדיק מאַכן?

לעאָ קעניג